STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05328

# AGODES FAR SHULN UN HEYMEN

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Jack & Ruthe Cowl*
*in memory of*
*Annie Mandell, an extraordinary immigrant and mother*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אגדות

## פאר שולן און היימען

— אין —

## העברעיש און יידיש

איבערזעצט א. גאלאמב

פארלאג־געזעלשאפט
"פון קוואל"

# AGADA

LEGENDS FROM TALMUD

Published by

FUN KVAL

1943

Printed by

The Israelite Press, Winnipeg, Canada

25

## לָמָּה נִבְרָא הָאָדָם יְחִידִי?

לְפִיכָךְ נִבְרָא הָאָדָם יְחִידִי – לְלַמֶּדְךָ, שֶׁכָּל הַמְאַבֵּד נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ אִבֵּד עוֹלָם מָלֵא, וְכָל הַמְקַיֵּם נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא; וּמִפְּנֵי שְׁלוֹם הַבְּרִיּוֹת, שֶׁלֹּא יֹאמַר אָדָם לַחֲבֵרוֹ: אַבָּא גָּדוֹל מֵאָבִיךָ

## בְּרִיאַת הָאִשָּׁה

„וַיִּבֶן יְיָ אֱלֹהִים אֶת הַצֵּלָע" – הִתְבּוֹנֵן מֵאַיִן לִבְרֹאתָהּ. אָמַר: לֹא אֶבְרָא אוֹתָהּ מִן הָרֹאשׁ – שֶׁלֹּא תְּהֵא מֵיקֶרֶת רֹאשָׁהּ; וְלֹא מִן הָעַיִן – שֶׁלֹּא תְּהֵא סַקְרָנִית; וְלֹא מִן הָאֹזֶן – שֶׁלֹּא תְּהֵא צַיְתָנִית; וְלֹא מִן הַפֶּה – שֶׁלֹּא תְּהֵא פַּטְפְּטָנִית; וְלֹא מִן הַלֵּב – שֶׁלֹּא תְּהֵא קַנְאָתָנִית; וְלֹא מִן הַיָּד – שֶׁלֹּא תְּהֵא מְמַשְׁמְשָׁנִית; וְלֹא מִן הָרֶגֶל – שֶׁלֹּא תְּהֵא פַּרְסָנִית. אֶלָּא מִן הַצֵּלָע, מִמָּקוֹם שֶׁהוּא צָנוּעַ בָּאָדָם.

אָמַר לוֹ קֵיסָר לְרַבָּן גַּמְלִיאֵל: אֱלֹהֵיכֶם גַּנָּב הוּא, שֶׁנֶּאֱמַר: „וַיַּפֵּל אֱלֹהִים תַּרְדֵּמָה עַל הָאָדָם וַיִּישָׁן וַיִּקַּח אַחַת מִצַּלְעוֹתָיו". אָמְרָה לוֹ בִּתּוֹ: הַנִּיחֵהוּ וַאֲנִי אֲשִׁיבֶנּוּ. אָמְרָה לוֹ לְקֵיסָר: תֵּן לִי דּוּכָּס אֶחָד. אָמַר לָהּ: לָמָּה לָךְ? אָמְרָה לוֹ: לִסְטִים בָּאוּ עָלֵינוּ הַלַּיְלָה וְנָטְלוּ מִמֶּנּוּ קִיתוֹן שֶׁל כֶּסֶף וְהִנִּיחוּ לָנוּ קִיתוֹן שֶׁל זָהָב. אָמַר לָהּ: וּלְוַאי שֶׁיָּבוֹא עָלֵינוּ בְּכָל יוֹם!

– וְלֹא יָפֶה הָיָה לוֹ לְאָדָם הָרִאשׁוֹן שֶׁנִּטְּלָה מִמֶּנּוּ צֵלָע אַחַת וְנִתְּנָה לוֹ אִשָּׁה בִּמְקוֹמָהּ!

א

# פארוואָס איז דער מענטש באשאפן געוואָרן אן איינציקער

דערפאַר איז דער מענטש באשאפן געווארן אן איינציקער — כדי דיך צו לערנען, אז ווער עס ברענגט אום איין יידישן נפש, באררעכנט אים די תורה ווי ער וואָלט אומגעבראכט די גאַנצע וועלט און דער וואָס האַלט אויף איין יידישן נפש, פאַררעכנט אים די תורה ווי ער וואָלט אויפגעהאלטן א גאַנצע וועלט.

און צוליב דעם שלום פון מענטשן. עס זאָל איין מענטש ניט זאָגן צום צווייטן : מיין פאָטער איז גרעסער פון דיין פאָטער.

ב

# די באשאפונג פון דער פרוי

"און גאָט האָט אויפגעבויט דעם ריפ" — ער האָט זיך באַטראַכט פון וואַנען זי צו באַשאַפן. האָט ער געזאָגט : איך וועל זי ניט באַשאַפן פון קאָפ — זי זאָל ניט פאַררייסן איר קאָפ; אויך ניט פון אויג — זי זאָל ניט זיין קיין נאַבקוקעריין; און ניט פון אויער — זי זאָל ניט זיין קיין אונטערהערעריין; און ניט פון מויל — זי זאָל ניט זיין קיין פלאַפלעריין; און ניט פון האַרץ — זי זאָל ניט מקנא זיין; ניט פון האַנט — זי זאָל ניט זיין קיין טאַפעריין; און ניט פון פוס — זי זאָל ניט זיין קיין לויפעריין. נאָר פון דער ריפ, אן אָרט וואָס איז באַהאַלטן ביים מענטשן.

ג

האָט אַ קייסער געזאָגט צו רבן גמליאל : אייער גאָט איז אַ גנב, דען עס איז דאָך געזאָגט געוואָרן : "ער האָט אַרויפגעוואָרפן אַ שלאָף אויף אָדמען און ער איז געשלאָפן ווען ער האָט גענומען איינע פון זיינע ריפן".

זאָגט צו אים זיין טאָכטער : — לאָז, איך וועל אים ענטפערן.

זאָגט זי צום קייסער : — גיב מיר אַ ריכטער.

זאָגט ער צו איר : — צו וואָס ?

זאָגט זי אים : — רויבער זיינען געקומען אויף אונדז ביינאַכט, צוגענומען ביי אונדז אַ זילבערנעם קרוג און אונדז איבערגעלאָזן אַ קרוג אַ גאָלדענעם.

זאָגט דער קייסער צו איר : — הלוואַי זאָלן זיי קומען אלע טאָג.

— איז דען ניט בעסער געווען פאַר אָדם הראשון, וואָס מען האָט צוגענומען ביי אים איין ריפ און אים געגעבן אנשטאָט איר אַ ווייב !

---

אלע מענטשן זיינען גלייך און איטלעכנס לעבן איז הייליק און טייער.

## שְׁקִיעָה רִאשׁוֹנָה שֶׁל חַמָּה.

יוֹם שֶׁנִּבְרָא בּוֹ אָדָם הָרִאשׁוֹן, כֵּיוָן שֶׁשָּׁקְעָה עָלָיו חַמָּה, אָמַר: אוֹי לִי, שֶׁבִּשְׁבִיל שֶׁסָּרַחְתִּי עוֹלָם חָשֵׁךְ בַּעֲדִי וְחוֹזֵר לְתֹהוּ וָבֹהוּ, וְזוֹ הִיא מִיתָה שֶׁנִּקְנְסָה עָלַי מִן הַשָּׁמַיִם. הָיָה יוֹשֵׁב בְּתַעֲנִית וּבוֹכֶה כָּל הַלַּיְלָה וְחַוָּה בּוֹכָה כְּנֶגְדּוֹ. וְכֵיוָן שֶׁעָלָה עַמּוּד־הַשַּׁחַר אָמַר: מִנְהָגוֹ שֶׁל עוֹלָם הוּא־עָמַד וְהִקְרִיב שׁוֹר.

## הָאוֹר.

אָמַר רַבִּי יוֹסֵי: הָאוֹר עָלָה בְּמַחְשָׁבָה לִבְרֹאוֹת בְּעֶרֶב־שַׁבָּת וְלֹא נִבְרָא עַד מוֹצָאֵי־שַׁבָּת. וּבְמוֹצָאֵי־שַׁבָּת נָתַן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ־הוּא דֵּעָה בְּאָדָם הָרִאשׁוֹן מֵעֵין דֻּגְמָא שֶׁל מַעְלָה, וְהֵבִיא שְׁנֵי רְעָפִים וְהִקִּישָׁם זֶה לָזֶה וְיָצָא מֵהֶם אוֹר וּבֵרַךְ עָלָיו „בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ".

## יוֹם שֶׁמִּתְמַעֵט וְהוֹלֵךְ.

כֵּיוָן שֶׁרָאָה אָדָם הָרִאשׁוֹן יוֹם שֶׁמִּתְמַעֵט וְהוֹלֵךְ, אָמַר: אוֹי לִי, שֶׁמָּא בִשְׁבִיל שֶׁסָּרַחְתִּי עוֹלָם חָשֵׁךְ בַּעֲדִי וְחוֹזֵר לְתֹהוּ וָבֹהוּ, וְזוֹ־הִיא מִיתָה שֶׁנִּקְנְסָה עָלַי מִן הַשָּׁמַיִם. עָמַד וְיָשַׁב שְׁמֹנָה יָמִים בְּתַעֲנִית וּבִתְפִלָּה. כֵּיוָן שֶׁבָּאָה תְקוּפַת טֵבֵת וְרָאָה יוֹם שֶׁמַּאֲרִיךְ וְהוֹלֵךְ, אָמַר: מִנְהָגוֹ שֶׁל עוֹלָם הוּא. הָלַךְ וְעָשָׂה שְׁמֹנָה יָמִים־טוֹבִים.

## קַיִן וְהֶבֶל.

„וַיֹּאמֶר קַיִן אֶל הֶבֶל אָחִיו" — אָמַר קַיִן אֶל הֶבֶל: בֹּא וְנַחֲלֹק אֶת הָעוֹלָם. אָמַר לוֹ: הֵן. נָטַל הֶבֶל אֶת הַצֹּאן וְקַיִן אֶת הַקַּרְקָעוֹת, וְהִתְנוּ בֵינֵיהֶם שֶׁלֹּא יְהֵא לָזֶה עַל זֶה כְּלוּם.

ד

# די ערשטע שקיעה (זון־פארגאנג)

אז אדם איז באשאפן געווארן און די זון איז אים פארגאנגען, האט ער געזאגט: ווי מיר, דען ווייל איך האב געזינדיקט ווערט פאר מיר די וועלט פארפינצטערט און זי ווערט צוריק תוהו ובוהו. און דאס איז דער טויט וואס איז ניגזר געווארן אויף מיר פון הימל. איז ער געזעסן און געפאסט און געוויינט די גאנצע נאכט און חוה וויינט אנטקעגן אים. ווען דער מארגן־שטערן איז אויפגעגאנגען, האט ער געזאגט: אזוי איז דער פיר פון דער וועלט, האט ער זיך געשטעלט און מקריב געווען אן אקס.

ה

# דאס פייער

האט רבי יוסי געזאגט: — דאס פייער איז אין געדאנק געווען צו באשאפן נאך ערב שבת. אבער עס איז ניט באשאפן געווארן ביז מוצאי שבת (שבת־צו־נאכט). און מוצאי שבת האט הקדוש ברוך הוא אריינגעגעבן אין אדמען א געדאנק ווי עפעס פון אויבן * און ער האט געבראכט צוויי שטיינער, זיי געריבן איינעם אן צווייטן און עס איז ארויס פון זיי א פייער. האט ער א ברכה געמאכט: "בורא מאורי האש".

ו

# די טעג ווערן קירצער

ווי אדם הראשון האט דערזען אז די טעג ווערן קירצער, האט ער געזאגט: ווי מיר, אפשר ווייל איך האב געזינדיקט ווערט צוריק תוהו ובוהו, און דאס איז דער טויט וואס איז ניגזר געווארן אויף מיר פון הימל. האט ער גענומען און זיך געזעצט אכט טעג אין פאסטן און דאוונען. אז עס איז אנגעקומען די תקופת טבת *) און ער האט באמערקט ווי די טעג ווערן לענגער, האט ער זיך געזאגט: אזוי פירט זיך די וועלט. איז ער אוועק און געמאכט אכט טעג יום־טוב.

ז

# קין און הבל

"האט קין געזאגט צו הבלן זיין ברודער" — אזוי האט קין געזאגט צו הבלן: קום און מיר וועלן פארטיילן די וועלט. זאגט הבל צו אים: — גוט.

האט הבל גענומען די שאף און קין די ערד, און אפגעמאכט האבן זיי צווישן זיך אז איינער מיטן צווייטן קער־זיך גארניט אן.

---

א געדאנק פון אויבן — פון הימל. די חכמה צו באנוצן פייער איז אזוי גרויס, אז נאר א געטלעכער גייסט האט עס געקענט אויסלערנען דעם מענטשן.

תקופת טבת — ווענד־פונקט פון דער ערד אויף איר וועג ארום דער זון. דער קירצסטער טאג איז יאר. נאך דער תקופת טבת ווערן די טעג לענגער.

הִתְחִיל הֶבֶל לִרְעוֹת אֶת הַצֹּאן. אָמַר לוֹ קַיִן: אֲדָמָה זוֹ שֶׁאַתָּה עוֹמֵד עָלֶיהָ שֶׁלִּי. אָמַר לוֹ הֶבֶל: צֶמֶר זֶה שֶׁאַתָּה לָבוּשׁ־שֶׁלִּי. זֶה אוֹמֵר: חֲלוֹץ! וְזֶה אוֹמֵר: פְּרַח! מִתּוֹךְ כָּךְ – „וַיָּקָם קַיִן אֶל הֶבֶל אָחִיו".

הִתְחִיל קַיִן רוֹדֵף אַחֲרָיו מֵהַר לְבִקְעָה וּמִבִּקְעָה לְהַר, עַד שֶׁנֶּאֶחְזוּ זֶה בָּזֶה וְנִצַּח הֶבֶל אֶת קַיִן וְנָפַל תַּחְתָּיו. וּכְשֶׁרָאָה קַיִן כָּךְ הִתְחִיל צוֹוֵחַ: הֶבֶל אָחִי! שְׁנֵינוּ בָּעוֹלָם, מָה אַתָּה הוֹלֵךְ וְאוֹמֵר לְאַבָּא?... נִתְמַלֵּא עָלָיו רַחֲמִים וְהִנִּיחוֹ. מִיָּד עָמַד עָלָיו וַהֲרָגוֹ.

וְהֵיאַךְ הֲרָגוֹ? נָטַל אֶבֶן וְעָשָׂה בּוֹ פְּצִיעוֹת־פְּצִיעוֹת, חַבּוּרוֹת־חַבּוּרוֹת בְּיָדָיו וּבְרַגְלָיו, שֶׁלֹּא הָיָה יוֹדֵעַ מֵהֵיכָן נְשָׁמָה יוֹצֵאת, עַד שֶׁהִגִּיעַ לְצַוָּאר.

כֵּיוָן שֶׁהֲרָגוֹ אָמַר: אֶבְרַח מִפְּנֵי אָבִי וְאִמִּי, שֶׁאֵין מְבַקְשִׁים אוֹתוֹ אֶלָּא מִמֶּנִּי, שֶׁאֵין אַחֵר בָּעוֹלָם אֶלָּא אֲנִי וְהוּא. מִיָּד נִגְלָה עָלָיו הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא. אָמַר לוֹ: מִפְּנֵי אֲבוֹתֶיךָ אַתָּה יָכוֹל לִבְרוֹחַ, מִפָּנַי אֵין אַתָּה יָכוֹל. „אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ?" – „אֵי הֶבֶל אָחִיךָ?" אָמַר לוֹ קַיִן: לֹא יָדַעְתִּי, מָה אַתָּה מְבַקְשׁוֹ אֶצְלִי? אֲנִי מְבַקְשׁוֹ אֶצְלְךָ. אָמַר לוֹ הַקָּבָּ"ה: רָשָׁע! „קוֹל דְּמֵי אָחִיךָ צֹעֲקִים אֵלַי מִן הָאֲדָמָה". מָשָׁל לְאֶחָד שֶׁנִּכְנַס לְגִנָּה וְלִקֵּט תּוּתִים וְאָכַל. וְהָיָה בַּעַל הַגִּנָּה רָץ אַחֲרָיו. אָמַר לוֹ: מַה בְּיָדְךָ? אָמַר לוֹ: אֵין בְּיָדִי כְּלוּם. אָמַר לוֹ: וַהֲלֹא יָדֶיךָ מְלֻכְלָכוֹת... אוֹ לְאֶחָד שֶׁנִּכְנַס לְמִרְעֶה וְחָטַף גְּדִי אֶחָד וְהִפְשִׁילוֹ לַאֲחוֹרָיו. הָיָה בַּעַל־הַמִּרְעֶה רָץ אַחֲרָיו. אָמַר לוֹ: מַה בְּיָדְךָ? אָמַר לוֹ: אֵין בְּיָדִי כְּלוּם. אָמַר לוֹ: וַהֲלֹא הוּא מְפַעֶה אַחֲרֶיךָ...

דָּבָר אַחֵר. כָּךְ אָמַר קַיִן: „הֲשֹׁמֵר אָחִי אָנֹכִי?" – אַתָּה הוּא שׁוֹמֵר כָּל הַבְּרִיּוֹת וְאַתָּה מְבַקְשׁוֹ מִיָּדִי? מָשָׁל לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה? – לְגַנָּב שֶׁגָּנַב כֵּלִים בַּלַּיְלָה וְלֹא נִתְפַּשׂ. לַבֹּקֶר תְּפָשׂוֹ

האָט הבֿל גענומען פּיטערן די שאָף, האָט קין געזאָגט צו אים: —
די ערד וואָס דו שטייסט אויף איר איז מײַנע. האָט הבֿל געזאָגט צו אים: —
די וואָל וואָס דו טראָגסט אויף זיך איז מײַנע. דער זאָגט: „טו אויס“; דער
זאָגט: „פּלי“. פֿון דעם—„און קין איז אויפֿגעשטאַנען אויף הבֿל זײַן ברודער“

האָט קין אָנגעהויבן יאָגן זיך נאָך אים פֿון באַרג אין טאָל און פֿון טאָל צום באַרג, ביז זיי האָבן זיך צונויפֿגענומען איינער אין אַנדערן און הבֿל איז בײַגעקומען קינען און יענער איז געפֿאַלן אונטער אים. ווי קין האָט דערזען, אַז עס איז אַזוי, האָט ער גענומען שרײַען: „הבֿל מײַן ברודער! אין צווייען זײַנען מיר אויף דעם וועלט, וואָס וועסטו גיין זאָגן דעם פֿאָטער? איז ער געוואָרן פֿול מיט רחמנות אויף אים און אים געלאָזן. תיכף האָט זיך יענער געשטעלט און אים דערהרגעט.

און ווי אַזוי האָט ער אים דערהרגעט? ער האָט גענומען אַ שטיין און אים געמאַכט אַ ווונד אויף אַ ווונד, אַ בײַל אויף אַ בײַל, ווײַל ער האָט ניט געוווּסט דורך וואַנען די נשמה גייט אַרויס,—ביז ער האָט געטראָפֿן צום האַלדז

אַז ער האָט אים דערהרגעט, האָט ער געטראַכט: לאָמיך אַנטלויפֿן פֿון פֿאָטער און מוטער, ווײַל זיי וועלן אים פֿון קיינעם ניט פֿאָדערן נאָר פֿון מיר, דען אויף דער וועלט איז דאָך ניטאָ קיין אַנדערער חוץ מיר מיט אים. האָט זיך באַלד אַנטפּלעקט פֿאַר אים דער הקב"ה און געזאָגט:

— פֿון דײַנע עלטערן קענסטו אַנטלויפֿן, פֿון מיר קענסטו עס ניט. „און אַז אַ מענטש וועט זיך אין פֿאַרבאָרגעניש באַהאַלטן, וועל איך אים דען ניט זען?“ — „ווו איז הבֿל, דײַן ברודער?!“

זאָגט קין צו אים: — איך ווייס ניט. וואָס פֿאָדערסטו אים פֿון מיר? איך זוך אים בײַ דיר.

האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו אים: — רשע! דער קול פֿון דײַן ברודערס בלוט שרײַט צו מיר פֿון דער ערד.

עס איז אַ משל צו איינעם וואָס איז אַרײַן אין אַ (פּרעמדן) גאָרטן, אָנקעקליבן רויטע יאַגעדעס און זיי געגעסן. איז דער בעל הבית פֿון גאָרטן געלאָפֿן נאָך אים און געזאָגט אים: — וואָס האַלסטו אין האַנט? — זאָגט יענער — גאָרנישט. — האָט ער אים געזאָגט: — זײַנען דאָך דײַנע הענט אײַנגעשמירט . . .

אָדער (עס איז ענלעך) צו איינעם וואָס איז אַרײַן אויף אַ פּיטער־פּלאַץ, געכאַפּט אַ שעפּעלע און פֿאַרוואָרפֿן אַהינטער אויף דער פּלייצע. איז געלאָפֿן הינטער אים דער בעל הבית און זאָגט: — וואָס האָסטו אין האַנט? זאָגט יענער צו אים: גאָרניט. זאָגט ער: — אָט מעקעט עס דאָך הינטער דיר.

אַן אַנדער זאַך. אַזוי האָט געזאָגט קין: השומר אָחי אנוכי? . . — דו ביסט דאָך דער היטער פֿון אַלע באַשעפֿענישן, וואָס־זשע זוכסטו אים פֿון מיר? אַ משל, צו וואָס איז עס גלײַך? — צו אַ גנבֿ וואָס האָט בײַנאַכט געגנבֿעט זאַכן און איז ניט געכאַפּט געוואָרן. אין פֿרימאָרגן כאַפּט אים דער

הַשּׁוֹעֵר. אָמַר לוֹ: לָמָּה גָּנַבְתָּ אֶת הַכֵּלִים? אָמַר לוֹ: אֲנִי גַּנָּב וְלֹא הִנַּחְתִּי אֻמָּנוּתִי; אֲבָל אַתָּה אֻמָּנוּתְךָ לִשְׁמוֹר בַּשַּׁעַר, לָמָּה הִנַּחְתָּ אֻמָּנוּתְךָ וְלֹא שָׁמַרְתָּ? וְאַף קַיִן כָּךְ אָמַר: אֲנִי הֲרַגְתִּי אוֹתוֹ – בָּרָאתָ בִּי יֵצֶר־הָרָע, אַתָּה שׁוֹמֵר אֶת הַכֹּל וְלִי הִנַּחְתָּ לְהָרְגוֹ? אַתָּה הוּא שֶׁהֲרַגְתּוֹ! שֶׁאִלּוּ קִבַּלְתָּ קָרְבָּנִי כְּמוֹתוֹ לֹא הָיִיתִי מִתְקַנֵּא בוֹ.

מִיַּד הֱשִׁיבוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: „מֶה עָשִׂיתָ, קוֹל דְּמֵי אָחִיךָ צוֹעֲקִים".

אָמַר לוֹ קַיִן: רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! לֹא יָדַעְתִּי וְלֹא רָאִיתִי הָרוּג מִיָּמַי. וְכִי הָיִיתִי יוֹדֵעַ, שֶׁאֲנִי מַכֵּהוּ בָּאֶבֶן וְהוּא מֵת? וְעוֹד אָמַר לְפָנָיו: רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! יֵשׁ לְפָנֶיךָ דֵּלָטוֹרִים, שֶׁמַּלְשִׁינִים אֶת הָאָדָם לְפָנֶיךָ? אָבִי וְאִמִּי הֲרֵי הֵם בָּאָרֶץ וְאֵינָם יוֹדְעִים שֶׁאֲנִי הֲרַגְתִּיו, וְאַתָּה בַּשָּׁמַיִם – מִנַּיִן אַתָּה יוֹדֵעַ? אָמַר לוֹ הַקָּבָּ"ה: שׁוֹטֶה! כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ אֲנִי סוֹבֵל. אָמַר לוֹ: כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ אַתָּה סוֹבֵל, וַעֲוֹנִי אֵינְךָ יָכוֹל לִסְבּוֹל? „גָּדוֹל עֲוֹנִי מִנְּשׂוֹא"! אָמַר לוֹ הַקָּבָּ"ה: הוֹאִיל וְעָשִׂיתָ תְּשׁוּבָה צֵא וּגְלֵה מִן הַמָּקוֹם הַזֶּה. מִיַּד– „וַיֵּצֵא קַיִן מִלִּפְנֵי ה' וַיֵּשֶׁב בְּאֶרֶץ נוֹד".

כְּשֶׁיָּצָא כָּל מָקוֹם שֶׁהָיָה הוֹלֵךְ הָיְתָה הָאָרֶץ מִזְדַּעְזַעַת מִתַּחְתָּיו. וְהָיוּ חַיּוֹת וּבְהֵמוֹת מִזְדַּעְזְעוֹת וְאוֹמְרוֹת: מַהוּ זֶה? אוֹמְרוֹת זוֹ לָזוֹ: קַיִן הָרַג אֶת הֶבֶל אָחִיו וְגָזַר הַקָּבָּ"ה עָלָיו „נָע וָנָד תִּהְיֶה", נֵלֵךְ אֶצְלוֹ וְנֹאכְלֶנּוּ. וְהָיוּ מִתְכַּנְּסוֹת וּבָאוֹת אֶצְלוֹ. בְּאוֹתָהּ שָׁעָה זָלְגוּ עֵינָיו דְּמָעוֹת וְאָמַר:

„אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח?
אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה, וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל – הִנֶּךָּ;
אֶשָּׂא כַנְפֵי שָׁחַר, אֶשְׁכְּנָה בְּאַחֲרִית יָם –
גַּם שָׁם יָדְךָ תַנְחֵנִי וְתֹאחֲזֵנִי יְמִינֶךָ".

שומר און זאגט אים: וואס האסטו געגנבעט די זאכן? זאגט ער: איך בין א גנב, האב איך מיין ארבעט ניט פארלאזן. אבער דו, דיין ארבעט איז דאך צו היטן, טא פארוואס האסטו פארלאזן דיין-ארבעט און ניט געהיט? אזוי האט אויך קין געזאגט: איך האב אים געהרגעט — האסטו דאך אין מיר באשאפן א יצר־הרע. דו היטסט דאך אלץ און מיר האסטו געלאזט אים הרגענען? דו האסט אים אומגעבראכט! דען ווען דו וואלסט צוגענומען מיין קרבן ווי זיינעם, וואלט איך אים ניט מקנא געווען. באלד האט אים הקדוש ברוך הוא געענטפערט: — "וואס האסטו געטאן? דער קול פון דיין ברודערס בלוט שרייט".

האט קין צו אים געזאגט: ריבונו של עולם! איך האב ניט געוווסט, איך האט קיין געהרגעטן ניט געזען. צי האב איך געוווסט, אז ווען איך שלאג אים מיט א שטיין, וועט ער שטארבן?

און נאך האט ער אים געזאגט: האסטו דען נאכשפירער וואס מסרן דיר אויף מענטשן? מיין טאטע־מאמע זיינען אויף דער ערד און זיי ווייסן ניט אז איך האב אים געהרגעט — און דו איז הימל פון וואנען ווייסטו?

האט אים הקדוש ברוך הוא געזאגט: — נאר! די גאנצע וועלט טראג איך. האט ער אים געזאגט: — די גאנצע וועלט טראגסטו און מיין זינד קענסטו ניט פארטראגן! "צו גרויס, ניט צו פארטראגן איז מיין זינד!"

האט אים הקדוש ברוך הוא געזאגט: — ווייל דו האסט תשובה געטאן, טא גיי און ווער פארטריבן פון דעם ארט. "באלד איז ארויסגעגאנגען קין פון פאר גאט און איז געזעסן אין לאנד נוד".

ווען ער איז ארויס האט אין איטלעכן ארט וווּ ער איז געגאנגען די ערד געציטערט אונטער אים. האבן די חיות און בהמות געציטערט און געפרעגט: — וואס איז עם? האט איינע דער צווייטער געזאגט: — קין האט געטויט זיין ברודער הבלען. האט הקדוש ברוך הוא אויף אים גוזר געווען "נע ונד זאלסטו זיין", טא לאמיר גיין און אים אויפעסן. האבן זיי זיך צונויפגענומען און געגאנגען צו אים.

אין יענער צייט האב זיינע אויגן געגאסן טרערן:

— וווּהין זאל איך גיין פון געמיט און ווו זאל איך אנטלויפן פאר דיין געזיכט?

וועל איך זיך צום הימל אויפהויבן — ביסטו דארטן; זאל איך זיך אראפלאזן צום אפגרונט — ביסטו דארטן;

זאל איך זיך טראגן מיט די פליגלען פון מארגן־שטערן; זאל איך וווינען ביים ים — אויך דארטן פירט מיך דיין רעכטע האנט.

---

קינס טענות: אויב גאט פירט אן מיט די מעשים פון איטלעכן מענטשן, טא פארוואס קומט דעם מענטשן א שטראף פאר זיין שלעכטס? עס איז דאך פון גאט באשערט?

ענטפערט גאט: אין די גוטע און שלעכטע מעשים איז שולדיק דער מענטש.

## קְבוּרָה רִאשׁוֹנָה.

כְּשֶׁנֶּהֱרַג הֶבֶל הָיָה מוּטָל בַּשָּׂדֶה וְדָמוֹ מֻשְׁלָךְ עַל הָעֵצִים וְעַל הָאֲבָנִים. וְהַכֶּלֶב שֶׁהָיָה מְשַׁמֵּר צֹאנוֹ שֶׁל הֶבֶל הָיָה מְשַׁמֵּר נִבְלָתוֹ מִכָּל חַיּוֹת הַשָּׂדֶה וְעוֹף הַשָּׁמַיִם. בָּאוּ אָדָם וְחַוָּה וְיָשְׁבוּ כְּנֶגְדּוֹ וְהָיוּ בּוֹכִים וּמִתְאַבְּלִים עָלָיו וְלֹא הָיוּ יוֹדְעִים מַה לַּעֲשׂוֹת. עוֹרֵב אֶחָד שֶׁמֵּת חֲבֵרוֹ אָמַר: אֲנִי מְלַמֵּד לְאָדָם זֶה מַה לַּעֲשׂוֹת. נָטַל אֶת חֲבֵרוֹ וְחָפַר בָּאָרֶץ לְעֵינֵיהֶם וּקְבָרוֹ. אָמַר אָדָם: כָּעוֹרֵב זֶה נַעֲשֶׂה. נָטַל נִבְלָתוֹ שֶׁל הֶבֶל וּקְבָרָהּ בָּאָרֶץ.

## כֹּחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה.

„וַיֵּצֵא קַיִן מִלִּפְנֵי ה'" — יָצָא שָׂמֵחַ. פָּגַע בּוֹ אָדָם הָרִאשׁוֹן. אָמַר לוֹ: מַה נַּעֲשָׂה בְּדִינְךָ? אָמַר לוֹ: עָשִׂיתִי תְשׁוּבָה וְנִתְפַּשַּׁרְתִּי. הִתְחִיל אָדָם הָרִאשׁוֹן מְטַפֵּחַ עַל פָּנָיו וְאָמַר: כָּךְ הוּא כֹּחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה וַאֲנִי לֹא הָיִיתִי יוֹדֵעַ! מִיָּד עָמַד אָדָם הָרִאשׁוֹן וְאָמַר: „מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת. טוֹב לְהוֹדוֹת לַה'".

## נֹחַ אִישׁ צַדִּיק בְּדֹרוֹתָיו.

„נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו" — אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן: „בְּדוֹרוֹתָיו" וְלֹא בְּדוֹרוֹת אֲחֵרִים; וְרֵישׁ־לָקִישׁ אָמַר: „בְּדוֹרוֹתָיו" — כָּל־שֶׁכֵּן בְּדוֹרוֹת אֲחֵרִים. אָמַר רַבִּי חֲנִינָא: מָשָׁל שֶׁל רַבִּי יוֹחָנָן לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה? לְחָבִית שֶׁל יַיִן שֶׁהָיְתָה מֻנַּחַת בְּמַרְתֵּף שֶׁל חֹמֶץ; בִּמְקוֹמָהּ רֵיחָהּ נוֹדֵף, שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמָהּ אֵין רֵיחָהּ נוֹדֵף. אָמַר רַב אוֹשַׁעְיָא: מָשָׁל שֶׁל רֵישׁ־לָקִישׁ לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה? לִצְלוֹחִית שֶׁל פַּלְיָטוֹן שֶׁהָיְתָה מֻנַּחַת בִּמְקוֹם הַטִּנֹּפֶת; בִּמְקוֹמָהּ רֵיחָהּ נוֹדֵף, וְכָל־שֶׁכֵּן בִּמְקוֹם הַבֹּשֶׂם.

ח

## די ערשטע קבורה

אז הבל איז דערהרגעט געווארן, איז ער געבליבן ליגן אין פעלד און זיין בלוט איז געווען פארשפריצט אויף די ביימער און די שטיינער, און דער הונט וואס פלעגט היטן הבלס שאף, האט געהיט זיין גוף פון אלע חיות אין פעלד און פון די פייגל פון הימל. זיינען געקומען אדם און חוה, האבן זיך געזעצט קעגנאיבער און געוויינט און געטרויערט אויף אים און זיי האבן ניט געוווּסט וואס צו טאן.

א ראב וואס זיין חבר איז געשטארבן האט געזאגט: — איך וועל דעם מענטשן אויסלערנען וואס צו טאן. האט ער גענומען זיין (טויטן) חבר און אים פארגראבן אין דער ערד פאר זיי אין די אויגן און אים מקבר געווען.

האט אדם געזאגט: — ווי דער ראב וועלן מיר טאן. האט ער גענומען הבלס קערפער און אים באגראבן אין דער ערד.

ט

## דער כוח פון תשובה טאן

און קין איז ארויס פון פאר גאט" — ער איז ארויס פריילעך. האט אים באגעגנט אדם הראשון, האט ער אים געזאגט: — וואס איז געווארן מיט דיין משפט? האט ער אים געזאגט: — איך האב תשובה געטאן און זיך איבערגעבעטן. האט אדם הראשון גענומען זיך שלאגן אין פנים און האט געזאגט: — אזא כוח האט די תשובה, און איך האב עס ניט געוווּסט! באלד האט זיך אדם הראשון געשטעלט און געזאגט "מזמור שיר ליום השבת"

י

## נוח א צדיק אין זיינע דורות

"נוח איז געווען א צדיק תמים אין זיינע דורות" — האט געזאגט רבי יוחנן: "אין זיינע דורות" אבער ניט אין אנדערע דורות.

און ריש לקיש האט געזאגט: "אין זיינע דורות" — א פשיטא שוין (נאך מערער) אין אנדערע דורות.

האט רבי חנינא געזאגט: א משל צו רבי יוחננס געדאנק, צו וואס איז די זאך געגליכן? — צו א פאס וויין וואס איז געלעגן אין א קעלער מיט עסיק; אין איר ארט שלאגט זיך איר ריח, אין א צווייטן ארט שלאגט ניט איר ריח.

האט רב הושעיא געזאגט: — א משל צו וואס איז ריש לקישעס זאך געגליכן? — צו א גלעזל שמעקנדיקן אויל, וואס איז געלעגן אין א שמוציקן ארט: אפילו אין זיין ארט שלאגט זיין ריח, צווישן בשמים (שמעקנדיקע געווירצן) א פשיטא שוין.

---

תשובה. די וועלט און דעם מענטשנס לעבן זיינען באשטימט ניט דורך א בלינדן גורל, ווי עס האבן געגלויבט אנדערע. נאר דורך זיין פירונג און זיינע מעשים. "ווי מען גרייט זיך צו ערב שבת, אזוי האט מען שבת": "ווי מען בעט זיך אויס, אזוי שלאפט מען" אז א מענטש איז גובר אין זיך די שלעכטס און ער ווערט בעסער, ווערט אים פרייער איז גליקלעך, זיין לעבן ווערט א סך בעסער.

## שֶׁקֶר בַּתֵּבָה.

אָמַר ר׳ לֵוִי: בְּשָׁעָה שֶׁאָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְנֹחַ: כְּנוֹס לְךָ שְׁנַיִם־שְׁנַיִם מִכָּל מִין וָמִין בַּתֵּבָה, בָּאוּ כֻּלָּם אֶל נֹחַ וְנִכְנְסוּ כָּל אֶחָד וְאֶחָד עִם זוּגוֹ. בָּא שֶׁקֶר וְרָצָה לִכָּנֵס. אָמַר לוֹ נֹחַ: אִי אַתָּה יָכוֹל אֶלָּא אִם כֵּן אַתָּה נוֹשֵׂא לְךָ בַּת־זוּג. הָלַךְ שֶׁקֶר וּבִקֵּשׁ לוֹ בַּת־זוּג. פָּגַע בִּמְאֵרָה. אָמְרָה לוֹ: מֵהֵיכָן אַתָּה בָא? אָמַר לָהּ: מֵאֵצֶל נֹחַ, שֶׁהָיִיתִי רוֹצֶה לִכָּנֵס לַתֵּבָה וְלֹא הִנִּיחַנִי אִם כֵּן אֶלָּא יֵשׁ לִי בַּת־זוּג. רְצוֹנֵךְ, הֲוִי בַּת־זוּגִי. אָמְרָה לוֹ: וּמָה אַתָּה נוֹתֵן לִי? אָמַר לָהּ: אֲנִי מְתַקֵּן עִמָּךְ, שֶׁכָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְסַגֵּל אַתְּ נוֹטֶלֶת. שָׁמְעָה לוֹ וְנִכְנְסוּ שְׁנֵיהֶם לַתֵּבָה. כֵּיוָן שֶׁיָּצְאוּ מִן הַתֵּבָה – הָיָה שֶׁקֶר הוֹלֵךְ וּמְכַנֵּס וּמְאֵרָה נוֹטֶלֶת רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן. בָּא שֶׁקֶר וְאָמַר לָהּ: הֵיכָן כָּל מַה שֶּׁסִּגַּלְתִּי? אָמְרָה לוֹ: וְכִי לֹא כָּךְ הִתְנֵה בֵּינֵינוּ, שֶׁכָּל מַה שֶּׁאַתָּה מְכַנֵּס אֲנִי נוֹטֶלֶת? לֹא הָיָה לוֹ פִּתְחוֹן־פֶּה.

## הַיּוֹנָה וַעֲלֵה זַיִת.

„וְהִנֵּה עֲלֵה זַיִת טָרָף בְּפִיהָ“ – אָמְרָה יוֹנָה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, יְהוּ מְזוֹנוֹתַי מְרוּרִים כְּזַיִת וּמְסוּרִים בְּיָדְךָ, וְאַל יְהוּ מְתוּקִים כִּדְבַשׁ וּמְסוּרִים בְּיַד בָּשָׂר־וָדָם.

## כַּרְמוֹ שֶׁל נֹחַ

כְּשֶׁהִתְחִיל נֹחַ נוֹטֵעַ בָּא שָׂטָן וְעָמַד לְפָנָיו. אָמַר לוֹ: מָה אַתָּה נוֹטֵעַ? אָמַר לוֹ: כֶּרֶם. אָמַר לוֹ הַשָּׂטָן: מַה טִּיבוֹ? אָמַר לוֹ: פֵּרוֹתָיו מְתוּקִים בֵּין לַחִים בֵּין יְבֵשִׁים וְעוֹשִׂין מֵהֶם יַיִן הַמְשַׂמֵּחַ לְבָבוֹת. אָמַר לוֹ הַשָּׂטָן: רְצוֹנְךָ שֶׁנִּטְּעֶנּוּ יַחַד אֲנִי וְאַתָּה. אָמַר לוֹ: הֵן. מֶה עָשָׂה הַשָּׂטָן? הֵבִיא רְחֵלָה וּשְׁחָטָהּ עַל הַגֶּפֶן; אַחַר־כָּךְ

יא

## דער שקר אין נוחס תיבה (נוחס קאסטן)

האט ר׳ לוי געזאגט : ווען הקדוש ברוך הוא האט געזאגט נוחן : נעם אריין פון איטלעכן מין צו צוויי אין תיבה, זיינען געקומען אלע (באשעפענישן), איטלעכער מיט זיין פאר. איז געקומען דער שקר און געוואלט אריינגיין. האט אים נוח געזאגט: דו קענסט עס ניט סיידן דו נעמסט זיך א פאר. איז געגאנגען דער שקר און זיך זיי זיווג געזוכט. האט ער באגעגנט די קללה. האט זי צו אים געזאגט : — פון וואנען קומסטו ?

האט דער שקר געענטפערט : — פון נוחן (קום איך). כ׳האב געוואלט אריין אין תיבה, האט ער מיר ניט אריינגעלאזט סיידן איך האב מיין זיווג. ווילסטו אפשר זיין מיין באשערטע ?

האט זי אים געזאגט : — און וואס וועסטו מיר געבן ?

האט ער איר געזאגט : — איך מאך אפ מיט דיר אז אלץ וואס איך וועל דערווערבן וועסטו צונעמען. האט זי אים געפאלגט און זיי זיינען ביידע צוזאמען אריין אין תיבה.

ווען זיי זיינען ארויס פון תיבה (נאכן מבול) האט דער שקר גענומען זאמלען און די קללה נעמט עס איינציקווייז צו. קומט דער שקר און זאגט איר: ווו איז גאר מיין איינגנס וואס איך האב זיך איינגעשאפט ? האט אים די קללה געענטפערט : — "צי איז דען ביי אונדז ניט געווען אזא תנאי, אז וואס דו שאפסט איין, נעם איך צו ? האט דער שקר קיין מויל ניט געהאט וואס צו ענטפערן.

וואס דער שקר געווינט — לאזט די קללה מיטן ווינט. *

יב

## די טויב און דער איילבערט בלאט

"און אט אן איילבערט בלאט אפגעריסן אין איר מויל". — האט די טויב געזאגט פאר הקדוש ברוך הוא : ריבונו של עולם, זאל מיין שפייז זיין ביטער ווי איילבערטן (ניט קיין צוגעריכטע, רויע) און איבערגעגעבן אין דיין האנט און זאל זי ניט זיין זיס ווי האניק און איבערגעגעבן אין די הענט פון א מענטשן (ליבער א ביטער בלאט פון גאטס גנאד — איידער זיסער האניק פון מענטשנס גאב).

יג

## נוחס וויינגארטן

אז נוח האט אנגעהויבן פלאנצן איז געקומען דער שטן, שטעלט זיך פאר אים און זאגט אים : — וואס פלאנצסטו ? זאגט ער אים : — א וויינגארטן. האט דער שטן אים געזאגט : — וואס גוטס איז אים ? זאגט ער אים : זיינע פרוכט זיינען זיס סיי זאפטיקע, סיי טרוקענע (ראזינקעס) און מען מאכט פון זיי וויין וואס דערפרייט הערצער. זאגט דער שטן: — ווילסטו מיר זאלן אים פלאנצן צוזאמען איך און דו ? זאגט ער : — רעכט. וואס האט דער שטן געטאן ? — האט ער געבראכט א שעפעלע און עס געקוילעט אויפן וויינשטאק.

---

* עס קען ניט זיין קיין מזל ברכה אין דעם וואס א מענטש האט געקראגן דורך שקר. סוף־כל־סוף גייט עס אוועק מיט א קללה.

הֵבִיא אֲרִי וּשְׁחָטוֹ עָלֶיהָ; אַחַר־כָּךְ הֵבִיא קוֹף וּשְׁחָטוֹ עָלֶיהָ; אַחַר־כָּךְ הֵבִיא חֲזִיר וּשְׁחָטוֹ עָלֶיהָ — וְהִטִּיף דְּמֵיהֶם וְהִשְׁקָה בָּהֶם אוֹתוֹ הַכֶּרֶם. רָמַז לוֹ: כְּשֶׁאָדָם שׁוֹתֶה כּוֹס אַחַת — הֲרֵי הוּא כְּרָחֵלָה: עָנָיו וּשְׁפַל רוּחַ; כְּשֶׁהוּא שׁוֹתֶה שְׁתֵּי כוֹסוֹת — מִיָּד נַעֲשֶׂה גִּבּוֹר כָּאֲרִי וּמַתְחִיל לְדַבֵּר גְּדוֹלוֹת וְאוֹמֵר: מִי כָּמוֹנִי: כֵּיוָן שֶׁשָּׁתָה שָׁלֹשׁ אוֹ אַרְבַּע כּוֹסוֹת — מִיָּד הוּא נַעֲשֶׂה כְּקוֹף: עוֹמֵד וּמְרַקֵּד וּמְשַׂחֵק וּמְנַבֵּל פִּיו לִפְנֵי הַכֹּל וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ מַה יַּעֲשֶׂה. נִשְׁתַּכֵּר — נַעֲשֶׂה כַּחֲזִיר: מִתְלַכְלֵךְ בְּטִיט וּמוּטָל בָּאַשְׁפָּה.

וְכָל זֶה אֵרַע לְנֹחַ הַצַּדִּיק.

## אַבְרָהָם נִצַּל מִכִּבְשַׁן הָאֵשׁ

בֵּית אָבִיו שֶׁל אַבְרָהָם הָיוּ עוֹשִׂים צְלָמִים וּמוֹכְרִים בַּשּׁוּק. יוֹם אֶחָד הִגִּיעַ לְאַבְרָהָם לִמְכּוֹר. נָתַן לוֹ תֶּרַח אָבִיו קֻפּוֹת שֶׁל אֱלָהוֹת וְהוֹשִׁיבוֹ בַּשּׁוּק. בָּא אֵלָיו אָדָם אֶחָד וְאָמַר לוֹ: יֵשׁ לְךָ אֱלוֹהַּ לִמְכּוֹר? אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: אֵיזֶה אֱלוֹהַּ אַתָּה רוֹצֶה לִקַּח? אָמַר לוֹ: אֲנִי גִּבּוֹר, תֵּן לִי אֱלוֹהַּ גִּבּוֹר כְּמוֹתִי. נָטַל אַבְרָהָם פֶּסֶל אֶחָד, שֶׁהָיָה עוֹמֵד לְמַעְלָה מִכֻּלָּם, וְאָמַר לוֹ: תֵּן אֶת הַדָּמִים וְטוֹל לְךָ אֶת זֶה. אָמַר לוֹ: וְכִי אֱלוֹהַּ זֶה גִּבּוֹר כְּמוֹתִי? אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: רֵיקָא, עֲדַיִן אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ מִשְׁפַּט אֱלָהוֹת? מִי שֶׁעוֹמֵד לְמַעְלָה מִכֻּלָּם הֲרֵיהוּ גִּבּוֹר מִכֻּלָּם!

כְּשֶׁנִּפְטַר הָאִישׁ לֵילֵךְ אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: בֶּן כַּמָּה שָׁנִים אַתָּה? אָמַר לוֹ: בֶּן שִׁבְעִים שָׁנָה אֲנִי. אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: אוֹי לוֹ לְאוֹתוֹ אִישׁ, שֶׁהוּא בֶּן שִׁבְעִים וּמִשְׁתַּחֲוֶה לֶאֱלוֹהַּ זֶה שֶׁנַּעֲשָׂה הַיּוֹם! מִיָּד הֶחֱזִיר וְהִשְׁלִיךְ הָאִישׁ אוֹתוֹ אֱלוֹהַּ לְתוֹךְ קֻפָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם וְחָזַר וְנָטַל מֵאַבְרָהָם אֶת דָּמָיו. נִסְתַּלֵּק וְהָלַךְ לוֹ.

נאכדעם האט ער געבראכט א לייב און אים געקוילעט אויף דעם. שפּעטער האט ער געבראכט א מאלפּע און זי געשאכטן און נאכדעם האט ער געבראכט א חזיר און אים געשאכטן. — און ער האט באשפּריצט מיט זייער בלוט און באגאסן דעם ווייַנגארטן.

ער האט דערמיט אים אנגעוווּנקען: אז א מענטש טרינקט אוים איין כּוס — איז ער ווי א שעפּעלע באשיידן און געמיטלעך; טרינקט ער צוויי גלעזער, — ווערט ער באלד העלדיש ווי א לייב, הויבט אן רײדן גרוים און זאגט זיך: ווער איז ווי איך. ווי ער האט געטרונקען דרייַ אדער פיר כּוסות, ווערט ער באלד ווי א מאלפּע, שפּרינגט און לאכט און שמוצט זייַן מויל מיט "ניבּול פּה" (אומאנשטענדיקע רייד) פאר אלעמען אין די אויגן און ווייס ניט וואס ער טוט.

האט ער זיך אנגעשיכּורט ווערט ער ווי א חזיר: שמירט זיך אין בלאטע און וואלגערט זיך אין מיסט.

און דאס אלץ איז געשען מיט דעם צדיק נוח.

יד

# אַברהם ווערט ניצול פונם קאַלך אויוון

אַבֿרהמס פאטערס (תרח) הויזגעזינט פלעגט מאכן צלמים און זיי פארקויפן אין מארק. איין טאג איז אויסגעקומען אַבֿרהמען צו פארקויפן. האט אים זייַן טאטע תּרח געגעבן זייַן קארב מיט געטער און אים, אוועקגע־זעצט אין מארק. איז געקומען צו אים איין מאן און געזאגט: "האסטו עפּעס א גוטן גאט צו פארקויפן?" זאגט צו אים אַבֿרהם: — וואס פאר א גאט ווילסטו קויפן? זאגט יענער: — איך בין א גיבור, טא גיב מיר א גאט א שטארקן ווי איך בין. נעמט אַבֿרהם איין געץ וואס איז געשטאנען העכער פון אלעמען און זאגט: — גיב מיר דאס געלט און נעם דיר אט דעם. זאגט יענער: — צי איז אט דער גאט שטארק ווי איך? זאגט אים אַבֿרהם: — יונגאטש, ווייסטו דען נאך ניט דעם געזעץ ביי געטער? ווער עס שטייט העכער פון אלעמען, דער איז שטארקער פון זיי אלעמען.

אז דער מאן האט זיך אפּגעפּארטיקט צו גיין, זאגט אים אַבֿרהם: — וויפל יאר ביסטו אלט? — זאגט יענער: — איך בין זיבעציק יאר אלט. זאגט צו אים אַבֿרהם: — אך און ווי צו יענעם וואס ער איז אלט זיבעציק און בוקט זיך צו א גאט וואס איז היינט געמאכט. האט דער מאן באלד זיך אומגעקערט, א שלייַדער געטאן יענעם געץ אין אַבֿרהמס קארב און צוריק־גענומען פון אַבֿרהמען זייַן געלט, אפּגעקערט זיך און אוועק.

אַחַר־כָּךְ בָּאָה אִשָּׁה אַחַת אַלְמָנָה וְאָמְרָה לוֹ לְאַבְרָהָם: אִשָּׁה עֲנִיָּה אֲנִי, תֵּן לִי אֱלוֹהַּ עָנִי כְּמוֹתִי. מִיָּד נָטַל אַבְרָהָם פֶּסֶל אֶחָד, שֶׁהָיָה יוֹשֵׁב לְמַטָּה מִכֻּלָּם, וְאָמַר לָהּ: בַּעֲנִיּוּתֵךְ טְלִי לָךְ אֱלוֹהַּ זֶה, שֶׁהוּא שָׁפָל וְיוֹשֵׁב לְמַטָּה מִכֻּלָּם; אֲבָל אֵין הוּא רוֹצֶה לָזוּז מִמְּקוֹמוֹ עַד שֶׁתִּתְּנִי לִי אֶת הַדָּמִים.

כְּשֶׁנִּפְטְרָה לֵילֵךְ אָמַר לָהּ: בַּת כַּמָּה שָׁנִים אַתְּ? אָמְרָה לוֹ: בַּת הַרְבֵּה שָׁנִים... אָמַר לָהּ אַבְרָהָם: תִּפַּח רוּחָהּ שֶׁל אוֹתָהּ אִשָּׁה, שֶׁהִיא בַּת הַרְבֵּה שָׁנִים וּמִשְׁתַּחֲוָה לֶאֱלוֹהַּ בֶּן יוֹם אֶחָד! מִיָּד הֶחֱזִירָה אוֹתוֹ אֱלוֹהַּ לְקֻפָּה חָזְרָה וְנָטְלָה מֵאַבְרָהָם אֶת דָּמֶיהָ וְהָלְכָה לָהּ.

בְּאוֹתָהּ שָׁעָה נָטַל אַבְרָהָם אֶת כָּל הָאֱלָהוֹת וְהָלַךְ וְהֵבִיא אוֹתָם אֵצֶל תֶּרַח אָבִיו. אָמְרוּ לוֹ שְׁאָר בָּנָיו לְתֶרַח אֲבִיהֶם: אַבְרָהָם זֶה אֵינוֹ יָכוֹל לִמְכּוֹר אֱלָהוֹת. בּוֹאוּ וְנַעֲשֶׂנּוּ כֹּמֶר. אָמַר לָהֶם אַבְרָהָם: מַה מְּלַאכְתּוֹ שֶׁל כֹּמֶר? אָמְרוּ לוֹ: עוֹמֵד וּמְשַׁמֵּשׁ לִפְנֵי אֱלָהוֹת, מַקְרִיב לִפְנֵיהֶם, מַאֲכִילָם וּמַשְׁקָם. עֲשָׂאוּהוּ כֹּמֶר. מִיָּד נָתַן אַבְרָהָם לִפְנֵיהֶם מַאֲכָל וּמִשְׁתֶּה, אָמַר לָהֶם: קְחוּ וְאִכְלוּ, טְלוּ וּשְׁתוּ, שֶׁתֵּיטִיבוּ לִבְנֵי אָדָם. וְלֹא הָיָה בָּהֶם אֶחָד שֶׁהָיָה נוֹטֵל כְּלוּם לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת. מִיָּד פָּתַח אַבְרָהָם וְאָמַר: „פֶּה לָהֶם וְלֹא יְדַבֵּרוּ, עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ, אָזְנַיִם לָהֶם וְלֹא יִשְׁמָעוּ, אַף לָהֶם וְלֹא יְרִיחוּן, יְדֵיהֶם וְלֹא יְמִישׁוּן, רַגְלֵיהֶם וְלֹא יְהַלֵּכוּ".

בָּאָה אִשָּׁה אַחַת טְעוּנָה בְּיָדָהּ קְעָרָה סֹלֶת. אָמְרָה לוֹ: הֵילֵךְ וְהַקְרֵב לִפְנֵיהֶם. עָמַד וְנָטַל מַקֵּל בְּיָדוֹ וְשִׁבֵּר כָּל הַפְּסִילִים, וְנָתַן אֶת הַמַּקֵּל בְּיַד הַגָּדוֹל שֶׁבָּהֶם. כֵּיוָן שֶׁבָּא אָבִיו אָמַר: מִי עָשָׂה לָהֶם כָּךְ? אָמַר לוֹ: מָה אֲכַסֶּה מִמְּךָ אַבָּא? בָּאָה אִשָּׁה אַחַת וּבְיָדָהּ קְעָרָה מְלֵאָה סֹלֶת וְאָמְרָה לִי: הֵילֵךְ וְהַקְרֵב לִפְנֵיהֶם. הִקְרַבְתִּי לִפְנֵיהֶם, הָיָה זֶה אוֹמֵר: אֲנִי אֹכַל תְּחִלָּה, וְזֶה אוֹמֵר:

קומט נאָכדעם אַ פֿרוי, אַן אַלמנה און זאָגט צו אַבֿרהמען: — כ'בין אַן אָרעמע פֿרוי, גיב מיר אַ גאָט אַן אָרעמען, אַט ווי איך אַליין. נעמט אַבֿרהם אַ געץ וואָס איז געווען נידעריקער פֿון אַלעמען און זאָגט: — איז דײַן אָרעמקייט נעם זיך אַט דאָס געטל, וואָס איז געמיין און נידעריקער פֿון אַלעמען. אָבער ער וויל זיך פֿון אָרט ניט רירן כּל־זמן דו באַצאָלסט ניט דאָס געלט.

אַז זי האָט זיך אָפּגעפּטרט צו גיין, זאָגט ער צו איר: — וויפֿל יאָר ביסטו אַלט? זאָגט זי: — זייער פֿיל יאָר... זאָגט איר אַבֿרהם: — אַל די רוחות צו אַן אַלטער פֿרוי וואָס בוקט זיך צו אַ גאָט פֿון איין טאָג! האָט זי תּיכּף אומגעקערט דעם געץ אין קאַרב אַרײַן, צוריקגענומען איר געלט פֿון אַבֿרהמען און אַוועק.

דעמאָלט נעמט אַבֿרהם אַלע געטער און ברענגט זיי צוריק צו זײַן טאַטן תּרחן. זאָגן תּרחס איבעריקע קינדער צו זייער פֿאָטער: — אַט דער אַבֿרהם קען ניט פֿאַרקויפֿן קיין געטער, לאָמיר אים מאַכן פֿאַר אַ גלח.

זאָגט אַבֿרהם צו זיי: — און וואָס האָט אַ גלח צו טאָן? זאָגן זיי אים: — ער שטייט און באַדינט די געטער, ברענגט זיי קרבנות, גיט זיי עסן און טרינקען. האָבן זיי אים געמאַכט פֿאַר אַ גלח. האָט זיי אַבֿרהם געגעבן עסן און טרינקען און געזאָגט צו זיי: "נעמט און עסט, נעמט און טרינקט, איר זאָלט גוטס טאָן צו מענטשן". האָט דאָך קיינער פֿון זיי ניט גענומען גאָרניט צום עסן און צום טרינקען, האָט אַבֿרהם אָנגעהויבן און געזאָגט:

| | |
|---|---|
| אַ מויל האָבן זיי | אויערן האָבן זיי |
| און קאָנען ניט רײדן | און קענען ניט הערן |
| (אוי ווײ, | (אוי ווײ, |
| שטומע געטער זײַנען זיי). | טויבע געטער זײַנען זיי). |
| אויגן האָבן זיי | אַ נאָז האָבן זיי |
| און קאָנען ניט זען | און קענען ניט שמעקן, |
| (אוי ווײ, | הענט האָבן זיי |
| בלינדע געטער זײַנען זיי). | און קענען ניט טאַפּן, |
| | פֿיס און קענען ניט גיין. |

קומט אַ פֿרוי און טראָגט אין אַ שיסל זעמל מעל. זאָגט זי צו אַבֿרהמען: נאַ דיר און ברענג זיי אַ קרבן. האָט ער זיך געשטלעט, גענומען אַ שטעקן און צעבראָכן אַלע געצן און אַרײַנגעגעבן דעם שטעקן אין האַנט פֿון דעם גרעסטן צווישן זיי.

ווען עס איז געקומען זײַן פֿאָטער, זאָגט ער: — ווער האָט עס אַזוי געמאַכט פֿון זיי? זאָגט אַבֿרהם צו אים: — פֿאַרוואָס זאָל איך עס אויסבאַהאַלטן פֿון טאַטן? געקומען אַ פֿרוי מיט אַ שיסל פֿול זעמל מעל און זאָגט צו מיר: — נאַ, ברענג זיי אַ קרבן. האָב איך זיי דעם קרבן געבראַכט. האָט דער געזאָגט — איך וועל עסן פֿריער, און דער זאָגט

אֲנִי אֹכַל תְּחִלָּה. וְעָמַד זֶה הַגָּדוֹל שֶׁבֵּינֵיהֶם וְשִׁבֵּר אֶת כֻּלָּם. אָמַר לוֹ: מָה אַתָּה מְשַׂטֶּה בִּי – כְּלוּם יְכוֹלִים הֵם? אָמַר לוֹ: וְלֹא? יִשְׁמְעוּ אָזְנֶיךָ מַה שֶּׁפִּיךָ אוֹמֵר...

נְטָלוֹ תֶּרַח וּמְסָרוֹ לְנִמְרוֹד. אָמַר לוֹ נִמְרוֹד לְאַבְרָהָם: אַתָּה הוּא אַבְרָהָם בֶּן תֶּרַח? אָמַר לוֹ: הֵן. אָמַר לוֹ: וְכִי אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ, שֶׁאֲנִי אֲדוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים, וְהַחַמָּה וְהַלְּבָנָה וְהַכּוֹכָבִים וְהַמַּזָּלוֹת וּבְנֵי אָדָם מִלְּפָנַי יוֹצְאִים כֻּלָּם–וְאַתָּה לָמָּה אִבַּדְתָּ אֶת יִרְאָתִי? בְּאוֹתָהּ שָׁעָה נָתַן הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בִּינָה לְאַבְרָהָם אָמַר לְנִמְרוֹד: רְצוֹנְךָ, אֹמַר לְפָנֶיךָ דָּבָר אֶחָד לִגְדֻלָּתֶךָ. אָמַר לוֹ: אֱמֹר. אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: מִנְהָגוֹ שֶׁל עוֹלָם כָּךְ הוּא, שֶׁמִּיּוֹם שֶׁנִּבְרָא הָעוֹלָם וְעַד עַכְשָׁו הַחַמָּה יוֹצֵאת בַּמִּזְרָח וְשׁוֹקַעַת בַּמַּעֲרָב: לְמָחָר תְּהֵא מְצַוֶּה אֶת הַחַמָּה שֶׁתֵּצֵא בַּמַּעֲרָב וְתִשְׁקַע בַּמִּזְרָח, וַאֲנִי מֵעִיד בְּךָ שֶׁאֲדוֹן הָעוֹלָם אָתָּה. וְעוֹד, אִם אֲדוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים אַתָּה, בְּוַדַּאי כָּל הַנִּסְתָּרוֹת גְּלוּיוֹת לְךָ. אִם כֵּן אֱמוֹר לִי מִיָּד: מַה יֵּשׁ בְּלִבִּי וּמָה אֲנִי עָתִיד לַעֲשׂוֹת?

בְּאוֹתָהּ שָׁעָה הֵנִיחַ אוֹתוֹ רָשָׁע נִמְרוֹד יָדוֹ עַל זְקָנוֹ וְהָיָה מִתְמַהּ בְּלִבּוֹ. וְאָמַר לוֹ אַבְרָהָם: אַל תִּתְמַהּ בְּלִבְּךָ, לֹא אֲדוֹן הָעוֹלָם אַתָּה, בְּנוֹ שֶׁל כּוּשׁ אָתָּה. וְאִם אֲדוֹן הָעוֹלָם אַתָּה, לָמָּה לֹא הִצַּלְתָּ אֶת אָבִיךָ מִן הַמִּיתָה? אֶלָּא כְּשֵׁם שֶׁלֹּא הִצַּלְתָּ אֶת אָבִיךָ מִן הַמִּיתָה, כָּךְ אַתָּה לֹא תִּנָּצֵל מִן הַמִּיתָה.

מִיָּד קָרָא נִמְרוֹד לְתֶרַח וְאָמַר לוֹ: מַה יְּהֵא דִּינוֹ שֶׁל אַבְרָהָם בִּנְךָ זֶה, שֶׁאִבֵּד אֱלָהוּת שֶׁלִּי? אֵין דִּינוֹ אֶלָּא שְׂרֵפָה. חָזַר וְאָמַר לוֹ לְאַבְרָהָם: הִשְׁתַּחֲוֵה לָאֵשׁ וְתִנָּצֵל. אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: וְאֶשְׁתַּחֲוֶה לַמַּיִם, שֶׁמְּכַבִּים אֵשׁ. אָמַר לוֹ נִמְרוֹד: הִשְׁתַּחֲוֵה לַמַּיִם. אָמַר לוֹ: אִם כֵּן אֶשְׁתַּחֲוֶה לֶעָנָן, שֶׁטָּעוּן מַיִם. אָמַר לוֹ: הִשְׁתַּחֲוֵה לֶעָנָן. אָמַר לוֹ: אֶשְׁתַּחֲוֶה לָרוּחַ, שֶׁמְּפַזֵּר הֶעָנָן. אָמַר לוֹ: הִשְׁתַּחֲוֵה לָרוּחַ.

איך וועל פֿריער עסן. האָט זיך געשטעלט אַט דער גרעסטער צווישן זיי און אַלעמען צעבראָכן . . .

זאָגט תּרח צו אים : — וואָס מאַכסטו מיך צום נאַרן ? קענען זיי דען ? זאָגט ער צו אים : — וואָס ? ניין ? טאָ זאָלן דײַנע אויערן הערן וואָס דײַן מויל רעדט.

נעמט אים תּרח און גיט אים איבער צו נימרודן. זאָגט נימרוד צו אַבֿרהמען : — דאָס ביסטו אַבֿרהם תּרחס ? זאָגט ער — יאָ. זאָגט נימרוד — צי ווייסטו דען ניט אַז איך בין האַר פֿון דעם גאַנצן באַשאַף, און די זון, לבֿנה, די שטערן און פּלאַנעטן און מענטשן פֿון מיר קומען זיי אַלע. און וואָס האָסטו אומגעבראַכט מײַן יראה (די געטער וואָס איך האָב מורא פֿאַר זיי) ?

אין יענער צײַט האָט הקדוש ברוך הוא אַרײַנגעגעבן אַבֿרהמען פֿאַרשטאַנד און ער האָט געזאָגט צו נימרודן : — זאָל זײַן דײַן ווילן — איך זאָל עפּעס זאָגן פֿאַר דײַן גרויסקײַט.

זאָגט ער — זאָג.

זאָגט צו אים אַבֿרהם : דער סדר פֿון דער וועלט איז, פֿון זינט זי איז באַשאַפֿן געוואָרן ביז איצטער, אַז די זון גייט אויף אין מזרח און פֿאַרגייט אין מערבֿ. מאָרגן היים דו די זון זאָל אויפֿגיין אין מערבֿ און פֿאַרגיין אין מזרח (און אויב דו וועסט עס אויספֿירן) וועל איך עדות זאָגן, אַז דו ביסט דער האַר פֿון דער וועלט. און נאָך עפּעס : אויב דו ביסט דער האַר פֿון דער וועלט, ווייסטו דאָך געווים אַלע פֿאַרבאָרגענישן, טאָ זאָג מיר וואָס ט ט זיך בײַ מיר אין האַרצן און וואָס שטייט מיר פֿאַר צו טאָן?

אין יענער צײַט לייגט אָוועק נימרוד הרשע זײַן האַנט אויף דער באָרד און פֿאַרטראַכט זיך אין האַרצן.

זאָגט אים אַבֿרהם : פֿאַרטראַכט זיך ניט. ביסט ניט דער האַר פֿון דער וועלט, ביסט אַ זון פֿון כּוש. און אויב דו ביסט דער האַר פֿון דער וועלט טאָ פֿאַרוואָס האָסטו ניט געראַטעוועט דײַן טאַטן פֿון טויט ? נאָר אַזוי ווי דו האָסט דײַן טאַטן ניט געראַטעוועט פֿון טויט, אַזוי וועסטו אויך זיך ניט ראַטעווען.

באַלד האָט נימרוד אַרײַנגערופֿן תּרחן און אים געזאָגט : — וואָס פֿאַר אַ שטראָף קומט אַבֿרהמען דײַן זון, וואָס האָט אומגעבראַכט מײַנע געטער ? זײַן משפּט איז נאָר פֿאַרברענט צו ווערן.

און ווידער האָט ער צו אַבֿרהמען געזאָגט : — בוק זיך צום פֿײַער וועסטו געראַטעוועט ווערן. זאָגט אים אַבֿרהם : — וועל איך זיך בוקן צום וואַסער וואָס פֿאַרלעשט דאָס פֿײַער.

— טאָ בוק זיך צום וואַסער.

— אויב אַזוי וועל איך זיך בוקן צום וואָלקן וואָס איז אָנגעלאָדן מיט וואַסער (גאָר דאָס וואַסער פֿון דער יבשה קומט דאָך פֿון רעגן, פֿון די וואָלקנס).

— בוק זיך צום וואָלקן.

— וועל איך זיך בוקן צום ווינט, וואָס צעטרײַבט די וואָלקנס.

זאָגט נימרוד : — בוק זיך צום ווינט.

אָמַר לוֹ: אֶשְׁתַּחֲוֶה לְבֶן־אָדָם, שֶׁסּוֹבֵל רוּחַ. אָמַר לוֹ נִמְרוֹד: אַתָּה מַשִּׂיאֵנִי בִּדְבָרִים – אֲנִי אֵינִי מִשְׁתַּחֲוֶה אֶלָּא לָאוּר, הֲרֵי אֲנִי מַשְׁלִיכְךָ לְתוֹכוֹ – וְיָבוֹא אֱלֹהֶיךָ, שֶׁאַתָּה מִשְׁתַּחֲוֶה לוֹ, וְיַצִּילְךָ הֵימֶנּוּ.

מִיָּד הוֹצִיאוּהוּ לְהַשְׁלִיכוֹ לְכִבְשַׁן הָאֵשׁ, וּכְפָתוּהוּ וַעֲקָדוּהוּ וֶהֱנִיחוּהוּ עַל גַּבֵּי אֶבֶן, וְהִקִּיפוּהוּ עֵצִים מֵאַרְבַּע רוּחוֹתָיו, חָמֵשׁ אַמּוֹת לְכָל צַד, וְגָבְהָם שֶׁל עֵצִים חָמֵשׁ אַמּוֹת, וְהִצִּיתוּ בָּהֶם אֶת הָאוּר.

בְּשָׁעָה שֶׁהִפִּיל נִמְרוֹד הָרָשָׁע אֶת אַבְרָהָם אָבִינוּ לְתוֹךְ כִּבְשַׁן הָאֵשׁ אָמַר גַּבְרִיאֵל לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, אֵרֵד וַאֲצַנֵּן וְאַצִּיל אֶת הַצַּדִּיק מִכִּבְשַׁן הָאֵשׁ. אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: אֲנִי יָחִיד בְּעוֹלָמִי וְהוּא יָחִיד בְּעוֹלָמוֹ, נָאֶה לְיָחִיד לְהַצִּיל אֶת הַיָּחִיד.

## יְצִיאַת אַבְרָהָם מֵאֲרָם לְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל

בְּשָׁעָה שֶׁאָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְאַבְרָהָם: „לֶךְ־לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ" לְמָה הָיָה דּוֹמֶה? לִצְלוֹחִית שֶׁל פּוֹלְיָטוֹן שֶׁהָיְתָה מֻקֶּפֶת צָמִיד־פָּתִיל וּמֻנַּחַת בְּזָוִית וְלֹא הָיָה רֵיחָהּ נוֹדֵף: כֵּיוָן שֶׁנִּטַּלְטְלָה מִמְּקוֹמָהּ הָיָה רֵיחָהּ נוֹדֵף. אַף כָּךְ אָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְאַבְרָהָם: אַבְרָהָם, הַרְבֵּה מַעֲשִׂים טוֹבִים יֵשׁ לְךָ, הַרְבֵּה מִצְוֹת יֵשׁ לְךָ, טַלְטֵל עַצְמְךָ מִמָּקוֹם לְמָקוֹם וְשִׁמְךָ מִתְגַּדֵּל בָּעוֹלָמִי.

## אַבְרָהָם וְהַמַּלְאָכִים.

„וַיֵּרָא אֵלָיו יְיָ... כְּחֹם הַיּוֹם" – אוֹתוֹ הַיּוֹם יוֹם שְׁלִישִׁי

— וועל איך זיך בוקן צום מענטשן וואס באהערשט דעם ווינט.

זאגט שוין נימרוד: — דו פאררעדסט מיך מיט ווערטער. איך בוק זיך צום פייער, וועל איך אים ארײַנוואַרפן אין פייער, און זאל קומען דײַן גאט, וואס דו בוקסט זיך צו אים און דיך מציל זײַן פון אים.

האט מען ארויסגעפירט אברהמען ארײַנצוּוואַרפן אים אין פייערדיקן קאַלך־אויוון. האט מען אים געבונדן, אוועקגעלייגט אויף א שטיין און ארומגעלייגט מיט האָלץ פון אלע פיר זײַטן, פינף איילן פון יעדער זײַט און פינף איילן די הייך און מען האט אנגעצונדן פייער אין דעם האָלץ.

ווען נימרוד האט ארײַנגעוואַרפן אברהם אבינו אין פייערדיקן קאַלך־אויוון, האט (דער מלאך) גבריאל געזאגט פאר הקדוש ברוך הוא: — ריבונו של עולם. איך וועל אראפגיין אפקילן און מציל זײַן דעם צדיק פון קאַלך־אויוון.

זאגט צו אים הקדוש ברוך הוא: — איך בין איינער אין מײַן וועלט און אברהם איז איינער אין זײַן וועלט, פאסט עס פאר דעם איינציקן מציל צו זײַן דעם איינציקן *).

טו

## אברהם לאָזט זיך פון אַרט קײַן ארץ־ישראל

ווען הקדוש ברוך הוא האט געזאגט אברהמען: "לך לך" — גיי זיך דיר פון דײַן לאַנד און פון דײַן היים—צו וואס איז עס געווען געגליכן? צו א גלעזל שמעקנדיקן בוימל וואס איז זייער גוט פארמאכט און ליגט אין א ווינקעלע און עס שמעקט ניט זײַן ריח: ווי באלד אבער עס איז אוועקגעטראגן געווארן פון זײַן אַרט האט זיך זײַן ריח צעטראגן. אזוי אויך האט הקדוש ברוך הוא געזאגט צו אברהמען: "אברהם, פיל מעשים טובים האסטו, א סך מצוות פארמאגסטו, טראג זיך פון אַרט צו אַרט, — און דײַן נאמען וועט געגרייסט ווערן איבער מײַן וועלט **).

טז

## אברהם און די מלאָכים

... "און גאט האט זיך צו אים באוויזן . . . אין היץ פון טאג"
— יענער טאג איז געווען דער דריטער נאך אברהמס ברית און הקדוש

---

*) אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער ייד כאטש זיין טאטע איז געווען א געצנדינער, ניט קיין ייד. פון אברהמס צוויי זין האט איינער ניט געוואלט זיין קיין ייד. און אויך פון יצחקס צוויי זין איז נאר יעקב געווען א ייד. — א ייד ווערט מען ניט פון געבארן ווערן. מען איז א ייד נאר ווען מען באשטימט מיטן גאנצן הארצן צו זיין א ייד און מען היט אפ צו טאן אלץ וואס טיילט אוים א יידן צווישן אנדערע.

כדי צו זיין א ייד האט אברהם זיך אפגעזאגט צו דינען און טייער האלטן אלע זאכן וואס מענטשן שאפן. דאס זיינען געצן. יידישקייט איז ניט אין געשאפענע זאכן נאר אין מעשים. פאר זיין אמת, וואס ער האט געגלייבט אין אים, האט זיך אברהם געלאזט ווארפן אין קאלך־אויוון.

ווי דער ערשטער ייד אזוי אויך לעבט דאס גאנץ יידיש פאלק אפט ווי אין א

לְמִילָה שֶׁל אַבְרָהָם הָיָה וּבָא הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְאַבְרָהָם לִשְׁאֹל בִּשְׁלוֹמוֹ. הוֹצִיא הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא חַמָּה מִנַּרְתִּיקָהּ, כְּדֵי שֶׁלֹּא יַטְרִיחַ אוֹתוֹ צַדִּיק בְּאוֹרְחִים. שָׁלַח אַבְרָהָם אֶת אֱלִיעֶזֶר שֶׁיֵּצֵא לַחוּץ. יָצָא וְלֹא מָצָא אוֹרְחִים. אָמַר אַבְרָהָם: אֵינִי מַאֲמִינְךָ. וְזֶהוּ שֶׁאוֹמְרִין הַבְּרִיּוֹת: אֵין אֱמוּנָה בַּעֲבָדִים. יָצָא הוּא בְּעַצְמוֹ.

„וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים" — מִי הֵם „שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים"? — מִיכָאֵל, רְפָאֵל וְגַבְרִיאֵל. מִיכָאֵל בָּא לְבַשֵּׂר אֶת שָׂרָה, רְפָאֵל בָּא לְרַפֵּא אֶת אַבְרָהָם וְגַבְרִיאֵל בָּא לַהֲפוֹךְ אֶת סְדוֹם.

## אַבְרָהָם מִתְפַּלֵּל עַל סְדוֹם.

„וַיִּגַּשׁ אַבְרָהָם" — לִתְפִלָּה עַל סְדוֹם. אָמַר: „הֲשֹׁפֵט כָּל־הָאָרֶץ לֹא יַעֲשֶׂה מִשְׁפָּט?" אִם עוֹלָם אַתָּה מְבַקֵּשׁ — אֵין דִּין, וְאִם דִּין אַתָּה מְבַקֵּשׁ — אֵין עוֹלָם. אַתָּה תּוֹפֵס אֶת הַחֶבֶל בִּשְׁנֵי רָאשִׁים: אַתָּה מְבַקֵּשׁ עוֹלָם וּמְבַקֵּשׁ דִּין! אִם אֵין אַתָּה מְוַתֵּר קִמְעָא אֵין הָעוֹלָם יָכוֹל לַעֲמוֹד.

## אַנְשֵׁי סְדוֹם.

אַנְשֵׁי סְדוֹם לֹא נִתְגָּאוּ אֶלָּא בִּשְׁבִיל טוֹבָה שֶׁהִשְׁפִּיעַ לָהֶם הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא. אָמְרוּ: מֵאַחַר שֶׁאָנוּ שְׁרוּיִם בְּשַׁלְוָה וּבְטוֹבָה: מָזוֹן יוֹצֵא מֵאַרְצֵנוּ, כֶּסֶף וְזָהָב יוֹצֵא מֵאַרְצֵנוּ, אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת יוֹצְאוֹת מֵאַרְצֵנוּ, לָמָּה לָנוּ עוֹבְרֵי דְּרָכִים, שֶׁאֵין בָּאִים עָלֵינוּ אֶלָּא לְחַסְּרֵנוּ — נַעֲמֹד וּנְשַׁכַּח אֶת הָרֶגֶל מִבֵּינוֹתֵינוּ.

ברוך הוא איז געקומען אים געוואר ווערן. האט הקדוש ברוך הוא ארויס־געצויגן די זון פון איר פוטערפאס (שייד וואס פארשטעלט איר שיין), כדי ניט מטריח צו זיין דעם צדיק מיט אורחים (אז עס וועט זיין צו היס, וועלן מענטשן זיך ניט לאזן אין וועג). האט אברהם ארויסגעשיקט אליעזרן ער זאל ארויסגיין. איז ער ארויס און ניט געפונען קיין אורחים. זאגט אים אברהם, איך גליב דיר ניט. אט אזוי ווי די לייט זאגן: מען קען קיין קנעכט ניט געטרויען. איז ער ארויס אליין.

"און ער האט אויפגעהויבן די אויגן און געזען דריי מענער" — ווער זיינען געווען די דריי מענער? מיכאל, רפאל און גבריאל. מיכאל איז געקומען אגזאגן שרהן (אז זי וועט האבן א זון), רפאל איז געקומען היילן אברהמען און גבריאל איז געקומען איבערקערן סדום.

יז

## אברהם בעט פאר סדום

"אברהם איז צוגעגאנגען" — צו בעטן פאר סדום. האט ער געזאגט: "וועט דער ריכטער פון גאר דער וועלט ניט טאן קיין גערעכטיקייט?" — אויב דו ווילסט די וועלט — איז ניט קיין דין. אויב דו ווילסט דעם דין — קען ניט זיין קיין וועלט. דו האלטסט די שטריק פון ביידע עקן: ווילסטו סיי די וועלט, סיי דעם דין, גערעכטיקייט! א יב דו ביסט ניט מוחל אביסל קען די וועלט ניט בייִשטיין *).

יח

## די לייט פון סדום

די סדום־לייט האבן זיך געגרייסט מיט דעם גוטס וואס הקדוש ברוך הוא האט זיי געגעבן בשפע. זיי האבן זיך געזאגט: אז מיר לעבן זיך אין שלווה און אין גוטס, שפייזן גייען ארויס פון אונדזער לאנד, זילבער און גאלד, טייערע שטיינער און פערל ווערן געשיקט פון אונדזער לאנד, טא צו וואס דארפן מיר דורכגייער, וואס קומען נאר ארויסצוציען פון אונדז, — לאמיר זיך נעמען און זייער פוס זאל ניט זיין ביי אונדז.

---

ברענענדיקן קאלך־אויוון, און עס ווערט ניט פארברענט, ווי זייער פאטער אברהם, אין קיין פייער, אין קיינע גזירות און צרות.

**) אברהם האט געפאלגט די געבאטן — לך־לך — גיי, וואנדער אומעטום, לעב צווישן אלעמען און מאך קיינעם ניט גאר.

*) ניטא און עס קען ניט זיין אויף דער וועלט קיין דורכויסיקע צדיקים גאר אן זינד.

# הַדַּיָּנִים בִּסְדוֹם.

אַרְבָּעָה דַּיָּנִים הָיוּ בִּסְדוֹם: שַׁקְרָאִי וְשַׁקְרוּרַאי וְזַיְפָּאי וּמַצְלֵי־דִין. הִתְקִינוּ: מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ שׁוֹר–רוֹעֶה יוֹם אֶחָד, וְשֶׁאֵין לוֹ–רוֹעֶה שְׁנֵי יָמִים. הָיָה שָׁם יָתוֹם בֶּן אַלְמָנָה שֶׁאֵין לוֹ שׁוֹר. מָסְרוּ לוֹ אֶת שְׁוָרֵיהֶם לִרְעוֹתָם. עָמַד וַהֲרָגָם. אָמַר לָהֶם: מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ שׁוֹר יִטּוֹל עוֹר אֶחָד וְשֶׁאֵין לוֹ – יִטּוֹל שְׁנַיִם. סוֹף דִּין כִּתְחִלַּת דִּין.

מִי שֶׁקִּצֵּץ אֹזֶן חֲמוֹר שֶׁל חֲבֵרוֹ אָמְרוּ לוֹ: תְּנֵהוּ לוֹ עַד שֶׁתִּצְמַח אָזְנוֹ.

מִי שֶׁפְּצָעוֹ חֲבֵרוֹ אָמְרוּ לוֹ: תֵּן לוֹ שְׂכָרוֹ, שֶׁהִקִּיז לְךָ דָּם.

מִי שֶׁעָבַר בְּגֶשֶׁר–נוֹתֵן אַרְבָּעָה זוּזִים, וְשֶׁעָבַר בְּמַיִם–שְׁמוֹנָה זוּזִים.

עָבַר לְשָׁם כּוֹבֵס אֶחָד. אָמְרוּ לוֹ: תֵּן אַרְבָּעָה זוּזִים. אָמַר לָהֶם: אֲנִי בְּמַיִם עָבַרְתִּי. אָמְרוּ לוֹ: אִם כֵּן תֵּן שְׁמוֹנָה זוּזִים. לֹא נָתַן, פְּצָעוּהוּ. בָּא לִפְנֵי הַדַּיָּנִים. אָמְרוּ לוֹ: תֵּן שָׂכָר, שֶׁהִקִּיזוּ לְךָ דָּם, וּשְׁמוֹנָה זוּזִים שֶׁעָבַרְתָּ בְּמַיִם.

---

אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם נִזְדַּמֵּן לְשָׁם. פְּצָעוּהוּ וּבָא לִפְנֵי הַדַּיָּן. אָמַר לוֹ: תֵּן לוֹ שְׂכָרוֹ, שֶׁהִקִּיז לְךָ דָּם. נָטַל אֱלִיעֶזֶר אֶבֶן וּפָצַע אֶת הַדַּיָּן. אָמַר לוֹ: שָׂכָר שֶׁיֵּשׁ לִי בְּיָדְךָ תְּנֵהוּ לָזֶה – וּמָמוֹן שֶׁלִּי בִּמְקוֹמוֹ עוֹמֵד.

יט

# די ריכטער פון סדום

פיר ריכטער זיינען געווען אין סדום: ליגנער, שווינדלער, פעלשער, דרייער. האבן זיי באשטימט: ווער עס האט אן אקס — פיטערט די בהמות איין טאג, ווער עס האט ניט קיין אקס — פיטערט צוויי טעג. איז געווען דארטן א יתום, אן אלמנהס א קינד, וואס האט קיין אייגענעם אקס ניט געהאט — האבן זיי אים איבערגעגעבן זייערע אקסן צו פיטערן. נעמט ער און הרגעט אלע אקסן און זאגט זיי: ווער עס האט אן אקס זאל נעמען איין פעל, ווער עס האט ניט — זאל נעמען צוויי. ווי דער אנהויב פון דין, אזוי דער סוף *).

האט עמיצער אפגעהאקט אן אויער ביים צווייטנס אייזל, האבן זיי (די ריכטער) געזאגט: גיב אים אפ (דעם גאנצן אייזל) ביז דאס אויער וועט אפוואקסן.

האט עמיצער פארוווּנדעט א צווייטן, האבן זיי געהייסן אים באצאלן, — ער האט דיר בלוט אפגעצאפט **).

איז עמיצער אריבער איבער דער בריק האט ער געדארפט באצאלן פיר גילדן (בריק־געלט). איז ער געגאנגען אין וואסער — טא צאל אכט גילדן.

איז אמאל דארטן דורכגעגאנגען א וועשער. זאגן זיי אים: באצאל פיר גילדן.

— איך בין דורכן וואסער געגאנגען (און ניט גענוצט אייער בריק).

— טא צאל אכט גילדן.

גיט ער ניט. האבן זיי אים פארוווּנדעט. איז ער אוועק צו די ריכטער (זיך באקלאגן און זוכן גערעכטיקייט). זאגן זיי אים: — באצאל פארן לאזן בלוט און אכט גילדן פארן גיין דורכן וואסער.

---

אליעזר, אברהמס קנעכט, איז דארטן געקומען. האט מען אים צעשלאגן און ער איז געקומען צו דעם דין. הייסט ער אים באצאלן פארן לאזן בלוט. נעמט אליעזר א שטיין און צעשלאגט דעם ריכטער און זאגט: וואס מיר קומט פון דיר גיב אים און מיין געלט וועט בלייבן אויפן ארט.

*) די סדומישע געזעצן זיינען גוט פאר די רייכע וואס פארשקלאפן די ארעמע. דער־באוואוסטער רעכנט זיך אבער אפ מידה כנגד מידה מיט זיינע באדריקער. די סדומישע ריכטער קענען זיך אפט רופן אמת, יושר, גערעכטיקייט, ארנטלעכקייט, אבער זייער משפט איז פאלש און פארדרייט.

**) אמאליקע דאקטוירים פלעגן היילן קראנקהייטן מיט אפצאפן בלוט, מיט פיאווקעס, באנקעס און "לאזן אן אדער".

## מִטַּת סְדוֹם.

הָיְתָה לָהֶם מִטָּה שֶׁהָיוּ מַשְׁכִּיבִים בָּהּ אוֹרְחִים. אָדָם אָרֹךְ– קְצָרוּהוּ, קָצָר – מְתָחוּהוּ. בָּא לְשָׁם אֱלִיעֶזֶר. אָמְרוּ לוֹ: עֲלֵה וּשְׁכַב בַּמִּטָּה. אָמַר לָהֶם: מִיּוֹם שֶׁמֵּתָה אִמִּי נָדַרְתִּי נֶדֶר שֶׁלֹּא אֶשְׁכַּב בְּמִטָּה.

---

כְּשֶׁנִּזְדַּמֵּן לָהֶם עָנִי לֹא הָיוּ נוֹתְנִים לוֹ פַּת, אֶלָּא כָל אֶחָד וְאֶחָד נוֹתֵן לוֹ דֵּינָר וְכוֹתֵב שְׁמוֹ עָלָיו. וּכְשֶׁמֵּת הֶעָנִי הָיָה בָא כָל אֶחָד וְאֶחָד וְנוֹטֵל דֵּינָר שֶׁלּוֹ. הָיְתָה שָׁם רִיבָה אַחַת, שֶׁהוֹצִיאָה פַּת לֶעָנִי בְּכַדָּהּ. עָבְרוּ שְׁלֹשָׁה יָמִים וְלֹא מֵת – וְנִתְגַּלָּה הַדָּבָר. טָשׁוּ אֶת הָרִיבָה בִּדְבַשׁ וְהֶעֱמִידוּהָ עַל גַּג הַחוֹמָה וּבָאוּ דְבוֹרִים וַאֲכָלוּהָ.

---

מַעֲשֶׂה בִּשְׁתֵּי נְעָרוֹת שֶׁיָּרְדוּ לְמַלְאוֹת מַיִם מִן הַמַּעְיָן. אָמְרָה אַחַת לַחֲבֶרְתָּהּ: לָמָּה פָּנַיִךְ חוֹלָנִיּוֹת? אָמְרָה לָהּ: כָּלוּ מְזוֹנוֹתֵינוּ וּכְבָר אָנוּ נוֹטִים לָמוּת. מֶה עָשְׂתָה? מִלְאָה אֶת הַכַּד קֶמַח וְהֶחֱלִיפוּ: נָטְלָה זוֹ מַה שֶּׁבְּיַד זוֹ וְזוֹ מַה שֶּׁבְּיַד זוֹ. כֵּיוָן שֶׁהִרְגִּישׁוּ אַנְשֵׁי סְדוֹם בַּדָּבָר – נְטָלוּהָ וּשְׂרָפוּהָ.

אָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: עַכְשָׁו אֲפִילוּ אֲנִי מְבַקֵּשׁ לִשְׁתּוֹק– דִּינָהּ שֶׁל נַעֲרָה אֵינוֹ מַנִּיחַ אוֹתִי לִשְׁתּוֹק. וְהוּ שֶׁנֶּאֱמַר: „הַכְּצַעֲקָתָהּ“– צַעֲקַת נַעֲרָה זוֹ.

---

## אֵשֶׁת לוֹט.

„וַתַּבֵּט אִשְׁתּוֹ מֵאַחֲרָיו וַתְּהִי נְצִיב מֶלַח“ – ר' יִצְחָק אָמַר:

כ

## דאָס סדום בעטל

איז געווען ביַי זיי (ביַי די סדום־ליַיט) אַ בעט, וואָס אין אים פֿלעגט מען לייגן די אורחים. אַ לאַנגן מענטשן פֿלעגן זיי אָפּקירצן (אונטערהאַקן די פֿיס) און אַ קורצן פֿלעגן זיי אויסציִען. איז אַמאָל געקומען אַהין אליעזר. זאָגן זיי צו אים: גיי לייג זיך אויף דעם בעטל. ענטפֿערט ער זיי: פֿון דעם טאָג ווען מיַין מאַמע איז געשטאָרבן האָב איך זיך אַ נדר געטאָן ניט צו לייגן זיך אויף אַ בעט.

---

אַז עס פֿלעגט אַנטרעפֿן צו זיי אַן אָרעמאַן, פֿלעגן זיי אים קיַין ברויט ניט געבן, נאָר איטלעכער פֿלעגט אים געבן אַ דינר און אָנשריַיבן אויף אים זיַין נאָמען. אַז דער אָרעמאַן פֿלעגט שטאַרבן (פֿון הונגער) פֿלעגט קומען איטלעכער און צונעמען זיַין דינר. איז דאָרט געווען אַ מיידל, וואָס האָט אַרויסגעטראָגן אַן אָרעמאַן ברויט אין איר קרוג. זיַינען אַריבער דריַי טעג און ער איז ניט געשטאָרבן, איז די זאַך אויפֿגעדעקט געוואָרן. האָבן זיי די מיידל אויסגעשמירט מיט האָניק און זי אַרויסגעשטעלט אויף דעם דאַך פֿון מויער, זיַינען געקומען בינען און זי צעגעסן.

---

— אַ מעשה מיט צוויי מיידלעך וואָס זיַינען אַראָפּגעגאַנגען צום קוואַל אָנגעמען וואַסער. זאָגט איינע צו דער צווייטער: וואָס איז דיַין פּנים אַזוי קרענקלעך? זאָגט יענע: עס האָט זיך ביַי אונדז אויסגעלאָזט אונדזער שפּיַיז און מיר האַלטן ביַים שטאַרבן.

וואָס האָט זי געטאָן? — האָט זי איר קרוג אָנגעפֿילט מיט מעל און זיי האָבן זיך געביטן: די האָט גענומען דערס קרוג (מיט דעם מעל) און די אַנדערע — יענערס. אַז די סדום־ליַיט האָבן דערשפּירט די זאַך האָבן זיי גענומען די מיידל און זי פֿאַרברענט.

האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: — איצט, אַפֿילו אויב איך וועל וועלן שוויַיגן לאָזט מיר ניט דער דין פֿון אָט דער מיידל. אָט דאָס איז וואָס עס איז געזאָגט אויף סדום "הכצעקתה" — ווי איר געשריי. מיינט עס ווי דער געשריי פֿון אָט יענער מיידל.

כא

## לוטס וויַיב

אַז לוטס וויַיב האָט געקוקט אַהינטער איז זי געוואָרן אַ שטיק זאַלץ: האָט ר' יצחק געזאָגט:

על שחטאה במלח. באותו הלילה שבאו המלאכים אל לוט מה היא עושה? הולכת אל כל שכנותיה ואומרת להן: „תנו לי מלח, שיש לנו אורחים" — והיא מתכונת שיכירו בהם אנשי העיר. לפיכך „ותהי נציב מלח".

## ברכת אברהם.

„כה יהיה זרעך" — אמר רבי לוי בשם ר' יוחנן, למה הדבר דומה? למי שיצא לדרך והלך במדבר יום ראשון ויום שני ויום שלישי עד עשרה ימים, ולא נמצא לו לא עיר ולא פנדק, לא אילן ולא מים ולא בריה. ואחר שהלך עשרה ימים צפה אילן אחד מרחוק, אמר: שמא יש תחתיו מים. כיון שהגיע אצלו מצאו עומד על המעין וערב לו וישבת עליו. כיון שעמד לילך אמר לאילן: אילן, אילן, במה אברכך ומה יש לי לומר לך? שיהא עצך נאה — נאה הוא; שיהא צלך נאה — כבר הוא נאה; שיהיו ענפיך נאים — נאים הם; שיהיו פרותיך מתוקים — מתוקים הם; שיהא מעין יוצא מתחת שרשך — כבר מעין יוצא מתחת שרשך; שתהא עומד במקום חביב — במקום חביב אתה עומד. — במה אברכך? אלא כל הנטיעות העומדות ממך יהיו כמותך. כך כשברא הקדוש־ברוך־הוא את העולם עמדו עשרים דור ולא היתה בהם תועלת ולא עמד מהם צדיק. אחר עשרים דור צפה הקדוש־ברוך־הוא את אברהם, שהיה נתון בארץ כשדים. ואמר הקדוש־ברוך־הוא: תאמר שיש בו כח לעמוד? כיון שהשליכו אותו לכבשן האש וקדש שמו של הקדוש־ברוך־הוא ועמד בנסיונו, מיד קרבו הקדוש־ברוך־הוא לארץ־ישראל. בנה לו את הפנדק והיה זן עוברים ושבים, והיה מכנים את

ווײַל זי האָט געזינדיקט מיט זאַלץ. אין יענער נאַכט, ווען די מלאכים זײַנען געקומען צו לוטן, וואָס האָט זי געטאָן? — זי האָט זיך געלאָזט צו אירע שכנות און געזאָגט צו זיי: גיט מיר זאַלץ, ווײַל מיר האָבן געסט. און געמיינט האָט זי אַז די שטאָט־לײַט זאָלן זיך דערוויסן (וועגן די געקומענע). דערפֿאַר איז זי געוואָרן אַ שטיק זאַלץ.

כב

## אַברהמס ברכה

"אַזוי זאָלן זײַן דײַנע קינדער" — האָט געזאָגט רבי לוי אין ר' יוחננס נאָמען: צו וואָס איז די זאַך געגליכן? — צו איינעם וואָס איז אַרויס אין וועג און געגאַנגען אין מדבר איין טאָג, אַ צווייטן און אַ דריטן ביז צען טעג, און ניט געפֿונען קיין שטאָט, קיין אַכסניא, ניט קיין בוים און ניט קיין וואַסער און ניט קיין באַשעפֿעניש. און אַז ער איז שוין געגאַנגען צען טעג האָט ער דערזען אַ בוים פֿון ווײַטן, זאָגט ער: אפֿשר איז דאָ אונטער אים וואַסער! אַז ער איז דערגאַנגען צו אים, האָט ער געפֿונען ער שטייט (טאַקע) בײַ אַ קוואַל, איז אים געוואָרן אָנגענעם און ער האָט זיך אָפּגערוט.

ווען ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט צו גיין, זאָגט ער צום בוים: "בוים, בוים, מיט וואָס זאָל איך דיך בענטשן און וואָס קאָן איך דיר זאָגן? — אַז דײַן האָלץ זאָל זײַן שיין, — איז ער דאָך שוין שיין; אַז דײַנע צווײַגן זאָלן זײַן שיין, — זיינען זיי דאָך אַזוינע; (צי זאָל איך דיר ווינטשן) אַז דײַנע פּירות זאָלן זײַן זיס,—זײַנען זיי זיס; אַז אַ קוואַל זאָל אַרויסשטראָמען פֿון אונטער דײַן וואָרצל, — קוואַלט דאָך שוין פֿון אונטער דײַן וואָרצל, (זאָל איך דיך בענטשן) אַז דײַן אָרט זאָל זײַן ליב, — איז עס ליב. טאָ מיט וואָס וועל איך דיך בענטשן? — נאָר — זאָלן אַלע פֿלאַנצן וואָס וועלן קומען פֿון דיר זײַן ווי דו".

אַזוי איז געווען ווען הקדוש ברוך הוא האָט באַשאַפֿן די וועלט, זײַנען אויפֿגעקומען צוואַנציק דורות און עס איז ניט געווען אין זיי קיין נוץ און עס איז פֿון זיי ניט אויפֿגעשטאַנען קיין צדיק. נאָך צוואַנציק דורות האָט הקדוש ברוך הוא דערזען אַברהמען אַז ער איז אין לאַנד כשדים, זאָגט זיך גאָט: קען מען זאָגן, אַז ער האָט גענוג כּוח בײַצושטיין?

אַז מען האָט אים געוואָרפֿן אין קאַלך־אויוון און ער איז מקדש השם געווען און איז בײַגעשטאַנען דעם נסיון, האָט אים גאָט באַלד געבראַכט קיין ארץ־ישׂראל, האָט פֿאַר אים אויסגעבויט אַן אַכסניא און ער פֿלעגט שפּײַזן דורכגייער, ער פֿלעגט אַרײַננעמען מענטשן אונטער די פֿליגלען פֿון

הַבְּרִיּוֹת תַּחַת כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה וְהוֹדִיעַ כְּבוֹדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בָּעוֹלָם. אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: אַבְרָהָם, אַבְרָהָם, מַה יֵּשׁ לִי לוֹמַר לְךָ וּבַמָּה אֲבָרֶכְךָ? שֶׁתְּהֵא שָׁלֵם וְצַדִּיק לְפָנַי, אוֹ שֶׁתְּהֵא שָׂרָה אִשְׁתְּךָ צַדֶּקֶת לְפָנַי — צַדִּיק אַתָּה וְשָׂרָה אִשְׁתְּךָ צַדֶּקֶת לְפָנַי; אוֹ שֶׁיִּהְיוּ כָּל בְּנֵי־בֵיתְךָ צַדִּיקִים — צַדִּיקִים הֵם לְפָנַי, — מַה יֵּשׁ לִי לְבָרֶכְךָ? אֶלָּא כָּל בָּנִים שֶׁעֲתִידִים לַעֲמוֹד מִמְּךָ יִהְיוּ כָּמוֹתְךָ.

---

# אַבְרָהָם אֵצֶל יִשְׁמָעֵאל.

„וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר... וַיְשַׁלְּחֶהָ" — לָקַח אֶת הַדַּרְדּוּר וְקָשַׁר בְּמָתְנֶיהָ שֶׁל הָגָר, כְּדֵי שֶׁיְּהֵא סָחוּב אַחֲרֶיהָ וְיִרְאֶה אַבְרָהָם אֶת הַדֶּרֶךְ שֶׁהָלְכוּ בָהּ. „וַיֵּשֶׁב יִשְׁמָעֵאל בְּמִדְבַּר פָּארָן וְלָקַח לוֹ אִשָּׁה מֵעַרְבוֹת מוֹאָב וְעִיסָה שְׁמָהּ.

לְאַחַר שָׁלֹשׁ שָׁנִים הָלַךְ אַבְרָהָם לִרְאוֹת אֶת יִשְׁמָעֵאל בְּנוֹ בְּמִדְבַּר פָּארָן, וְנִשְׁבַּע לְשָׂרָה שֶׁלֹּא יֵרֵד מִן הַגָּמָל בַּמָּקוֹם שֶׁיִּשְׁמָעֵאל שָׁרוּי שָׁם. וְהִגִּיעַ לְשָׁם בַּחֲצִי הַיּוֹם. וּמָצָא שָׁם אִשְׁתּוֹ שֶׁל יִשְׁמָעֵאל. אָמַר לָהּ: הֵיכָן הוּא יִשְׁמָעֵאל? אָמְרָה לוֹ: הָלַךְ הוּא וְאִמּוֹ לְהָבִיא פֵּרוֹת וּתְמָרִים מִן הַמִּדְבָּר. אָמַר לָהּ: תְּנִי לִי מְעַט מַיִם וּמְעַט לֶחֶם, כִּי עָיְפָה נַפְשִׁי מִדֶּרֶךְ הַמִּדְבָּר. אָמְרָה לוֹ: אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם. אָמַר לָהּ: כְּשֶׁיָּבוֹא יִשְׁמָעֵאל בַּעְלֵךְ אִמְרִי לוֹ: בָּא זָקֵן אֶחָד מֵאֶרֶץ כְּנַעַן לִרְאוֹתְךָ וְאָמַר שֶׁסַּף הַבַּיִת אֵינוֹ טוֹב. וּכְשֶׁבָּא יִשְׁמָעֵאל הִגִּידָה לוֹ אִשְׁתּוֹ אֶת הַדָּבָר — וְשִׁלְּחָהּ, וְשִׁלְּחָה אִמּוֹ וְלָקְחָה לוֹ אִשָּׁה מִבֵּית אָבִיהָ וּשְׁמָהּ פָּטוּמָה.

גאָטס שכינה (ער פּלעגט זיי מאַכן פֿאַר ייִדן) און האָט באַוווּסט געמאַכט גאָטס כּבֿוד איבער דער וועלט.

זאָגט צו אים הקדוש ברוך הוא: אַבֿרהם! וואָס קען איך דיר זאָגן און מיט וואָס זאָל איך דיר בענטשן? אַז דו זאָלסט זײַן ערנטלעך און אַ צדיק פֿאַר מיר אָדער אַז שׂרה דײַן ווײַב זאָל זײַן אַ צדיקת פֿאַר מיר? ביסטו דאָך און שׂרה צדיקים; אָדער — אַז דײַן הויזגעזינט זאָלן זײַן צדיקים, — זײַנען זיי דאָך. — איז וואָס קען איך דיר ווינטשן? — נאָר אַז אַלע קינדער וואָס וועלן אַרויסקומען פֿון דיר זאָלן זײַן ווי דו.

כג

# אַבֿרהם בײַ ישמעאלן *)

"האָט אַבֿרהם זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי . . . און האָט זי אַרויס־געשיקט". — ער האָט גענומען אַ שלעפּע און צוגעבונדן צו הגרס לענדן עס זאָל זיך שלעפּן נאָך איר (איבער דער ערד און לאָזן אַ סימן) און אַבֿרהם וועט זען דעם וועג וווּ זיי זײַנען געגאַנגען. און ישמעאל האָט זיך באַזעצט אין מדבר פּארן און האָט גענומען אַ ווײַב פֿון די מואָבֿ סטעפּעס מיטן נאָמען עיסה.

אין דרײַ יאָר אַרום האָט אַבֿרהם זיך געלאָזט גיין זען זײַן זון ישמעאלן אין מדבר פּאַרן. האָט ער אָבער געשוואוירן שׂרהן ניט אַראָפּצוגיין פֿון קעמל דאָרט וווּ ישמעאל זיצט. איז ער געקומען אַהין אין מיטן טאָג און געפֿונען דאָרט ישמעאלס ווײַב. זאָגט ער צו איר: וווּ איז ישמעאל? זאָגט זי אים: ער איז אַוועק מיט זײַן מוטער צו ברענגען פֿרוכט און טייטלען פֿון מדבר. זאָגט ער איר: גיב מיר אַביסל וואַסער און אַ שטיקל ברויט, ווײַל איך בין אויסגעמאַטערט פֿון דעם וועג אין מדבר. ענטפֿערט זי: ניטאָ קיין ברויט, ניטאָ קיין וואַסער. זאָגט צו איר אַבֿרהם: אַז ישמעאל דײַן מאַן וועט קומען, זאָלסטו אים זאָגן: געקומען איינער אַ זקן פֿון כּנען דיך צו זען און האָט געזאָגט, אַז די שוועל פֿון שטוב איז בײַ דיר ניט קיין גוטע.

אַז ישמעאל איז געקומען האָט אים זײַן ווײַב דאָס געזאָגט, — האָט ער זי אָפּגעגט (ער האָט פֿאַרשטאַנען דעם מיין). האָט זײַן מוטער געשיקט און גענומען פֿאַר אים אַ צווייטע ווײַב פֿון איר פֿאָטערס הויז מיטן נאָמען פטומה.

---

*) ישמעאל אברהמס עלטערער זון האָט געוואָלט לעבן אַ הפקר לעבן און געבאָטן, אָ. פאַרבאָטן, איז ער געווען ניט קיין ייִד. עשׂיו האָט געלעבט אויפֿן שווערד — אויך ניט געקענט זײַן קיין ייִד.

לְאַחַר שָׁלֹשׁ שָׁנִים הָלַךְ אַבְרָהָם שׁוּב לִרְאוֹת אֶת יִשְׁמָעֵאל בְּנוֹ. וְנִשְׁבַּע לְשָׂרָה כְּפַעַם רִאשׁוֹנָה שֶׁלֹּא יֵרֵד מִן הַגָּמָל בְּמָקוֹם שֶׁיִּשְׁמָעֵאל שָׁרוּי שָׁם. וְהִגִּיעַ לְשָׁם בַּחֲצִי הַיּוֹם. וּמָצָא שָׁם אִשְׁתּוֹ שֶׁל יִשְׁמָעֵאל. אָמַר לָהּ: הֵיכָן הוּא יִשְׁמָעֵאל? אָמְרָה לוֹ: הָלַךְ הוּא וְאִמּוֹ לִרְעוֹת אֶת הַגְּמַלִּים בַּמִּדְבָּר. אָמַר לָהּ: תְּנִי לִי מְעַט לֶחֶם וּמְעַט מַיִם, כִּי עֲיֵפָה נַפְשִׁי מִדֶּרֶךְ הַמִּדְבָּר. הוֹצִיאָה וְנָתְנָה לוֹ. עָמַד אַבְרָהָם וְהָיָה מִתְפַּלֵּל לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא עַל בְּנוֹ וְנִתְמַלֵּא בֵּיתוֹ שֶׁל יִשְׁמָעֵאל כָּל טוּב. וּכְשֶׁבָּא יִשְׁמָעֵאל הִגִּידָה לוֹ אִשְׁתּוֹ אֶת הַדָּבָר הַזֶּה, וְיָדַע יִשְׁמָעֵאל שֶׁעַד עַכְשָׁו רַחֲמֵי אָבִיו עָלָיו.

## עֲקֵדַת יִצְחָק.

„וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְהָאֱלֹהִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם" — מַהוּ „אַחַר"? אַחַר דְּבָרָיו שֶׁל שָׂטָן, שֶׁנֶּאֱמַר: „וַיִּגְדַּל הַיֶּלֶד וַיִּגָּמַל", — אָמַר שָׂטָן לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, זָקֵן זֶה חֲנַנְתּוֹ לְמֵאָה שָׁנָה פְּרִי־בֶטֶן, מִכָּל סְעֻדָּה שֶׁעָשָׂה לֹא הִקְרִיב לְךָ תּוֹר אֶחָד אוֹ גוֹזָל אֶחָד! אָמַר לוֹ: כְּלוּם עָשָׂה אֶלָּא בִּשְׁבִיל בְּנוֹ. אִם אֲנִי אוֹמֵר לוֹ „זְבַח אֶת בִּנְךָ לְפָנַי", מִיָּד זוֹבְחוֹ. מִיָּד „וְהָאֱלֹהִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם"...

„אֶת בִּנְךָ" — אָמַר לוֹ: שְׁנֵי בָנִים יֵשׁ לִי. — „אֶת יְחִידְךָ". — זֶה יָחִיד לְאִמּוֹ וְזֶה יָחִיד לְאִמּוֹ. — „אֲשֶׁר אָהַבְתָּ". אָמַר לְפָנָיו: רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, יֵשׁ גְּבוּל בַּמֵּעַיִם? — „אֶת יִצְחָק". וְכָל כָּךְ לָמָּה? כְּדֵי שֶׁלֹּא תִּטָּרֵף דַּעְתּוֹ עָלָיו.

„וְהַעֲלֵהוּ שָׁם לְעֹלָה עַל אַחַד הֶהָרִים" — אָמַר לְפָנָיו: עַל אֵיזֶה הַר? אָמַר לוֹ: בְּכָל מָקוֹם שֶׁתִּרְאֶה כְּבוֹדִי עוֹמֵד וּמַמְתִּין לְךָ.

אין דריי יאר ארום איז אברהם ווידער געגאנגען זען זיין זון ישמעאל און האט ווי דאס ערשטע מאל זיך פארשווארן פאר שרהן ניט אראפצוגיין פון קעמל דארטן וווּ ישמעאל וווינט. איז ער דערגאנגען אהין אין מיטן טאג און געפונען דארטן ישמעאלס ווייב. זאגט ער צו איר: ווו איז ישמעאל? זאגט זי — ער איז אוועק מיט זיין מוטער צו פיטערן די קעמלען אין מדבר. זאגט ער איר: גיב מיר א שטיקל ברויט און א ביסל וואסער ווייל איך בין מיד פון וועג אין מדבר. האט זי ארויסגעטראגן און אים געגעבן. האט זיך אברהם געשטעלט און מתפלל געווען צו גאט פאר זיין זון, — איז ישמעאלס שטוב פול געווארן מיט אל דאס גוטס. אז ישמעאל איז געקומען האט אים זיין ווייב דערציילט עס, און ישמעאל האט געוווּסט, אז ביז איצט איז נאך זיין פאטער פול מיט רחמנות צו אים.

כד

# עקדת יצחק

"און עס איז געווען נאך די דאזיקע רייד, און גאט האט אויסגע־פרוווט אברהמען" — וואס מיינט "נאך די רייד"? — נאך די רייד פון שטן. ווייל דער שטן האט געזאגט צו הקדוש ברוך הוא: ריבונו של עולם! אט דער אלטער, — האסט אים גנעדיק געגעבן א זון צו הונדערט יאר, און פ ז דער גאנצער סעודה וואס ער האט געמאכט, האט ער פאר דיר ניט מקריב געווען קיין טייבעלע.

זאגט אים גאט: "האט ער דאך אלץ געמאכט צוליב זיין זון, און אז איך וועל אים זאגן — שעכט דיין זון פאר מיר, — וועט ער אים באלד שעכטן. און באלד — "און גאט האט אויסגעפרוווט אברהמען".

"דיין זון".

זאגט ער אים: — צוויי זין האב איך.

"דיין איין און איינציקן".

ענטפערט אברהם: — דער איז איינער ביי זיין מוטער, און דער איז איינער ביי זיין מוטער.

"וואס דו האסט ליב".

זאגט ער פאר אים: — ריבונו של עולם! איז דען דא א גרעניץ אין איינגעווייד?

"יצחקן".

און דאס אלץ צוליב וואס? כדי זיין געדאנק זאל זיך ניט צעטומלען.

"און ברענג פאר א קרבן אויף איינעם פון די בערג" — זאגט ער צו אים: — אויף וואסער בארג? ענטפערט אים גאט אומעטום ווו דו וועסט באמערקן מיין כבוד שטייט אוןווארט אויף דיר *).

---

*) איטלעך ארט ווו מענטשן זעען און פילן זייער גאט און ווו זיי טוען וואס ער הייסט, — איז הייליק.

בְּאוֹתָהּ שָׁעָה הִרְהֵר אַבְרָהָם בְּלִבּוֹ וְאָמַר: מָה אֶעֱשֶׂה? אִם אֲנִי מוֹדִיעַ לְשָׂרָה – נָשִׁים דַּעְתָּן קַלָּה; וְאִם אֵינִי מוֹדִיעָהּ וְאֶגְנְבֶנּוּ, כֵּיוָן שֶׁלֹּא תְּהֵא רוֹאָה אוֹתוֹ תְּחַנֵּק אֶת עַצְמָהּ. מָה עָשָׂה? אָמַר לְשָׂרָה: תַּקְּנִי לָנוּ מַאֲכָל וּמִשְׁתֶּה וְנִשְׂמַח הַיּוֹם. אָמְרָה לוֹ: מַה טִּיבָהּ שֶׁל שִׂמְחָה זוֹ? אָמַר לָהּ: זְקֵנִים כְּמוֹתֵנוּ נוֹלַד לָהֶם בֵּן בְּזִקְנוּתָם וְלֹא יִשְׂמְחוּ? הָלְכָה וְתִקְּנָה הַמַּאֲכָל. בְּתוֹךְ הַסְּעֻדָּה אָמַר לָהּ: אַתְּ יוֹדַעַת כְּשֶׁהָיִיתִי בֶּן שָׁלֹשׁ שָׁנִים הִכַּרְתִּי אֶת בּוֹרְאִי וְנַעַר זֶה גָּדֵל וְלֹא נֻחַךְ. וְיֵשׁ מָקוֹם אֶחָד שֶׁשָּׁם מְחַנְּכִין הַתִּינוֹקוֹת, אוֹלִיכֶנּוּ לְשָׁם. אָמְרָה לוֹ: קָחֶנּוּ לְשָׁלוֹם.

„וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר" – וְלָמָּה בַּבֹּקֶר? אָמַר: שֶׁמָּא תַּחֲזוֹר שָׂרָה בְּדִבּוּרָהּ וְלֹא תַּנִּיחֵנוּ. אַשְׁכִּים וְאֵצֵא עַד שֶׁהִיא יְשֵׁנָה.

„וַיַּחֲבֹשׁ אֶת חֲמֹרוֹ" – אַהֲבָה מְקַלְקֶלֶת הַשּׁוּרָה. כַּמָּה עֲבָדִים וְכַמָּה שְׁפָחוֹת הָיוּ לוֹ לְאוֹתוֹ צַדִּיק וְהוּא בְעַצְמוֹ חָבַשׁ אֶת חֲמוֹרוֹ, לְלַמֶּדְךָ זְרִיזוּתוֹ.

„וַיִּקַּח אֶת שְׁנֵי נְעָרָיו אִתּוֹ"–אֵלּוּ יִשְׁמָעֵאל וֶאֱלִיעֶזֶר. אָמַר: עַד שֶׁאַקְרִיבֶנּוּ יִשְׁמְרוּ הֵם אֶת הַכֵּלִים. נִכְנְסָה תַּחֲרוּת בֵּין יִשְׁמָעֵאל וֶאֱלִיעֶזֶר. אָמַר יִשְׁמָעֵאל: עַכְשָׁו מַקְרִיב אַבְרָהָם אֶת יִצְחָק בְּנוֹ לְעוֹלָה, וַאֲנִי בְּנוֹ בְּכוֹרוֹ, וַאֲנִי הוּא יוֹרֵשׁ אֶת אַבְרָהָם. אָמַר לוֹ אֱלִיעֶזֶר: כְּבָר גֵּרַשְׁךָ וְשִׁלַּחֲךָ לַמִּדְבָּר; אֲבָל אֲנִי עַבְדּוֹ, מְשָׁרֵת אוֹתוֹ בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה, וַאֲנִי הַיּוֹרֵשׁ. וְרוּחַ־הַקֹּדֶשׁ מְשִׁיבָה: לֹא זֶה יוֹרֵשׁ וְלֹא זֶה יוֹרֵשׁ...

„וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ" – קְדָמוֹ הַשָּׂטָן בַּדֶּרֶךְ וְנִרְאָה לוֹ בִּדְמוּת זָקֵן, אָמַר לוֹ: לְהֵיכָן אַתָּה הוֹלֵךְ? אָמַר לוֹ: לְהִתְפַּלֵּל. אָמַר לוֹ: מִי שֶׁהוֹלֵךְ לְהִתְפַּלֵּל לָמָּה אֵשׁ וּמַאֲכֶלֶת בְּיָדוֹ וְעֵצִים עַל כְּתֵפוֹ? אָמַר לוֹ: שֶׁמָּא נִשְׁהֶה יוֹם אוֹ יוֹמַיִם וְנִשְׁחַט, וְנֹאפֶה, וְנֹאכַל. אָמַר לוֹ: זָקֵן, לֹא שָׁם הָיִיתִי כְּשֶׁאָמַר לְךָ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: „קַח נָא

אין יענער צײַט טראַכט זיך אַבֿרהם אין האַרצן און זאָגט: וואָס זאָל איך טאָן? זאָל איך געבן שׂרהן צו וויסן, — איז בײַ פּרויען דער געדאַנק צו לײַכט. זאָל איך איר ניט מעלדן און אים אַוועקגנבֿענען, אַז זי וועט אים ניט זען, וועט זי זיך דערשרעקן. אַט וואָס ער האָט געטאָן! ער האָט געזאָגט צו שׂרהן: גרייט אָן עסן און טרינקען און לאָמיר מאַכן אַ שׂמחה הײַנט.

זאָגט זי צו אים: — וואָס גוטס צו אַזאַ שׂמחה?

זאָגט ער צו איר: — אַזוינע אַלטע ווי מיר האָבן געקראָגן אַ זון, דאַרפֿן מיר זיך ניט פֿרייען?

איז זי אַוועק און צוגעגרייט דאָס עסן. אין צײַט פֿון דער סעודה זאָגט ער צו איר: — דו ווייסט דאָך, אַז איך בין געווען אַלט דרײַ יאָר האָב איך דערקענט דעם שעפֿער. און אָט דאָס קינד וואַקסט אַ ן ווערט ניט דערצויגן. פֿאַראַן אָן אָרט ווו מען דערציט קינדער, וועל איך אים אַפּפֿירן אַהין. זאָגט זי — נעם אים געזונטערהייט.

"האָט ער זיך געפֿעדערט אין פֿרימאָרגן". — צו וואָס אַזוי פֿרי? ווײַל ער האָט זיך געזאָגט: טאָמער וועט שׂרה חרטה האָבן און וועט אים ניט לאָזן, טאָ לאָמיר אויפֿשטיין פֿאַר פֿרי, ווען זי שלאָפֿט נאָך.

"און ער האָט אָנגעזאָטלט זײַן אייזל" — ליבע ענדערט דעם שטייגער. דען וויפֿל קנעכט און דינסטן עס זײַנען געווען בײַם צדיק און ער האָט דעם אייזל אַליין געזאָטלט, כדי צו ווײַזן זײַן גינציקייט.

"און ער האָט גענומען זײַנע צוויי יונגען מיט אים" — דאָס זײַנען ישמעאל און אליעזר. ער האָט געזאָגט: — ביז איך וועל אים מקריבֿ זײַן, זאָלן זיי היטן די כּלים. האָבן זיך גענומען שטײַגן ישמעאל און אליעזר. ישמעאל זאָגט: אַבֿרהם איז מקריבֿ זײַן זון יצחקן און איך בין זײַן בכור, וועל איך ירשענען אַבֿרהמען. זאָגט אים אליעזר: — דיך האָט ער אַרויסגעטריבן און דיך אין מדבר פֿאַרשיקט; אָבער איך בין זײַן קענעכט, איך באַדין אים טאָג און נאַכט, און איך בין דער יורש. און עס ענטפֿערט זיי דער רוח הקו"ש: — ניט דער אַ ן ניט דער וועט ירשענען.

"האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און געגאַנגען". — קומט אים אַנטקעגן דער שׂטן, באַווײַזט ער זיך פֿאַר אים אין געשטאַלט פֿון אַ זקן.

זאָגט ער אים: — וווּהין גייסטו דאָס? — זאָגט ער: — תּפֿילה טאָן.

פֿרעגט ער: ווער עס גייט מתפּלל זײַן צו וואָס דאַרף ער פֿײַער און אַ מעסער אין זײַן האַנט און האָלץ אויף זײַן אַקסל? זאָגט ער צו אים: אפֿשר וועלן מיר זיך פֿאַרזאַמען אַ טאָג, צוויי, — וועלן מיר שעכטן, און באַקן און עסן.

זאָגט דער שׂטן: — אַלטער דו, בין איך דען ניט געווען דאָרטן ווען הקדוש ברוך הוא האָט דיר געזאָגט: נעם דײַן זון?

אֶת בִּנְךָ״? זָקֵן שֶׁכְּמוֹתְךָ יֵלֵךְ וִיאַבֵּד בֵּן שֶׁנִּתַּן לוֹ לְמֵאָה שָׁנָה! אָמַר לוֹ: הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא צִוַּנִי. הָלַךְ הַשָּׂטָן וְנִדְמָה לְבָחוּר וְעָמַד לִפְנֵי יִצְחָק, אָמַר לוֹ: לְהֵיכָן אַתָּה הוֹלֵךְ? אָמַר לוֹ: לִלְמוֹד תּוֹרָה. אָמַר לוֹ: בְּחַיֶּיךָ אוֹ לְאַחַר מִיתָתְךָ? אָמַר לוֹ: וְכִי יֵשׁ שֶׁיִּלְמוֹד אַחַר מִיתָה? אָמַר לוֹ: אִי עָלוּב בְּנָהּ שֶׁל עֲלוּבָה! כַּמָּה תַּעֲנִיּוֹת נִתְעַנִּית אִמְּךָ עַד שֶׁלֹּא נוֹלַדְתָּ, וְהַזָּקֵן הַזֶּה נִשְׁתַּטָּה וְהוֹלֵךְ לְשָׁחֳטְךָ. אָמַר לוֹ יִצְחָק: אַף־עַל־פִּי־כֵן לֹא אֶעֱבוֹר עַל דַּעַת יוֹצְרִי וְעַל צִוּוּי שֶׁל אַבָּא. חָזַר יִצְחָק וְאָמַר לְאָבִיו: אָבִי! רְאֵה מַה־זֶּה אוֹמֵר לִי? אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: אַל תַּשְׁגִּיחַ בּוֹ.

כֵּיוָן שֶׁרָאָה הַשָּׂטָן שֶׁלֹּא קִבְּלוּ מִמֶּנּוּ הָלַךְ וְנַעֲשָׂה לִפְנֵיהֶם נָהָר גָּדוֹל. מִיַּד יָרַד אַבְרָהָם לְתוֹךְ הַמַּיִם וְהִגִּיעַ עַד בִּרְכָּיו. אָמַר לִנְעָרָיו: בֹּאוּ אַחֲרַי. יָרְדוּ אַחֲרָיו. כֵּיוָן שֶׁהִגִּיעַ עַד חֲצִי הַנָּהָר הִגִּיעוּ הַמַּיִם עַד צַוָּארוֹ. בְּאוֹתָהּ שָׁעָה תָּלָה אַבְרָהָם עֵינָיו לַשָּׁמַיִם, אָמַר לְפָנָיו: רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! בְּחַרְתַּנִי וְנִגְלֵיתָ לִי וְאָמַרְתָּ לִי: ״אֲנִי יָחִיד וְאַתָּה יָחִיד, עַל יָדְךָ יִוָּדַע שְׁמִי בְּעוֹלָמִי, וְהַעֲלֵה יִצְחָק בִּנְךָ לְפָנַי לְעוֹלָה״ — וְלֹא עִכַּבְתִּי וַהֲרֵינִי עוֹסֵק בְּצִוּוּיְךָ, וְעַכְשָׁו ״בָּאוּ מַיִם עַד נָפֶשׁ״, אִם אֲנִי אוֹ יִצְחָק בְּנִי טוֹבֵעַ — מִי יְקַיֵּם מַאֲמָרֶיךָ וְעַל יְדֵי מִי יִתְיַחֵד שִׁמְךָ? אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: חַיֶּיךָ! שֶׁעַל יָדְךָ יִתְיַחֵד שְׁמִי בָּעוֹלָם. מִיַּד גָּעַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בַּנָּהָר וְיָבֵשׁ, וְעָמְדוּ בַּיַּבָּשָׁה. מֶה עָשָׂה הַשָּׂטָן? אָמַר לְאַבְרָהָם: כָּךְ שָׁמַעְתִּי מֵאֲחוֹרֵי הַפַּרְגּוֹד: הַשֶּׂה לְעוֹלָה וְאֵין יִצְחָק לְעוֹלָה. אָמַר לוֹ: כָּךְ עָנְשׁוֹ שֶׁל בַּדַּאי, שֶׁאֲפִילוּ אוֹמֵר אֱמֶת אֵין שׁוֹמְעִין לוֹ.

״בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם אֶת עֵינָיו וַיַּרְא״ — וְלָמָּה בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וְלֹא בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן וְלֹא בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי? כְּדֵי שֶׁלֹּא יִהְיוּ אֻמּוֹת־הָעוֹלָם אוֹמְרִין: הֱמָמוֹ וְהָלַךְ וְשָׁחַט אֶת בְּנוֹ.

— אזא זקן ווי דו זאָל קאָנען אומברענגען זײַן זון וואָס איז אים געגעבן געוואָרן צו הונדערט יאָר!

זאָגט אַבֿרהם: — גאָט האָט מיר געהייסן.

איז דער שׂטן אַוועק, זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ בחור און זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר יצחקן און זאָגט צו אים:

— וווּהין גייסטו עס? זאָגט ער: — לערנען תּורה.

פֿרעגט דער שׂטן: — בײַ דײַן לעבן, צי נאָכן טויט? זאָגט ער:
— איז דען פֿאַראַן עמיצער זאָל לערנען נאָכן ט יט?

זאָגט דער שׂטן: ווײ צו דיר, נעבעך, דעם זון פֿון אַן אומגליקלעכער! וויפֿל תּעניתים האָט דײַן מוטער געפֿאַסט, ביז דו ביסט געבאָרן געוואָרן, און איצט איז דער אַלטער צעדרייט געוואָרן און גייט דיך שעכטן.

זאָגט אים יצחק: — פֿונדעסטוועגן וועל איך ניט עובֿר זײַן אויף דעם באַשעפֿערס ווילן און אויף מײַן פֿאָטערס באַפֿעל.

ווענדעט זיך יצחק א ז זאָגט צו זײַן פֿאָטער: — טאַטע! זע, וואָס אָט דער זאָגט צו מיר.

זאָגט צו אים אַבֿרהם: — לייג ניט קיין אַכט אויף אים.

ווען דער שׂטן האָט דערזען אַז זיי נעמען ניט אָן זײַנע רייד, איז ער אַוועק און געוואָרן פֿאַר זיי אַ גרויסער טײַך. אַבֿרהם האָט זיך באַלד געלאָזט אין וואַסער און ווען עס האָט דערגרייכט ביז זײַנע קני האָט ער געזאָגט צו זײַנע יונגען: — קומט נאָך מיר. זײַנען זיי אויך אַראָפּ נאָך אים. אַז ער איז דערגאַנגען ביזן מיטן טײַך, האָט דאָס וואַסער דערגרייכט ביזן האַלדז. אין יענעם מאָמענט האָט אַבֿרהם אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן צום הימל און געזאָגט:

— ריבונו של עולם! האָסט מיך אויסגעקליבן, האָסט זיך באַוויזן צ מיר און געזאָגט צו מיר: "איך בין איינער, דו ביסט איינער, זאָל מײַן נאָמען באַוווּסט ווערן אויף דער וועלט דורך דיר, און ברענג מיר יצחקן דײַן זון פֿאַר אַ קרבן" — און איך האָב זיך ניט אָפּגעהאַלטן, איך טו דײַן מצווה. און איצט איז דאָס וואַסער דערגאַנגען ביז דער נשמה. אויב איך אָדער יצחק מײַן זון וועלן זיך דערטרינקען, — ווער זשע וועט מקיים זײַן דײַן פֿאַרזאָג, דורך וועמען וועט געהייליקט ווערן דײַן נאָמען?

זאָגט אים הקדוש ברוך הוא: — בײַ דײַן לעבן, דורך דיר וועט געהייליקט ווערן מײַן נאָמען. באַלד האָט גאָט אָנגעשריען אויפֿן טײַך, און ער איז אויסגעטריקנט געוואָרן, זײַנען זיי געבליבן שטיין אין טריקעניש.

וואָס טוט דער שׂטן? זאָגט ער צו אַבֿרהמען: — אַזוי האָב איך געהערט פֿון "הינטער דעם פֿאָרהאַנג" (פֿון הימל): אַ שאָף פֿאַרן קרבן אָבער ניט יצחק וועט זײַן דער קרבן. ענטפֿערט אים אַבֿרהם: — דאָס איז די שטראָף פֿונם ליגנער, — ווען אַפֿילו ער זאָגט שוין אמת, גלייבט מען אים ניט.

"אויפֿן דריטן טאָג האָט אַבֿרהם אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן און דערזען" — פֿאַרוואָס דעם דריטן טאָג און ניט אין ערשטן אָדער אין צווייטן? — כּדי די פֿעלקער פֿון דער וועלט זאָלן ניט זאָגן: "ער האָט אים צעטומלט, איז ער אַוועק און געקוילעט זײַן זון".

„וירא את המקום מרחוק" – והיאך נראה מרחוק? מלמד שמתחלה היה מקום עמק, כיון שאמר הקדוש־ברוך־הוא להשרות שכינתו עליו ולעשותו מקדש, אמר: אין דרך מלך לשכן בעמק, אלא במקום גבוה ומעלה ומיפה ונראה לכל. מיד רמז הקדוש־ברוך־הוא לסביבות העמק, שיתקבצו ההרים למקום אחד לעשות מקום לשכינה. אמר לו אברהם ליצחק: רואה אתה מה שאני רואה? אמר לו: אני רואה הר נאה ומשבח וענן קשור עליו. אמר לנעריו: רואים אתם כלום? אמרו לו: אין אנו רואים אלא מדבריות. אמר להם: עם הדומה לחמור! מה החמור רואה ואינו יודע, כך אתם – „שבו לכם פה עם החמור!".

„ויקח אברהם את עצי העלה וישם על יצחק בנו" – כזה שהוא טוען צלובו בכתפו. „ויאמר הנה האש והעצים ואיה השה לעולה"–באותה שעה נפל פחד ויראה גדולה על יצחק, שלא ראה בידו של אברהם כלום לקרבן, והרגיש לומר: „איה השה לעולה?" אמר לו: הקדוש־ברוך־הוא בחר בך. אמר יצחק: אם בחר בי הרי נפשי נתונה לו, אבל על אמי צר לי. ואף־על־פי־כן–„וילכו שניהם יחדו" – זה לעקוד וזה לעקד, זה לשחוט וזה לשחט.

„ויבאו אל המקום" – שניהם מביאים את האבנים, שניהם מביאים את האש, שניהם מביאים את העצים: אברהם דומה כמי שעושה חתנות לבנו, ויצחק דומה כמי שעושה חפה לעצמו. אמר לו יצחק: אבא, מהר ועשה רצון יוצרך ושרפני יפה, ואפר שלי הולך לאמי ותניחהו, וכל זמן שתראהו אמי תאמר: זה בני ששחטו אביו. אבא, מה תעשו בזקנותכם? אמר לו: יודעים אנו שמיתתנו קרובה; מי שנחמנו עד עכשו הוא ינחמנו

"און ער האָט דערזען דאָס אָרט פֿון ווײַטן" — האָט אַבֿרהם געזאָגט צו יצחקן: — זעסטו וואָס איך זע? האָט יצחק געזאָגט: — איך זע אַ באַרג אַ שײנעם און אַ פּראַכטיקן און אַ וואָלקן איז אױפֿגעהאַנגען איבער אים. זאָגט ער צו זײַנע יונגען: — איר זעט עפּעס? זאָגן זײ צו אים: — מיר זעען נאָר מדבר. האָט ער געזאָגט: — לײַט װי דער אײזל. ווי דער אײזל זעט און ווײס ניט וואָס ער זעט, אַזוי איר . . . זיצט דאָ מיט דעם אײזל (אַ וואָרט־שפּיל: "שבו לכם פּה עם החמור — זיצט דאָ מיטן אײזל. אָבער עם איז דער טײַטש פֿאָלק. קען אויסקומען "אײזל פֿאָלק" — עם החמור. פֿון דאַנען שטאַמט דאָס זידל־ווערטל "עם הדומה לחמור" — אַ פֿאָלק וואָס איז ענלעך צו אַן אײזל).

און אַבֿרהם האָט גענומען דאָס האָלץ פֿאַרן קרבן און אַרױפֿגעטאָן אויף יצחקן — אָט ווי אײנער וואָס טראָגט זײַן תליה אויף זיך. האָט ער געזאָגט: — אָט איז דאָס פֿײַער און דאָס האָלץ, טאָ־ווּ איז דאָס שעפּל צום קרבן? איז אויף יצחקן אַרױפֿגעפֿאַלן אַ שרעק און אַ מוראָ, ווײַל ער האָט בײַ אַבֿרהמען ניט געזען גאָרנישט פֿאַר אַ קרבן. האָט ער עס דערפֿילט און געפֿרעגט: — ווּ איז די שאָף צום קרבן? האָט אַבֿרהם געזאָגט: — גאָט האָט דיך אויסגעקליבן. זאָגט יצחק: — האָט גאָט מיך אויסגעקליבן איז מײַן לעבן פֿאַר אים, אָבער אויף מײַן מוטער איז מיר אַ רחמנות.

און דאָך "זײַנען זײ געגאַנגען צוזאַמען" דער צו בינדן, און דער — געבונדן צו ווערן; דער צו שעכטן און דער — געשאָכטן צו ווערן.

"און זײ זײַנען געקומען צום אָרט" — בײדע ברענגען זײ שטײנער, בײדע ברענגען זײ פֿײַער און האָלץ. אַבֿרהם האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט חתונה געמאַכט זײַן זון, און יצחק — גלײַך ער גײט צו זײַן חופּה. זאָגט יצחק: — טאַטע, אײַל זיך צו צו טאָן דעם רצון פֿון שעפֿער און פֿאַרברען מיך גוט. מײַן אַש זאָלסטו ברענגען צו דער מוטער און עס לאָזן בײַ איר. ווען זי וועט אויף דעם קוקן וועט זי זיך טראַכטן: דאָס איז מײַן קינד, וואָס זײַן פֿאָטער האָט אים געקוילעט. טאַטע, וואָס וועט איר טאָן אין אײַער אַלטקײַט?

זאָגט ער צו אים: — מיר וויסן, אַז אונדזער טויט איז נאָענט; ווער עס האָט אונדז ביז איצט געטרייסט, וועט אונדז טרייסטן ביזן טויט *).

---

*) אַ גלויבן איז שטאַרקער פאַר אַלע שטערונגען. קיין שטער, קיין שטן קען ניט אָפּהאַלטן פֿון טאָן דאָס אין וואָס מען גלויבט. כדי צו זיין אַ ייד דאַרף מען קענען גלויבן ביז גרייטקייט צו גיין צו דער עקדה.

עַד יוֹם מוֹתֵנוּ.

כְּשֶׁבָּא לְהַקְרִיב אָמַר לוֹ יִצְחָק: אַבָּא! אֲסֹרֵנִי בְּיָדַי וּבְרַגְלַי, שֶׁהַנֶּפֶשׁ חֲצוּפָה הִיא, וּכְשֶׁאֶרְאֶה הַמַּאֲכֶלֶת שֶׁמָּא אֶזְדַּעְזַע וְיִפָּסֵל הַקָּרְבָּן; בְּבַקָּשָׁה מִמְּךָ, עֲקָדֵנִי, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵעָשֶׂה בִּי מוּם. — מִיָּד „וַיַּעֲקֹד אֶת יִצְחָק בְּנוֹ".

אָמַר לוֹ יִצְחָק לְאַבְרָהָם: אַבָּא! לֹא תּוֹדִיעַ אֶת אִמִּי כְּשֶׁהִיא עוֹמֶדֶת עַל הַבּוֹר אוֹ כְּשֶׁהִיא עוֹמֶדֶת עַל הַגַּג, שֶׁמָּא תַּפִּיל אֶת עַצְמָהּ וְתָמוּת.

„וַיָּשֶׂם אֹתוֹ עַל הַמִּזְבֵּחַ" — עֵינֵי אַבְרָהָם בְּעֵינֵי יִצְחָק וְעֵינֵי יִצְחָק בִּשְׁמֵי שָׁמַיִם. וְהָיוּ דְּמָעוֹת נוֹשְׁרוֹת מֵעֵינֵי אַבְרָהָם עַד שֶׁהָיְתָה קוֹמָתוֹ מְשׁוֹטֶטֶת בִּדְמָעוֹת. נָטַל אֶת הַסַּכִּין כְּדֵי לְשָׁחֲטוֹ עַד שֶׁיֵּצֵא מִמֶּנּוּ רְבִיעִית דָּמוֹ. בָּא הַשָּׂטָן וְדָחַף יָדוֹ שֶׁל אַבְרָהָם וְנָפְלָה הַסַּכִּין מִיָּדוֹ. וְכֵיוָן שֶׁשָּׁלַח לִטֹּל — פָּעַר פִּיו בִּבְכִיָּה וְנָעָה נְעִיָּה גְדוֹלָה, וְהָיוּ עֵינָיו מְרוֹפָפוֹת וְצוֹפוֹת לַשְּׁכִינָה וְהֵרִים קוֹלוֹ וְאָמַר: „אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים, מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי?" בְּאוֹתָהּ שָׁעָה נִגְלָה הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא עַל הַמַּלְאָכִים וּפָתַח אֶת הָרָקִיעַ. וְיִצְחָק נָשָׂא עֵינָיו וְרָאָה חַדְרֵי הַמֶּרְכָּבָה וְחָרַד וְנִזְדַּעְזַע. עָמְדוּ מַלְאֲכֵי־הַשָּׁרֵת שׁוּרוֹת־שׁוּרוֹת בָּרָקִיעַ וְאוֹמְרִים זֶה לָזֶה: רְאוּ יָחִיד שׁוֹחֵט וְיָחִיד נִשְׁחָט. רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! שְׁבוּעַת „כֹּה יִהְיֶה זַרְעֶךָ" מַה־תְּהֵא עָלֶיהָ? מִיָּד יָצְאָה בַּת־קוֹל וְאָמְרָה: „אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ אֶל הַנַּעַר".

אָמַר אַבְרָהָם: מִי אַתָּה? אָמַר לוֹ: מַלְאָךְ אֲנִי. אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: כְּשֶׁאָמַר לִי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְהַקְרִיב אֶת בְּנִי הוּא בְּעַצְמוֹ אָמַר לִי, וְאַף עַכְשָׁו אֲנִי מְבַקֵּשׁ שֶׁיֹּאמַר לִי הוּא בְּעַצְמוֹ. מִיָּד פָּתַח הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא אֶת הָרָקִיעַ וְאֶת הָעֲרָפֶל וְאָמַר לוֹ: „בִּי נִשְׁבַּעְתִּי". אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: אַתָּה נִשְׁבַּעְתָּ וְאַף אֲנִי נִשְׁבַּעְתִּי.

אז ער האָט זיך גענומען מקריבֿ צו זײַן אים, האָט אים יצחק געזאָגט : — טאַטע ! בינד מיר די הענט און די פֿיס, ווײַל די נשמה איז דאָך אײַנגעשפּאַרט און אַז איך וועל דערזען דעם חלף וועל איך זיך אפֿשר אַ טרייסל טאָן און דער קרבן וועט פּסול ווערן, איז, זײַ אַזוי גוט, בינד מיך שטאַרק, עס זאָל ניט ווערן אין מיר קיין מום. — דערפֿאַר שטייט : "און ער האָט געבונדן יצחקן זײַן זון".

האָט יצחק ווײַטער געזאָגט : — טאַטע, זאָלסט ניט אָנזאָגן דער מאַמען ווען זי שטייט בײַ אַ גרוב, אָדער אויף דעם דאַך, טאָמער וועט זי זיך אַראָפּוואַרפֿן און זיך טויטן.

"ער האָט אים אַרויפֿגעלייגט אויפֿן מזבח" — אַבֿרהמס אויגן זײַנען געווענדעט צו יצחקן און יצחקס — צו די הימלען, און טרערן רינען פֿון אַבֿרהמס אויגן ביז ער ווייקט זיך אין טרערן ווי גרויס ער איז. האָט ער גענומען דאָס מעסער אים צו שעכטן, און אַרויסלאָזן אַ קווערטל בלוט. איז געקומען דער שׂטן און אַ שטופּ געטאָן אַבֿרהמס האַנט אַז דאָס מעסער איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון זײַן האַנט. האָט ער זיך געלאָזט אויפֿהויבן און פֿון זײַן מויל האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט אַ געוויין און ער האָט געשריען אַ גרויס געשריי, און זײַנע אויגן האָבן געשוועבט און געקוקט צו גאָט, האָט ער אויפֿגעהויבן זײַן שטימע און געשריען : "מײַנע אויגן הויב איך אויף צו די בערג, פֿון וואַנען וועט קומען מײַן הילף!"

אין יענער רגע האָט גאָט זיך באַוויזן מיט די מלאָכים און ער האָט אויפֿגעעפֿנט דעם הימל און יצחק האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן און דערזען אַלע ווינקלען פֿון גאָטס רײַטוואָגן *) האָט ער זיך דערשראָקן און אויפֿגעציטערט. האָבן זיך די מלאָכים אויסגעשטעלט שורותווײַז און געזאָגט איינער צום צווייטן : — זעט — אַז איינציקער שעכט און אַז איינציקער ווערט געשאָכטן ! ריבונו של עולם ! און די שבֿועה וואָס דו האָסט געשוואָרן (צו אַבֿרהמען) אַז זײַנע קינדער וועלן זײַן ווי די שטערן אין הימל, וואָס וועט ווערן פֿון איר ?

איז באַלד אַרויס אַ בת־קול און געזאָגט : — זאָלסט ניט אויסשטרעקן דײַן האַנט צום קינד.

פֿרעגט אַבֿרהם : — ווער ביסטו ?

— אַ מלאך בין איך.

ענטפֿערט אַבֿרהם : — אַז הקדוש ברוך הוא האָט מיר געהייסן פֿירן מײַן קינד צו דער עקידה, האָט ער אַליין צו מיר גערעדט, ווײַל איך אויך איצט זאָל ער צו מיר ריידן אַליין. באַלד האָט הקדוש ברוך הוא געעפֿנט דעם הימל און דעם נעפּל און האָט געזאָגט צו אים : — איך שווער דיר בײַ מײַן נאָמען . . .

זאָגט צו אים אַבֿרהם : — דו שווערסט און איך שווער אויך :

---

*) די הימלישע וועלט.

שֶׁאֵינִי יוֹרֵד מִן הַמִּזְבֵּחַ הַזֶּה עַד שֶׁאֹמַר כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְבַקֵּשׁ. אָמַר לוֹ: אֱמוֹר כָּל מַה שֶּׁאַתָּה מְבַקֵּשׁ. אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: לֹא אָמַרְתָּ לִי „וּסְפֹר הַכּוֹכָבִים... כֹּה יִהְיֶה זַרְעֶךָ?" אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: הֵן. אָמַר לוֹ: מִמִּי? אָמַר לוֹ: מִיִּצְחָק. אָמַר לוֹ: לֹא אָמַרְתָּ לִי: „וְשַׂמְתִּי אֶת זַרְעֲךָ כַּעֲפַר הָאָרֶץ"? אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: הֵן. אָמַר לוֹ: מִמִּי? אָמַר לוֹ: מִיִּצְחָק. אָמַר לוֹ: כְּשֵׁם שֶׁהָיָה לִי לְהָשִׁיבְךָ וְלוֹמַר לְךָ: אֶתְמוֹל אָמַרְתָּ לִי: „כִּי בְיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע" עַכְשָׁו אַתָּה אוֹמֵר לִי: „הַעֲלֵהוּ שָׁם לְעֹלָה" – וְכָבַשְׁתִּי אֶת יִצְרִי וְלֹא הֱשִׁבוֹתִיךָ, כָּךְ, כְּשֶׁיִּהְיוּ בָּנָיו שֶׁל יִצְחָק חוֹטְאִים וְנִכְנָסִים לְצָרָה, תְּהֵא נִזְכָּר לָהֶם עֲקֵדָתוֹ שֶׁל יִצְחָק וִיהֵא חָשׁוּב לְפָנֶיךָ כְּאִלּוּ עֶפְרוֹ צָבוּר עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ וְתִסְלַח לָהֶם וְתִפְדֵּם מִצָּרָתָם. אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: אַתָּה אָמַרְתָּ אֶת שֶׁלְּךָ וַאֲנִי אוֹמַר אֶת שֶׁלִּי: עֲתִידִים בָּנָיו שֶׁל יִצְחָק לַחֲטוֹא לְפָנַי וַאֲנִי דָן אוֹתָם בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה, אֶלָּא אִם מְבַקְּשִׁים שֶׁאֲחַפֵּשׂ לָהֶם זְכוּת וְאֶזְכּוֹר לָהֶם עֲקֵדַת יִצְחָק – יְהוּ תוֹקְעִים לְפָנַי בְּשׁוֹפָר שֶׁל זֶה. אָמַר לוֹ: מַהוּ הַשּׁוֹפָר? אָמַר לוֹ: חֲזוֹר לַאֲחוֹרֶיךָ... מִיָּד „וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם אֶת עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה אַיִל".

כָּל אוֹתוֹ הַיּוֹם הָיָה אַבְרָהָם רוֹאֶה אֶת הָאַיִל, נֶאֱחָז בְּאִילָן זֶה וְנִתָּר וְיוֹצֵא, נֶאֱחָז בְּחֹרֶשׁ זֶה וְנִתָּר וְיוֹצֵא, נֶאֱחָז בִּסְבַךְ זֶה וְנִתָּר וְיוֹצֵא. אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: אַבְרָהָם, כָּךְ עֲתִידִים בָּנֶיךָ, נֶאֱחָזִים בַּעֲוֹנוֹת וּמִסְתַּבְּכִים בְּמַלְכֻיּוֹת: מִבָּבֶל לְמָדַי, מִמָּדַי לְיָוָן וּמִיָּוָן לֶאֱדוֹם. אָמַר לְפָנָיו: רִבּוֹן הָעוֹלָמִים! יִהְיֶה כֵּן לְעוֹלָם? אָמַר לוֹ: וְסוֹפָם לְהִגָּאֵל בְּקַרְנָיו שֶׁל אַיִל זֶה – „וַה' אֱלֹהִים בַּשּׁוֹפָר יִתְקָע וְהָלַךְ בְּסַעֲרוֹת תֵּימָן"...

— איך װעל פֿון מזבח ניט אַראָפּגײן ביז איך װעל ניט זאָגן װאָס איך װיל.

זאָגט גאָט: — זאָג, װאָס װילסטו.

זאָגט אַבֿרהם: — האָסטו מיר ניט געזאָגט דען: צײל די שטערן . . . אַזױ װעלן זײַן דײַנע קינדער?

— יע, — ענטפֿערט הקדוש ברוך הוא.

— פֿון װעמען? — פֿרעגט אַבֿרהם.

— פֿון יצחקן, — זאָגט גאָט.

— האָסטו מיר דען ניט געזאָגט: "איך װעל מאַכן דײַנע קינדער װי דער שטױב אױף דער ערד"?

— ענטפֿערט גאָט: — יע.

— פֿון װעמען?

— פֿון יצחקן.

זאָגט אַבֿרהם צו אים: — איך װאָלט דיר געדאַרפֿט ענטפֿערן "נעכטן האָסטו מיר געזאָגט אַז פֿון יצחקן װעלן אָפּשטאַמען מײַנע קינדער". איצט זאָגסטו מיר: "ברענג אים פֿאַר אַ קרבן". און איך האָב אָבער אײַנגעהאַלטן מײַנע געפֿילן און דיר ניט געענטפֿערט אַזױ. אַזױ אױך װען יצחקס קינדער װעלן זינדיקן און זײ װעלן אַרײַן אין אַן אומגליק, זאָלסטו זיך דערמאָנען די עקדת יצחק און זאָל זי זײַן פֿאַררעכנט װי זײַן אַש איז אױפֿגעקליבן פֿון מזבח, זאָלסט זײ מוחל זײַן, זאָלסט זײ אױסלײזן פֿון זײער צרה.

זאָגט הקדוש ברוך הוא צו אַבֿרהמען: — דו האָסט געזאָגט דײַנס און איך װעל איצט זאָגן מײַנס: יצחקס קינדער װעלן געװיס זינדיקן פֿאַר מיר. איך װעל זײ משפּטן אום ראש השנה. אָבער אױב זײ װעלן בעטן איך זאָל פֿאַר זײ זוכן אַ זכות און איך זאָל זײ דערמאָנען די עקדת יצחק, זאָלן זײ בלאָזן פֿאַר מיר אין אַ שופֿר פֿון אָט דעם.

— װאָס פֿאַר אַ שופֿר? — פֿרעגט אַבֿרהם.

— קער זיך אום אַהינטער זיך . . . — און באַלד "האָט אַבֿרהם אױפֿגעהױבן זײַנע אױגן און דערזען דעם שאָף־באָק".

דעם גאַנצן טאָג יענעם האָט אַבֿרהם געזען דעם שאָף־באָק, װי ער פֿאַרהאַלט זיך אין אַ בױם, פֿלאָנטערט זיך אַרױס און באַפֿרײַט זיך; פֿאַרקריכט אין אַ װעלדל, באַפֿרײַט זיך און גײט אַרױס; פֿאַרפֿלאָנטערט זיך אין אַ געפֿלעכט פֿון צװײַגן, פֿלאָנטערט זיך אַרױס און באַפֿרײַט זיך.

זאָגט הקדוש ברוך הוא: — אַבֿרהם! אַזױ װעט זײַן מיט דײַנע קינדער: זײ װעלן זיך אַרײַנטאָן אין זינד און זיך פֿאַרפֿלאָנטערן צװישן מלוכות: פֿון בבל אין מדי, פֿון מדי צו די גריכן, און פֿון די גריכן צו אדום (רױם).

זאָגט אַבֿרהם: — האַר פֿון אַלע װעלטן! און אַזױ װעט עס שױן זײַן אײביק?

— זאָגט גאָט צו אים: — און צום סוף װעלן זײ אױסגעלײזט װערן דורכן האָרן פֿון דעם שאָף־באָק — "און גאָט, דער האַר, װעט אין אַ שופֿר בלאָזן און װעט זיך לאָזן מיט די שטורעמס פֿון תּימן" (אױסצולײזן ענדגילטיק די ייִדן פֿון אַלע גלותן).

## פְּטִירַת שָׂרָה אִמֵּנוּ.

בִּשְׁעַת עֲקֵדָתוֹ שֶׁל יִצְחָק הָלַךְ הַשָּׂטָן אֵצֶל שָׂרָה וְנִזְדַּמֵּן לָהּ בִּדְמוּת יִצְחָק. כֵּיוָן שֶׁרְאָתָה אוֹתוֹ אָמְרָה לוֹ: בְּנִי! מָה עָשָׂה לְךָ אָבִיךָ? אָמַר לָהּ: נְטָלַנִי אָבִי וְהֶעֱלַנִי הָרִים וְהוֹרִידַנִי בְּקָעוֹת, עַד שֶׁהֶעֱלַנִי לְרֹאשׁ הַר אֶחָד, וּבָנָה מִזְבֵּחַ וְסִדֵּר הַמַּעֲרָכָה, וְעָרַךְ אֶת הָעֵצִים, וַעֲקָדַנִי עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ וְנָטַל אֶת הַסַּכִּין לְשָׁחֲטֵנִי — וְאִלּוּלֵא שֶׁאָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא „אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ" כְּבָר הָיִיתִי נִשְׁחָט. לֹא הִסְפִּיק לִגְמוֹר אֶת הַדָּבָר עַד שֶׁיָּצְאָה נִשְׁמָתָהּ.

## פְּטִירַת אַבְרָהָם אָבִינוּ.

אוֹתוֹ הַיּוֹם שֶׁנִּפְטַר אַבְרָהָם אָבִינוּ מִן הָעוֹלָם עָמְדוּ כָּל גְּדוֹלֵי אֻמּוֹת־הָעוֹלָם בְּשׁוּרָה וְאָמְרוּ: אוֹי לוֹ לָעוֹלָם שֶׁאָבַד מַנְהִיגוֹ! וְאוֹי לָהּ לִסְפִינָה שֶׁאָבַד קַבַּרְנִיטָהּ!

## רִבְקָה אִמֵּנוּ.

„וַיְהִי יִצְחָק... בְּקַחְתּוֹ אֶת־רִבְקָה בַּת בְּתוּאֵל הָאֲרַמִּי..." — אָמַר רַבִּי יִצְחָק: אִם לְלַמֵּד שֶׁהִיא מֵאֲרַם־נַהֲרַיִם, וַהֲלֹא כְּבָר נֶאֱמַר „מִפַּדַּן־אֲרָם"; מַה תַּלְמוּד־לוֹמַר „הָאֲרַמִּי" — „בַּת בְּתוּאֵל הָאֲרַמִּי", „אֲחוֹת לָבָן הָאֲרַמִּי"? אֶלָּא בָּא לְלַמֶּדְךָ: אָבִיהָ רַמַּאי, וְאַנְשֵׁי מְקוֹמָהּ רַמָּאִים, וְהַצַּדֶּקֶת הַזּוֹ, שֶׁהִיא יוֹצֵאת מִבֵּינֵיהֶם, לְמָה הִיא דּוֹמָה? — לְשׁוֹשַׁנָּה בֵּין הַחוֹחִים.

## יַעֲקֹב וְעֵשָׂו.

„וַיִּתְרֹצְצוּ הַבָּנִים בְּקִרְבָּהּ" — עוֹבֶרֶת עַל בָּתֵּי־כְנֵסִיּוֹת וּבָתֵּי־מִדְרָשׁוֹת — יַעֲקֹב מְפַרְכֵּס לָצֵאת; עוֹבֶרֶת עַל בָּתֵּי עֲבוֹדָה־

כה

## שרה אמנו איז נפטר געווארן

בשעת דער עקדת יצחק איז אוועק דער שטן צו שרהן און האט זיך פארשטעלט פאר יצחקן. אז זי האט אים דערזען האט זי צו אים געזאגט:

— קינד מיינס! וואס האט דיר דיין טאטע אפגעטאן?

זאגט צו איר (דער פארשטעלטער שטן): — מיין טאטע האט מיך גענומען, געשלעפט איבער בערג און איבער טאלן, ביז ער האט מיך ארויפגעפירט אויפן שפיץ פון איין בארג, אויסגעבויט א מזבח, איינגעארדנט די האלץ, מיך געבונדן אויפן מזבח און גענומען דאס מעסער מיך צו שעכטן און ווען גאט זאגט אים ניט: "האלט אפ דיין האנט", וואלט איך שוין געווען א געקוילעטער. — האט ער ניט באוויזן צו ענדיקן זיינע רייד ווי איר לעבן איז אויסגעגאנגען.

כו

## אברהם אבינוס טויט

אינם טאג ווען אברהם אבינו איז אוועק פון דער וועלט האבן זיך געשטעלט אלע גרויסע לייט פון די אומות העולם (פעלקער פון דער וועלט) אין א שורה און געזאגט: — ווי צו דער וועלט וואס האט פארלארן איר פירער און ווי צו א שיף וואס האט פארלארן איר אנפירער.

כז

## אונדזער מוטער רבקה

רבקה, די טאכטער פון בתואל הארמי"... זאגט רבי יצחק: — אויב אונדז צו זאגן, אז זי שטאמט פון פדן ארם, איז דאך שוין איינמאל געזאגט געווארן "פון פדן־ארם", וואס לערנט אונדז דאס זאגן "הארמי"? "בתואל דעם ארמים טאכטער"? "די שוועסטער פון לבן הארמי"? גאר עס קומט צו לערנען אט וואס: איר טאטע איז א רמאי (א ליגנער. ווארטשפיל "ארמי — רמאי"); אירע לאנדסלייט זיינען רמאים, — און די צדקת וואקסט ארויס פון צווישן זיי. און צו וואס קען מען זי צוגלייכן? — צו א רויז פון צווישן דערנער.

כח

## יעקב און עשו

"די זין האבן זיך געשטויסן אין איר" — ווען רבקה פלעגט פארבייגיין פארביי שולן און בתי מדרשים פלעגט יעקב רירן זיך ארויסצוגיין; פלעגט זי פארבייגיין פארביי עבודה זרות, — פלעגט עשו זיך רירן ארויסצוגיין.

זָרָה – עֵשָׂו מְפַרְכֵּס לָצֵאת.

„וַיִּגְדְּלוּ הַנְּעָרִים" – ר' לֵוִי אָמַר: מָשָׁל לַהֲדַס וְעִצְבוֹנִית שֶׁהָיוּ גְּדֵלִים זֶה עַל גַּבֵּי זֶה, וְכֵיוָן שֶׁהִגְדִּילוּ וְהִפְרִיחוּ – זֶה נוֹתֵן רֵיחוֹ וְזֶה חוֹחוֹ. כָּךְ כָּל שְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה שָׁנָה שְׁנֵיהֶם הוֹלְכִים לְבֵית־הַסֵּפֶר וּשְׁנֵיהֶם בָּאִים מִבֵּית־הַסֵּפֶר. לְאַחַר שְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה שָׁנָה – זֶה הָיָה הוֹלֵךְ לְבָתֵּי־מִדְרָשׁוֹת וְזֶה הָיָה הוֹלֵךְ לְבָתֵּי עֲבוֹדָה־זָרָה.

„וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו" – שֶׁהָיָה צָד אֶת אָבִיו בְּפִיו: אַבָּא הֵיאַךְ מְעַשְּׂרִין אֶת הַמֶּלַח? אַבָּא, הֵיאַךְ מְעַשְּׂרִין אֶת הַתֶּבֶן?

---

## לָמָּה כָּהוּ עֵינָיו שֶׁל יִצְחָק?

„וַתִּכְהֶינָה עֵינָיו מֵרְאֹת" – אָמַר ר' אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה מֵרְאוֹת בְּרִשְׁעָתוֹ שֶׁל רָשָׁע. אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: יְהֵי יִצְחָק יוֹצֵא לַשּׁוּק וְיִהְיוּ הַבְּרִיּוֹת אוֹמְרִין: זֶה אָבִיו שֶׁל אוֹתוֹ רָשָׁע, אֶלָּא הֲרֵינִי מַכְהֶה אֶת עֵינָיו וְהוּא יוֹשֵׁב בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ.

דָּבָר אַחֵר: מָשָׁל לְאָדָם גָּדוֹל, שֶׁהָיְתָה לוֹ טְרַקְלִין נָאָה וּמְשֻׁבַּחַת, וְהָיוּ הַשְּׁכֵנִים שׂוֹרְפִים קַשׁ וְתֶבֶן וּמַעֲלִים עָשָׁן בְּעַד הַחַלּוֹן, הָלַךְ וְסָתַם אֶת הַחַלּוֹן; כָּךְ, נְשֵׁי עֵשָׂו עוֹבְדוֹת עֲבוֹדָה זָרָה וְיִצְחָק רוֹאֶה וּמֵצֵר – מִיָּד כָּהוּ עֵינָיו.

דָּבָר־אַחֵר: „מֵרְאוֹת" – מִכֹּחַ אוֹתָהּ הָרְאִיָּה: שֶׁבְּשָׁעָה שֶׁעָקַד אַבְרָהָם אָבִינוּ אֶת בְּנוֹ עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ בָּכוּ מַלְאֲכֵי־הַשָּׁרֵת, וְנָשְׁרוּ דְּמָעוֹת מֵעֵינֵיהֶם לְתוֹךְ עֵינָיו שֶׁל יִצְחָק, וְהָיוּ רְשׁוּמוֹת בְּתוֹךְ עֵינָיו; וְכֵיוָן שֶׁהִזְקִין כָּהוּ עֵינָיו.

„און די יינגלעך זיינען אויסגעוואקסן". — זאָגט ר' לוי : — עס איז אַ משל צו אַ רויז מיט אַ דאָרן וואָס וואַקסן צוזאַמען. ווען זיי האָבן זיך צעוואַקסן גיט דער זיין ריח און דער — שטעכלקעס. אַזוי אויך דאָ : ביז דרייצן יאָר גייען זיי ביידע אין שול און קומען ביידע פֿון שול. נאָך דרייצן יאָר גייט איינער אין בית מדרש לערנען און דער צווייטער גייט צו אַלע עבֿודה זרות *).

---

„און יצחק האָט ליב געהאַט עשׂו ווייל דער פֿאַנג איז אין זיין מויל". ער פֿלעגט אים פֿאַנגען מיט זיין מויל (מיט גוטע ריידעלעך) : — טאַטע, ווי גיט מען מעשׂר פֿון זאַלץ ? טאַטע, ווי גיט מען מעשׂר פֿון שטרוי ? (עשׂו פֿלעגט זיך מאַכן און פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ צדיק, דערמיט פֿלעגט ער אָפּנאַרן זיין פֿאָטער און אים פֿאַנגען") **).

כט

## פֿאַרוואָס זיינען טונקל געוואָרן יצחקס אויגן ?

„און עס זיינען טונקל געוואָרן זיינע אויגן פֿון זען". — האָט ר' אלעזר בן עזריה געזאָגט : — פֿון זען עשׂוס רשעות. ווייל הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט : — יצחק וועט אַרויס אין מאַרק און לייט וועלןריידן — דאָס איז דער פֿאָטער פֿון דעם רשע . . . וועל איך בעסער אים מאַכן טונקל זיינע אויגן, וועט ער זיצן אין שטוב.

אַ צווייטער געדאַנק :

עס איז געגליכן ווי אַ מענטש האָט אויסגעבויט אַ שיינעם און פּראַכטיקן פּאַלאַץ. די שכנים אָבער פֿלעגן ברענען שטרוי און מאַכן אַ רויך אין פֿענצטער. איז ער אַוועק און פֿאַרשטעלט דאָס פֿענצטער. אַזוי אויך דאָ : עשׂוס ווייבער פֿלעגן דינען געצן, יצחק פֿלעגט עס זען און צרות האָבן, — זיינען זיינע אויגן טונקל געוואָרן.

אַן אַנדער געדאַנק :

„פֿון זען" — פֿון יענעם זען — בשעת אַבֿרהם האָט אים געבראַכט צו דער עקדה אויפֿן מזבח האָבן די מלאָכים געוויינט און טרערן זיינען גערונען פֿון זייערע אויגן אין יצחקס אויגן אַריין, האָבן זיי זיך איינגעקריצט אין זיינע אויגן און אַז ער איז אַלט געוואָרן זיינען זיי אים טונקל געוואָרן.

---

*) כדי צו זיין אַ ייד איז ניט גענוג צו האָבן יידישע טאַטע־מאַמע. מען דאַרף אַלייִן פֿירן זיך אין לעבן ווי אַ ייד.

**) מיט ריידן וועגן יידישקייט קען מען אָפּנאַרן לייט. אָבער קיין ייד ווערט מען ניט מיט דעם.

# יַעֲקֹב אָבִינוּ בִּיצִיאָתוֹ מִבְּאֵר־שָׁבַע.

„וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר־שָׁבַע" – יְצִיאַת הַצַּדִּיק מִן הָעִיר עוֹשָׂה רוֹשֶׁם. כָּל זְמַן שֶׁהַצַּדִּיק בָּעִיר – הוּא זִיוָהּ, הוּא שִׁבְחָהּ, הוּא הֲדָרָהּ; יָצָא מִשָּׁם – פָּנָה זִיוָהּ, פָּנָה שִׁבְחָהּ, פָּנָה הֲדָרָהּ.

„וַיֵּלֶךְ חָרָנָה" – כְּשֶׁהִגִּיעַ יַעֲקֹב לְחָרָן, אָמַר: אֶפְשָׁר עָבַרְתִּי עַל מָקוֹם שֶׁהִתְפַּלְּלוּ בּוֹ אֲבוֹתַי וַאֲנִי לֹא הִתְפַּלַּלְתִּי בּוֹ?... כְּשֶׁנָּתַן דַּעְתּוֹ לַחֲזוֹר – קָפְצָה לוֹ הָאָרֶץ; מִיָּד „וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם". כְּשֶׁהִתְפַּלֵּל בִּקֵּשׁ לַחֲזוֹר. אָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: צַדִּיק זֶה בָּא לְבֵית־מְלוֹנִי וְיִפָּטֵר בְּלֹא לִינָה? מִיָּד „בָּא הַשֶּׁמֶשׁ".

„וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם" – עֲשָׂאָן כְּמִין מַרְזֵב וְנָתַן תַּחַת רֹאשׁוֹ, שֶׁהָיָה מִתְיָרֵא מִן הַחַיּוֹת. הִתְחִילוּ הָאֲבָנִים מְרִיבוֹת אֵלּוּ עִם אֵלּוּ; זוֹ אוֹמֶרֶת: עָלַי יַנִּיחַ צַדִּיק זֶה רֹאשׁוֹ, וְזוֹ אוֹמֶרֶת: עָלַי יַנִּיחַ צַדִּיק זֶה רֹאשׁוֹ – נִבְלְעוּ כֻּלָּן בְּאַחַת. וְזֶהוּ שֶׁנֶּאֱמַר: „וַיִּקַּח אֶת־הָאֶבֶן אֲשֶׁר־שָׂם מְרַאֲשֹׁתָיו".

„וְהִנֵּה ה' נִצָּב עָלָיו" – אָמַר ר' שִׁמְעוֹן בֶּן־לָקִישׁ: אִלְמָלֵא מִקְרָא כָּתוּב אִי־אֶפְשָׁר לְאָמְרוֹ: כְּאָדָם שֶׁמֵּנִיף בִּמְנִיפָה עַל בְּנוֹ.

אָמַר ר' אַבָּהוּ: מָשָׁל לְבֶן־מְלָכִים שֶׁהָיָה יָשֵׁן בַּעֲרִיסָה, וְהָיוּ זְבוּבִים שׁוֹכְנִים עָלָיו. וְכֵיוָן שֶׁבָּאָה מֵנִקְתּוֹ שָׁחָה עָלָיו – וּבָרְחוּ. כָּךְ מִתְּחִלָּה „וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹהִים עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ". כֵּיוָן שֶׁנִּתְגַּלָּה עָלָיו הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא – בָּרְחוּ מֵעָלָיו.

---

„הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה שֹׁכֵב עָלֶיהָ לְךָ אֶתְּנֶנָּה וּלְזַרְעֶךָ" – אָמַר ר' יִצְחָק: מְלַמֵּד שֶׁקִּפְּלָהּ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל וְהִנִּיחָהּ תַּחַת יַעֲקֹב אָבִינוּ, לוֹמַר, שֶׁתְּהֵא נוֹחָה לְכָּבֵשׁ לְבָנָיו.

---

ל

# יעקב אָבינו לאָזט זיך פון באר־שבע

"און יעקב איז ארויסגעגאַנגען פון באר־שבע. — דעם צדיקס אוועקגיין פון אַ שטאָט לאָזט אַ צייכן. כּל־זמן דער צדיק איז אין שטאָט, איז ער איר שיין, איר לויב, איר פּוץ. איז ער אַוועק, — גייט אַוועק איר שיין, איר לויב, איר פּוץ.

"און ער איז אַוועק קיין חרן". — אַז ער איז געקומען קיין חרן, האָט ער זיך געזאָגט: — אפשר בין איך דורכגעגאַנגען אַן אָרט וווּ מיינע עלטערן האָבן מתפּלל געווען און איך האָב עס דורכגעלאָזן און ניט תּפילה געטאָן? — האָט ער זיך פאַרטראַכט אומצוקערן. האָט באַלד די ערד אַ שפּרונג געטאָן (אים אַנטקעגן) און ער האָט "באַגעגנט דאָס אָרט" (אַזוי ווי עמיצער באַגעגנט אַ צווייטן וואָס קומט אים אַנטקעגן). אַז ער האָט אָפּגעדאַווענט האָט ער געוואָלט אומקערן זיך צוריק.

זאָגט הקדוש ברוך הוא: — דער צדיק איז געקומען צו מיר אין אַכסניא און וועט זיך אָפּפּטרן ניט נעכטיקנדיק? — איז באַלד "די זון אונטערגעגאַנגען".

"און ער האָט גענומען פון די שטיינער פון דעם אָרט". — ער האָט געמאַכט פון זיי אַ מין רינע (פון ביידע זייטן העכער, ווי וואַנטלעך) און האָט זיי איינגעאָרדנט אונטער זיין קאָפּ, ווייל ער האָט זיך געשראָקן פאַר חיות. האָבן די שטיינער גענומען זיך קריגן די מיט די: דער זאָגט: אויף מיר זאָל דער צדיק לייגן זיין קאָפּ, און דער זאָגט: אויף מיר זאָל דער צדיק לייגן זיין קאָפּ, — זיינען זיי אַלע איינגעשלונגען געוואָרן אין איינעם און דערפאַר זאָגט זיך "און ער האָט גענומען דעם שטיין, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר זיין צוקאָפּנס".

---

"און אָט שטייט גאָט ביי אים". — האָט געזאָגט ר' שמעון בן לקיש: — ווען עס וואָלט ניט געווען קיין בפירושער פּסוק, וואָלט מען עס גאָרניט געטאָרט זאָגן: אָט ווי אַ מענטש פאָכט מיט אַ פאָכער איבער זיין זון (צו מאַכן גרינגער די היץ, דאָס איז אַן אומכּבוד פאַר גאָט).

רבי אַבהו האָט געזאָגט: — עס איז געגליכן צו אַ בן מלך וואָס איז געשלאָפן אין זיין וויגעלע, האָבן פליגן זיך ארומגעזעצט אויף אים, אַז זיין אַם איז געקומען און זיך איינגעבויגן צו אים, זיינען די פליגן אַנטלאָפן. אַזוי איז אויך מיט יעקבן: צוערשט "זיינען מלאכים פון גאָט וואָס גייען אַרויף און אַראָפּ, אָבער ווען גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים — זיינען די מלאכים אַנטלאָפן".

---

"דאָס לאַנד וואָס דו ליגסט אויף איר וועל איך דיר אַוועקגעבן און צו דיינע קינדער". — זאָגט ר' יצחק: — עס לערנט אונדז אַז הקדוש ברוך הוא האָט צונויפגעוויקלט גאַנץ ארץ־ישראל און זי אונטערגעלייגט אונטער יעקב אָבינו, צו ווייזן אַז זי וועט זיך גרינג לאָזן איינגעמען דורך יעקבס קינדער.

## לֵאָה.

„וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת" – רַב אָמַר: רַכּוֹת מַמָּשׁ, וְלֹא גְנַאי הוּא לָהּ אֶלָּא שֶׁבַח הוּא לָהּ, שֶׁהָיְתָה שׁוֹמַעַת עַל פָּרָשַׁת דְּרָכִים בְּנֵי אָדָם שֶׁהָיוּ אוֹמְרִים: שְׁנֵי בָנִים יֵשׁ לָהּ לְרִבְקָה, שְׁתֵּי בָנוֹת יֵשׁ לוֹ לְלָבָן – גְּדוֹלָה לַגָּדוֹל וּקְטַנָּה לַקָּטָן, וְהָיְתָה יוֹשֶׁבֶת עַל פָּרָשַׁת דְּרָכִים וְשׁוֹאֶלֶת: גָּדוֹל מַה מַּעֲשָׂיו? – אִישׁ רַע הוּא, מְלַסְטֵם בְּרִיּוֹת. קָטָן מַה מַּעֲשָׂיו? – „אִישׁ תָּם יוֹשֵׁב אֹהָלִים". הָיְתָה בּוֹכָה עַד שֶׁנָּשְׁרוּ רִיסֵי עֵינֶיהָ.

## נְשִׁיקַת עֵשָׂו.

„וַיָּרָץ עֵשָׂו לִקְרָאתוֹ... וַיִּשָּׁקֵהוּ" – לָמָּה נָקוּד עַל „וַיִּשָּׁקֵהוּ"? מְלַמֵּד שֶׁלֹּא בָא לְנַשְּׁקוֹ, אֶלָּא לְנָשְׁכוֹ וְנַעֲשָׂה צַוָּארוֹ שֶׁל יַעֲקֹב אָבִינוּ כְּעֶצֶם הַשֵּׁן, וְקָהוּ שִׁנָּיו שֶׁל עֵשָׂו הָרָשָׁע. וּמַה תַּלְמוּד לוֹמַר „וַיִּבְכּוּ"? אֶלָּא זֶה בּוֹכֶה עַל צַוָּארוֹ וְזֶה בּוֹכֶה עַל שִׁנָּיו.

## מַלְאֲכֵי־הַשָּׁרֵת מַכִּים חֲיָלוֹתָיו שֶׁל עֵשָׂו.

„מִי לְךָ כָּל הַמַּחֲנֶה הַזֶּה אֲשֶׁר פָּגָשְׁתִּי" – כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה נַעֲשׂוּ מַלְאֲכֵי־הַשָּׁרֵת כִּתּוֹת־כִּתּוֹת וַחֲבוּרוֹת־חֲבוּרוֹת, וְהָיוּ פּוֹגְעִים בַּחֲיָלוֹתָיו שֶׁל עֵשָׂו, וְאוֹמְרִים לָהֶם: מִשֶּׁל מִי אַתֶּם? וְהֵם אוֹמְרִים: מִשֶּׁל עֵשָׂו. וְהֵם אוֹמְרִים: „הַכּוּ, הַכּוּ!" – „מִשֶּׁל בְּנוֹ שֶׁל יִצְחָק" – וְהֵם אוֹמְרִים: „הַכּוּ, הַכּוּ!" כֵּיוָן שֶׁהָיוּ אוֹמְרִים: „מִשֶּׁל אָחִיו שֶׁל יַעֲקֹב אָנוּ" – אָמְרוּ: „הַנִּיחוּ לָהֶם, מִשֶּׁלָּנוּ הֵם". בַּבֹּקֶר אָמַר לוֹ עֵשָׂו: „מִי לְךָ כָּל הַמַּחֲנֶה הַזֶּה אֲשֶׁר פָּגָשְׁתִּי"?

לא

# לאָה

„און די אויגן פֿון לאה זײַנען ווייך געווען". — זאָגט רבֿ: — באמת ווייך. און עס איז ניט דערציילט צום שלעכטן, נאָר צום גוטן. דען זי פֿלעגט הערן אויף אַלע שייד־וועגן ווי מענטשן פֿלעגן ריידן: בײַ רבֿקהן צוויי זין און בײַ לבֿנען צוויי טעכטער, — וועט די עלטערע טאָכטער זײַן פֿאַרן עלטערן זון און די קלענערע פֿאַרן קלענערן. פֿלעגט זי זיך זעצן אויף די שייד־וועגן און פֿרעגן: — וואָס טוט ער, דער עלטערער? — ער איז אַ שלעכטער און בארויבט מענטשן. — דער יינגערער וואָס טוט? — אַ מענטש אַ שטילער, אַ שטובזיצער. — פֿלעגט זי וויינען אויף איר גורל חתונה צו האָבן מיט עשׂון ביז עס זײַנען איר אויסגעקראָכן די ברעמען.

לב

# עשׂום קושן

„און עשׂו איז אים געלאָפֿן אַנטקעגן און אים געקושט". — וואָס באַטײַטן אָבער די פּינטעלעך אויף דעם וואָרט „וישקהו" — ער האָט אים געקושט?

דאָס לערנט אונדז, אַז ער איז געקומען ניט אים צו קושן, נאָר אים צו בײַסן. איז יעקבֿ אָבֿינוּ'ס האַלדז געוואָרן ווי העלפֿאַנט־ביין (האַרט), זײַנען עשׂום ציינער טעמפּ געוואָרן. — טאָ וואָס לערנט אונדז דאָס וואָרט „ויבכו" — זיי האָבן געוויינט? — נאָר דער וויינט אויף זײַן האַלדז און יענער וויינט אויף זײַנע ציינער.

לג

# מלאָכים שלאָגן עשׂום מיליטער

„ווער איז אָט די גאַנצע מחנה דײַנע וואָס איך האָב באַגעגנט?". — די גאַנצע יענע נאַכט האָבן מלאָכים געשאַפֿן כּיתּות און גרופּעס און זיי פֿלעגן אָנגעגענען עשׂום מיליטער און פֿרעגן: — וועמעס זײַט איר?

פֿלעגן זיי ענטפֿערן: — עשׂום זײַנען מיר.

זאָגן זיי: — שלאָגט, שלאָגט!

— מיר געהערן צו יצחקס זון.

ענטפֿערן יענע: — שלאָגט, שלאָגט!

נאָר אַז זיי פֿלעגן זאָגן: — מיר געהערן צו יעקבֿס ברודער, — פֿלעגן זיי זאָגן: — לאָזט זיי, זיי זײַנען אונדזעריקע.

אין פֿרימאָרגן פֿרעגט אים עשׂו: — וועמעס איז אָט די גאַנצע מחנה וואָס איך האָב באַגעגנט?

## יַעֲקֹב וְעֵשָׂו וּשְׁנֵי הָעוֹלָמוֹת.

כְּשֶׁהָיוּ יַעֲקֹב וְעֵשָׂו בִּמְעֵי אִמָּם אָמַר יַעֲקֹב לְעֵשָׂו: עֵשָׂו אָחִי, שְׁנֵי בָנִים אֲנַחְנוּ לְאָבִינוּ, וּשְׁנֵי עוֹלָמוֹת יֵשׁ לְפָנֵינוּ: הָעוֹלָם־הַזֶּה וְהָעוֹלָם־הַבָּא. הָעוֹלָם הַזֶּה יֵשׁ בּוֹ אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וּמַשָּׂא־וּמַתָּן, אֲבָל הָעוֹלָם־הַבָּא אֵינוֹ כֵן. רְצוֹנְךָ, טוֹל אַתָּה הָעוֹלָם־הַזֶּה וַאֲנִי אֶטּוֹל הָעוֹלָם־הַבָּא. בְּאוֹתָהּ שָׁעָה נָטַל עֵשָׂו בְּחֶלְקוֹ הָעוֹלָם־הַזֶּה וְיַעֲקֹב נָטַל בְּחֶלְקוֹ הָעוֹלָם־הַבָּא.

וּכְשֶׁבָּא יַעֲקֹב מִבֵּית לָבָן וְרָאָה עֵשָׂו שֶׁיֵּשׁ לְיַעֲקֹב נָשִׁים וּבָנִים וַעֲבָדִים וּשְׁפָחוֹת וּבְהֵמוֹת וְכֶסֶף וְזָהָב – מִיָּד אָמַר לוֹ: יַעֲקֹב אָחִי, לֹא כָךְ אָמַרְתָּ לִי, שֶׁתִּטּוֹל אַתָּה הָעוֹלָם־הַבָּא וַאֲנִי אֶטּוֹל הָעוֹלָם־הַזֶּה – וּמִנַּיִן לְךָ כָּל הָעוֹלָם־הַזֶּה: נָשִׁים וּבָנִים וּמָמוֹן וַעֲבָדִים וּשְׁפָחוֹת? לָמָּה אַתָּה מִשְׁתַּמֵּשׁ וְנֶהֱנֶה מִן הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם־הַזֶּה כְּמוֹתִי? אָמַר לוֹ יַעֲקֹב לְעֵשָׂו: זֶה מְעַט הָרְכוּשׁ, שֶׁנָּתַן לִי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ לְפִי הַצֹּרֶךְ שֶׁלִּי בָּעוֹלָם־הַזֶּה.

בְּאוֹתָהּ שָׁעָה הֶאֱמִיד עֵשָׂו בְּדַעְתּוֹ וְאָמַר: וּמָה הָעוֹלָם־הַזֶּה, שֶׁאֵין לְיַעֲקֹב חֵלֶק בּוֹ, כָּךְ נָתַן לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא; הָעוֹלָם־הַבָּא, שֶׁהוּא חֶלְקוֹ – עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה.

## פְּטִירַת רִבְקָה.

כְּשֶׁמֵּתָה רִבְקָה אָמְרוּ: מִי יֵצֵא לִפְנֵי מִטָּתָהּ? אַבְרָהָם מֵת, יִצְחָק יוֹשֵׁב בַּבַּיִת וְעֵינָיו כֵּהוֹת, וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְפַדַּן־אֲרָם. יֵצֵא עֵשָׂו הָרָשָׁע לְפָנֶיהָ – יֹאמְרוּ: אֲרוּרוֹת הַדַּדִּים שֶׁמֵּינִיקוֹת כְּגוֹן זֶה. מֶה עָשׂוּ? הוֹצִיאוּ מִטָּתָהּ בַּלַּיְלָה. לְפִיכָךְ לֹא פִּרְסֵם הַכָּתוּב אֶת מִיתָתָהּ.

לד

# יעקב און עשׂו און די צוויי וועלטן

ווען יעקבֿ און עשׂו זײַנען נאָך געווען אין זייער מוטערס לײַב, האָט יעקבֿ געזאָגט צו עשׂון: — עשׂו ברודער! צוויי ברידער זײַנען מיר בײַ אונדזער פֿאָטער און צוויי וועלטן האָבן מיר: די וועלט און די קומענדיקע וועלט. די וועלט באַשטייט פֿון עסן און טרינקען און פֿון האַנדל־וואַנדל. די קומענדיקע וועלט איז אָבער ניט אַזוי. ווילסטו, נעם דו די איצטיקע וועלט און איך וועל נעמען די קומענדיקע וועלט. דעמאָלט האָט עשׂו פֿאַר זײַן חלק גענומען די איצטיקע וועלט און יעקבֿ האָט פֿאַר זײַן חלק גענומען די קומענדיקע וועלט.

ווען יעקבֿ איז געקומען פֿון לבֿנס הויז האָט עשׂו דערזען בײַ יעקבֿן ווײַבער, קינדער, קנעכט און דינסטן, בהמות, זילבער און גאָלד. זאָגט ער צו אים: — ברודער יעקבֿ האָסטו מיר דען ניט געזאָגט אַז דו וועסט נעמען יענע וועלט און איך זאָל נעמען די וועלט? טאָ פֿון וואַנען, קומט צו דיר דאָס אַלץ, די גאַנצע עולם הזה: ווײַבער, קינדער, געלט, קנעכט מיט דינסטן? ווי נוצסטו און ווי געניסטו פֿון עולם הזה־זאַכן מיט מיר צוגלײַך?

זאָגט יעקבֿ צו עשׂון: — דאָס איז דאָס ביסל האָב און גאָב וואָס הקדוש ברוך הוא האָט מיר געגעבן צום נוצן אויף דער וועלט וויפֿל מען מוז האָבן.

האָט עשׂו אין יענער צײַט בײַ זיך געשאַצט: — מה דאָך די וועלט וואָס יעקבֿ האָט ניט קיין חלק אין איר, האָט אים גאָט געגעבן אַזויפֿיל, טאָ וויפֿל מאָל מערער וועט ער שוין האָבן פֿון דער קומענדיקער וועלט, וואָס יענע איז זײַן חלק?

לה

# רבקה איז נפֿטר געוואָרן

אַז רבֿקה איז געשטאָרבן האָט מען געטראַכט: ווער וועט גיין פֿאַר איר מיטה (דאָס טראָג־בעטל וואָס מען טראָגט אויף דעם אַ טויטן)? אבֿרהם איז טויט, יצחק זיצט אין שטוב מיט בלינדע אויגן, יעקבֿ איז אַוועק אין פּדן־אַרם, — וועט דאָך עשׂו רשע אַרויסגיין פֿאַר איר, — וועלן דאָך לײַט זאָגן: — פֿאַרשאָלטן זײַנען די נאַפּלען וואָס האָבן אויסגעזויגן אַזאַ. איז וואָס האָט מען געטאָן? מען האָט אַרויסגעטראָגן רבֿקהס מיטה בײַנאַכט. דערפֿאַר האָט די שריפֿט (די תּורה) ניט באַקאַנט געמאַכט איר טויט (עס איז אין דער תּורה ניט דערמאָנט רבֿקהס טויט).

## קְבוּרַת רָחֵל.

„וַתָּמָת רָחֵל וַתִּקָּבֵר בְּדֶרֶךְ אֶפְרָתָה" — מָה רָאָה אָבִינוּ יַעֲקֹב לִקְבּוֹר אֶת רָחֵל בְּדֶרֶךְ אֶפְרָת? אֶלָּא צָפָה יַעֲקֹב אָבִינוּ שֶׁהַגָּלֻיּוֹת עֲתִידִים לַעֲבוֹר שָׁם, לְפִיכָךְ קְבָרָהּ שָׁם, כְּדֵי שֶׁתְּהֵא מְבַקֶּשֶׁת עֲלֵיהֶם רַחֲמִים. זֶהוּ שֶׁנֶּאֱמַר: „קוֹל בְּרָמָה נִשְׁמָע, נְהִי בְּכִי תַמְרוּרִים, רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ".

---

## בֵּית יַעֲקֹב וּבֵית עֵשָׂו.

„וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב" — מַה כָּתוּב לְמַעְלָה מִן הָעִנְיָן — „וְאֵלֶּה הַמְּלָכִים אֲשֶׁר מָלְכוּ בְּאֶרֶץ אֱדוֹם... וְאֵלֶּה שְׁמוֹת אַלּוּפֵי עֵשָׂו"...

אָמַר ר' לֵוִי: מָשָׁל לְנַפָּח שֶׁהָיָה פִּתְחוֹ פָּתוּחַ מֵרְשׁוּת־הָרַבִּים וּפָתַח בְּנוֹ זָהָבִי פָּתוּחַ כְּנֶגְדּוֹ, וְרָאָה חֲבִילוֹת־חֲבִילוֹת שֶׁל קוֹצִים נִכְנָסוֹת לַמְּדִינָה. אָמַר: אָנָה יִכָּנְסוּ כָּל הַחֲבִילוֹת הַלָּלוּ? וְהָיָה שָׁם פִּקֵּחַ אֶחָד. אָמַר לוֹ: מֵאֵלּוּ אַתָּה מִתְיָרֵא? גֵּץ אֶחָד יוֹצֵא מִשֶּׁלְּךָ וְגֵץ אֶחָד יוֹצֵא מִשֶּׁל בִּנְךָ וְאַתֶּם שׂוֹרְפִים אוֹתָם כֻּלָּם. זֶהוּ שֶׁנֶּאֱמַר: „וְהָיָה בֵית־יַעֲקֹב אֵשׁ, וּבֵית יוֹסֵף לֶהָבָה, וּבֵית עֵשָׂו לְקַשׁ"...

---

## פִּתְרוֹנֵי שָׁוְא.

„וְאֵין פּוֹתֵר אוֹתוֹ לְפַרְעֹה" — פּוֹתְרִין הָיוּ אוֹתוֹ, אֶלָּא שֶׁלֹּא הָיָה קוֹלָם נִכְנָס בְּאָזְנָיו: „שֶׁבַע פָּרוֹת הַטּוֹבוֹת" — שֶׁבַע בָּנוֹת אַתָּה מוֹלִיד, „שֶׁבַע פָּרוֹת הָרָעוֹת" — „שֶׁבַע בָּנוֹת אַתָּה קוֹבֵר"; וְכֵן אָמְרוּ: „שֶׁבַע שִׁבֳּלִים הַטּוֹבוֹת" — שֶׁבַע מַלְכִיּוֹת אַתָּה מְכַבֵּשׁ, „שֶׁבַע שִׁבֳּלִים הָרָעוֹת" — שֶׁבַע אֶפַּרְכִיּוֹת מוֹרְדוֹת בְּךָ, וְכָל כָּךְ

לו

# רחלס קבורה

"און רחל איז געשטאָרבן און איז באַגראָבן געוואָרן אויפן וועג קיין אפרת". — וואָס איז יעקב אבינו אויסגעקומען מקבר צו זײַן רחלען אויפן וועג קיין אפרת? — יעקב אבינו האָט פאַרויסגעזען אַז די אַרויסגעטריבענע אין גלות וועלן דאַרפן דאָרטן דורכגיין, האָט ער זי דאָרטן באַגראָבן, כדי זי זאָל בעטן רחמים פאַר זיי. אַט דאָס איז וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן: "אַ שטימע הערט זיך אין רמה, אַ יאָמער און ביטער געוויין — רחל באַוויינט אירע קינדער".

לז

# בית יעקב און בית עשו

"יעקב איז געזעסן" — און פריער וואָס איז געשריבן? — דאָס זײַנען די מלכים וואָס האָבן געקיניגט אין לאַנד אדום... דאָס זײַנען די נעמען פון עשוס הערן...

זאָגט ר' לוי: — עס איז אַ משל צו אַ שמיד וואָס זײַן טיר איז זײַנען די מלכים וואָס האָבן געקיניגט אין לאַנד אדום... דאָס זײַנען די טיר קעגנאיבער, זעט ער — מען פירט אַרײַן פעק און פעק דערנער אין לאַנד אַרײַן. פרעגט ער: — ווּהין וועלן דאָס אַרײַנקומען אַט די אַלע פעק? איז דאָרט געווען איינער אַ קלוגער, זאָגט ער אים: — האָסטו מורא אַט פאַר די? איין פונק פון דיר, און איין פונק פון דײַן זון — און איר פאַרברענט זיי אַלע. דאָס איז וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן: "בית יעקב וועט זײַן אַ פײַער און בית יוסף — אַ פלאַם און בית עשו — שטרוי". *)

לח

# פאַלשע באַשיידן

"און קיינער קען ניט פותר חלום זײַן פרעהן". — מען האָט אים יאָ באַשיידט (זײַנע חלומות) אָבער עס איז אים אין קאָפּ ניט געגאַנגען. "די זיבן גוטע קי — מיינען אַז זיבן טעכטער וועסטו האָבן; זיבן שלעכטע קי — זיבן טעכטער וועסטו באַגראָבן". און אַזוי האָט מען אים ווײַטער באַשיידט: זיבן גוטע זאַנגען — זיבן מדינות וועסטו אײַננעמען; זיבן שלעכטע זאַנגען — זיבן פּראָווינצן וועלן אויפשטיין קעגן דיר... און דאָס

*) אדום איז אגדה מיינט רוים. — די האָפענונג פטור צו ווערן פון רוימס הערשאַפט.

לָמָּה? כְּדֵי שֶׁיָּבוֹא יוֹסֵף בָּאַחֲרוֹנָה וְיִטּוֹל גְּדֻלָּה. אָמַר הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא: אִם יָבֹא יוֹסֵף תְּחִלָּה וְיִפְתּוֹר אֶת הַחֲלוֹם אֵין זֶה שִׁבְחוֹ, יְכוֹלִים הַחַרְטֻמִּים שֶׁיֹּאמְרוּ לוֹ לְפַרְעֹה: אִלּוּ שָׁאַלְתָּ אוֹתָנוּ כְּבָר פְּתַרְנוּ אוֹתוֹ לְךָ; אֶלָּא הִמְתִּין לָהֶם עַד שֶׁנִּתְיַגְּעוּ וְהוֹצִיאוּ אֶת רוּחוֹ – וְאַחַר כָּךְ בָּא יוֹסֵף וְהֶחֱזִירָהּ.

## גַּבְרִיאֵל לִמֵּד אֶת יוֹסֵף שִׁבְעִים לָשׁוֹן.

אָמַר ר' יוֹחָנָן: בְּשָׁעָה שֶׁאָמַר פַּרְעֹה לְיוֹסֵף: „וּבִלְעָדֶיךָ לֹא-יָרִים אִישׁ אֶת-יָדוֹ וְאֶת-רַגְלוֹ" אָמְרוּ לוֹ אִצְטַגְנִינָיו: עֶבֶד שֶׁלְּקָחוֹ רַבּוֹ בְּעֶשְׂרִים כֶּסֶף – תַּמְשִׁילֵהוּ עָלֵינוּ? אָמַר לָהֶם: גִּנּוּנֵי-מַלְכוּת אֲנִי רוֹאֶה בּוֹ. אָמְרוּ לוֹ: אִם כֵּן יְהֵא יוֹדֵעַ בְּשִׁבְעִים לָשׁוֹן. אָמַר לָהֶם: לְמָחָר אֲבַדְּקֶנּוּ. בַּלַּיְלָה בָּא גַבְרִיאֵל וְלִמֵּד אֶת יוֹסֵף שִׁבְעִים לָשׁוֹן. בַּבֹּקֶר, כָּל לָשׁוֹן שֶׁהָיָה פַּרְעֹה מְדַבֵּר עִמּוֹ הֵשִׁיב לוֹ. לְסוֹף הִתְחִיל יוֹסֵף מֵסִיחַ בִּלְשׁוֹן-הַקֹּדֶשׁ. לֹא יָדַע פַּרְעֹה מַה הוּא סָח. אָמַר לוֹ פַּרְעֹה: לַמְּדֵנִי לָשׁוֹן זוֹ. לִמְּדוֹ וְלֹא לָמַד. אָמַר לוֹ פַּרְעֹה: הִשָּׁבַע-לִי שֶׁלֹּא תְגַלֶּה לְאִישׁ. נִשְׁבַּע לוֹ. וּכְשֶׁאָמַר יוֹסֵף לְפַרְעֹה: „אָבִי הִשְׁבִּיעַנִי לֵאמֹר..." – אָמַר לוֹ פַּרְעֹה: לֵךְ וְשָׁאֵל עַל שְׁבוּעָתְךָ. אָמַר לוֹ יוֹסֵף: אִם כֵּן אֶשְׁאַל גַּם עַל אוֹתָהּ שְׁבוּעָה שֶׁנִּשְׁבַּעְתִּי לָךְ; וְעַל-כָּרְחוֹ אָמַר פַּרְעֹה לְיוֹסֵף: „עֲלֵה וּקְבֹר אֶת-אָבִיךָ כַּאֲשֶׁר הִשְׁבִּיעֶךָ".

## אֲחֵי יוֹסֵף בְּמִצְרַיִם.

„וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב לְבָנָיו לָמָּה תִּתְרָאוּ" – אָמַר יַעֲקֹב לְבָנָיו: אַתֶּם גִּבּוֹרִים, אַתֶּם נָאִים, אַל תִּכָּנְסוּ בְּשַׁעַר אֶחָד, וְאַל תַּעַמְדוּ

אַלץ צו וואָס ? — כּדי צ ם סוף זאָל קומען יוסף און באַקומען גאָר די גרויסקייט.

הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט : — זאָל יוסף קומען גלייך צום אַנהויב און אים פּותר חלום זײַן, איז עס ניט קיין ליוב פאַר אים. די חרטומים וואָלטן געקענט זאָגן צו פּרעהן : — וואָלסט אונדז געפֿרעגט וואָלטן מיר דיר אויך באַשיידט. אָבער ער האָט געוואָרט ביז זיי זײַנען מיד געוואָרן און זײַן געדולד אים אַרויסגעצויגן — איז נאָכדעם געקומען יוסף און אים אומגעקערט.

לט

## גבריאל האָט אויסגעלערנט יוספֿן אַלע זיבעציק לשונות

דערציילט ר' יוחנן : — ווען פּרעה האָט געזאָגט יוספֿן : "אויסער דיר זאָל קיינער ניט אויפֿהויבן זײַן האַנט אָדער זײַן פֿוס".

האָבן צו אים געזאָגט זײַנע שטערן־זעער : — אַ קנעכט, וואָס זײַן האַר האָט אים געקויפֿט פֿאַר צוואַנציק זילבער שטיק, וועסטו מאַכן הערשן איבער אונדז ?

ענטפֿערט ער זיי : — איך זע אין אים קיניגלעכע סימנים.

זאָגן זיי אים : — אויב אַזוי, זאָל ער וויסן די זיבעציק שפּראַכן.

האָט פּרעה צו זיי געזאָגט : — מאָרגן וועל איך אים אויספּרובירן.

בײַנאַכט איז געקומען דער מלאך גבריאל און אויסגעלערנט יוספֿן אַלע זיבעציק לשונות. אין פֿרימאָרגן, אַז פּרעה האָט גערעדט צו אים אין איטלעכער שפּראַך, האָט ער געענטפֿערט. צום סוף האָט יוסף אָנגעהויבן ריידן לשון קודש. האָט פּרעה ניט פֿאַרשטאַנען וואָס ער רעדט.

זאָגט אים פּרעה : — לערן מיך אויס דעם לשון.

האָט ער מיט אים געלערנט און ער האָט זיך ניט אויסגעלערנט.

זאָגט אים פּרעה : — שווער זיך פֿאַר מיר, אַז דו וועסט קיינעם ניט אויסזאָגן. — האָט ער אים געשוואָרן.

ווען יוסף האָט געזאָגט צו פּרעהן אַז ער דאַרף היטן די שבֿועה וואָס זײַן פֿאָטער האָט אים באַשוואָרן (צו גיין אים מקבר זײַן אין ארץ־ישׂראל), — האָט אים פּרעה געענטפֿערט :

— גיי, בעט, מען זאָל דיך באַפֿרײַען פֿון דײַן שבֿועה.

זאָגט יוסף : — אויב אַזוי וועל איך שוין פֿרעגן אויך אויף דער שבֿועה, וואָס איך האָב דיר געשוואָרן.

איז ער געצוווּנגען געווען צו זאָגן צו יוספֿן : — גיי, באַגראָב דײַן פֿאָטער, ווי ער האָט דיך פֿאַרשוואָרן.

מ

## יוספֿס ברידער אין מצרים

יעקבֿ האָט געזאָגט צו זײַנע זין : — איר זײַט גיבורים, איר זײַט שיין, גייט ניט אַרײַן דורך איין טויער, שטייט ניט (צוזאַמען) אויף איין

בְּמָקוֹם אֶחָד, שֶׁלֹּא תִשְׁלוֹט בָּכֶם עַיִן־רָעָה.

„וַיֵּרְדוּ אֲחֵי יוֹסֵף"—הָיָה רָאוּי לַמִּקְרָא לוֹמַר „וַיֵּרְדוּ בְּנֵי יַעֲקֹב", מַהוּ „אֲחֵי יוֹסֵף"? אֶלָּא בַּתְּחִלָּה לֹא נָהֲגוּ בוֹ אַחֲוָה וּמְכָרוּהוּ, וּלְבַסּוֹף נִתְחָרְטוּ, וְהָיוּ אוֹמְרִים בְּכָל יוֹם: אֵימָתַי נֵרֵד לְמִצְרַיִם וְנַחֲזִיר אֶת אָחִינוּ לְאָבִיו. וּכְשֶׁאָמַר לָהֶם אֲבִיהֶם לֵירֵד לְמִצְרַיִם נָתְנוּ כֻּלָּם דֵּעָה אַחַת לְהַחֲזִירוֹ:

אָמַר ר' יְהוּדָה בַּר סִימוֹן: אַף יוֹסֵף יוֹדֵעַ הָיָה, שֶׁאֶחָיו יוֹרְדִים לְמִצְרַיִם לִשְׁבָּר־אֹכֶל. מֶה עָשָׂה? הוֹשִׁיב שׁוֹמְרִים עַל כָּל הַפְּתָחִים וְאָמַר לָהֶם: רְאוּ, כָּל מִי שֶׁיִּכָּנֵס לִשְׁבָּר־אֹכֶל — כִּתְבוּ שְׁמוֹ וְשֵׁם אָבִיו וְלָעֶרֶב הָבִיאוּ לִי פִּתְקֵיכֶם. עָשׂוּ כָּךְ. כֵּיוָן שֶׁבָּאוּ בְּנֵי יַעֲקֹב כָּל אֶחָד וְאֶחָד נִכְנַס בְּשַׁעַר שֶׁלּוֹ וְכָתְבוּ אֶת שְׁמוֹתָם וְשֵׁם אֲבִיהֶם. לָעֶרֶב הֵבִיאוּ פִּתְקֵיהֶם לִפְנֵי יוֹסֵף, זֶה קוֹרֵא „שִׁמְעוֹן בֶּן יַעֲקֹב" וְכֵן כָּל אֶחָד וְאֶחָד. מִיָּד אָמַר לָהֶם יוֹסֵף:

חִתְמוּ כָּל הָאוֹצָרוֹת וּפִתְחוּ אוֹצָר אֶחָד, וְנָתַן שְׁמוֹתָם לַמְּמֻנֶּה עַל הָאוֹצָר, אָמַר לוֹ: רְאֵה, כְּשֶׁיָּבוֹאוּ בְּנֵי אָדָם הַלָּלוּ לִקַּח אֹכֶל, תְּפוֹס אוֹתָם וְשַׁגְּרֵם לְפָנַי. עָבְרוּ שְׁלֹשָׁה יָמִים וְלֹא בָאוּ, וְשִׁגֵּר לְבַקְּשָׁם בַּשּׁוּק. הָלְכוּ וּמָצְאוּ אוֹתָם כְּשֶׁהֵם מְחַזְּרִים בְּתוֹךְ הַשּׁוּק, יוֹצְאִים מִשּׁוּק זֶה לְשׁוּק זֶה, מִמָּבוֹי זֶה לְמָבוֹי זֶה. מִיָּד תְּפָשׂוּ אוֹתָם וֶהֱבִיאוּם לִפְנֵי יוֹסֵף.

„וַיַּכִּירֵם וַיִּתְנַכֵּר אֲלֵיהֶם" — נַעֲשָׂה לָהֶם כְּנָכְרִי, נָטַל הַגָּבִיעַ וְהִקִּישׁ בּוֹ, אָמַר לָהֶם: אֲנִי רוֹאֶה בַּגָּבִיעַ שֶׁלִּי, מְרַגְּלִים אַתֶּם. אָמְרוּ לוֹ: „כֵּנִים אֲנַחְנוּ". אָמַר לָהֶם: וְאִם כֵּנִים אַתֶּם, לָמָּה לֹא נִכְנַסְתֶּם כֻּלְּכֶם בְּפֶתַח אֶחָד? אָמְרוּ לוֹ: כָּךְ צִוָּנוּ אַבָּא: „אַל תִּכָּנְסוּ בְּשַׁעַר אֶחָד". אָמַר לָהֶם: בַּשּׁוּק מַה טִּיבְכֶם? לֹא הֱיִיתֶם

ארט, עס זאָל איך קיין עין הרע ניט שאַדן.

"זיינען אראָפּגענידערט יוספֿס ברידער". — האָט דאָך דער פּסוק געדאַרפֿט זאָגן: "עס זיינען אראָפּגעגאַנגען יעקבֿס זין", פֿאַרוואָס "יוספֿס ברידער"? נאָר — פֿון אָנהויב האָבן זיי זיך ניט געפֿירט מיט אים ברידערלעך און האָבן אים פֿאַרקויפֿט. צום סוף האָבן זיי חרטה געהאַט און זיי פּלעגן אַלע טאָג זאָגן:

— ווען ווען מיר זיך אראָפּלאָזן קיין מצרים און אומקערן אונדזער ברודער צו זיין פֿאָטער.

אַז זייער פֿאָטער האָט זיי געהייסן גיין קיין מצרים, האָבן זיי אַלע זיך אין זינען געגומען אים אומצוקערן.

ר׳ יהודה בר׳ סימון האָט געזאָגט: — אויך יוסף האָט געוווּסט, אַז זיינע ברידער נידערן אַראָפּ קיין מצרים איינצושאַפֿן זיך עסן. איז וואָס האָט ער געטאָן? — האָט ער אַוועקגעזעצט שומרים ביי אַלע אַריינגאַנגען און זיי אָנגעזאָגט: — קוקט זיך צו ווער עס קומט קויפֿן שפּייז און פֿאַרשרייבט זיין נאָמען מיט זיין פֿאָטערס נאָמען און אין אָוונט ברענגט מיר אייערע צעטלען. האָבן זיי געטאָן אַזוי.

ווען יעקבֿס זין זיינען אָנגעקומען, זיינען זיי אַריין איטלעכער דורך אַן אַנדער טויער און מען האָט פֿאַרשריבן זייער נאָמען און זייער פֿאָטערס נאָמען. אין אָוונט האָט מען געבראַכט צו יוספֿן די צעטלען. איינער לייענט "שמעון בן יעקבֿ" און אַזוי איטלעכער שומר.

זאָגט זיי באַלד יוסף: — פֿאַרשליסט אַלע לאַגערן און עפֿנט בלויז איינעם און די נעמען (פֿון זיינע ברידער) האָט ער איבערגעגעבן דעם פֿאַרוואַלטער פֿון שפּייז־לאַגער און אים אָנגעזאָגט: — זע, ווען עס וועלן קומען אָט די לייט צו קויפֿן עסן, פֿאַרהאַלט זיי און שיק זיי איבער צו מיר.

זיינען אַריבער דריי טעג און זיי זיינען ניט געקומען. האָט ער געשיקט זיי זוכן אין מאַרק. איז מען געגאַנגען און מען האָט זיי געפֿונען — זיי דרייען זיך אַרום אין מאַרק. פֿון איין מאַרק אַרויס אין צווייטן מאַרק אַריין, פֿון איין געסעלע אַרויס אין צווייטן אַריין. האָט מען זיי באַלד פֿאַרהאַלטן און געבראַכט צו יוספֿן.

"האָט ער זיי דערקענט און זיך פֿרעמד געמאַכט פֿאַר זיי". — ער האָט זיך געמאַכט פֿאַר זיי פֿאַר אַ פֿרעמדן. ער האָט גענומען דעם בעכער, געקלאַפּט אויף אים און געזאָגט צו זיי: — איך זע אויף מיין בעכער, אַז איר זייט אויסקוקער (שפּיאָנען, אויסנאַרער פֿון די סודות פֿון לאַנד).

זאָגן זיי צו אים: — מיר זיינען ערלעכע.

זאָגט ער זיי: — אויב איר זייט ערלעכע, טאָ פֿאַרוואָס זייט איר ניט אַריין אַלע דורך איין טויער?

זאָגן זיי: — אַזוי האָט אונדז אונדזער פֿאָטער פֿאַרזאָגט: "נייט ניט אַריין אַלע אין איין טויער".

זאָגט ער זיי ווייטער: — וואָס גוטס האָט איר געהאַט אין מאַרק (צו טאָן)? האָט איר דען מורא געהאַט פֿאַר אַ גוט אויג?

מִתְיָרְאִים מִן הָעַיִן? אָמְרוּ לוֹ: אֲבֵדָה אָבְדָה לָנוּ וְהָיִינוּ מְבַקְשִׁים אוֹתָהּ שָׁם. אָמַר לָהֶם: אֵיזוֹ אֲבֵדָה? אֲנִי רוֹאֶה בַּגָּבִיעַ, שֶׁשְּׁנַיִם מִכֶּם הֶחֱרִיבוּ כְּרַךְ גָּדוֹל שֶׁל שְׁכֶם. אָמְרוּ לוֹ: וּמִי הֵם? הִקִּישׁ בַּגָּבִיעַ, אָמַר לָהֶם: שִׁמְעוֹן וְלֵוִי שְׁמָם. מִיָּד נִזְדַּעְזְעוּ וְאָמְרוּ לוֹ: „שְׁנֵים עָשָׂר עֲבָדֶיךָ אַחִים אֲנַחְנוּ". אָמַר לָהֶם: וְהֵיכָן הַשְּׁנַיִם? אָמְרוּ לוֹ: „הַקָּטֹן אֶת־אָבִינוּ הַיּוֹם וְהָאֶחָד אֵינֶנּוּ". אָמַר לָהֶם: „אֶת אֲחִיכֶם הַקָּטֹן תָּבִיאוּ אֵלַי וְיֵאָמְנוּ דִבְרֵיכֶם". לָקַח אֶת שִׁמְעוֹן וְאָסַר אוֹתוֹ לְעֵינֵיהֶם וְאָמַר לָהֶם: זֶה יְהֵא חָבוּשׁ עַד שֶׁתָּבִיאוּ אֶת אֲחִיכֶם. וְלָמָּה אָסַר אֶת שִׁמְעוֹן? מִפְּנֵי שֶׁהוּא דְחָפוֹ לַבּוֹר; וְעוֹד, פֵּרַשׁ אוֹתוֹ מִלֵּוִי, שֶׁלֹּא יִטְּלוּ עָלָיו עֵצָה. אָמַר שִׁמְעוֹן לְאֶחָיו: כָּךְ עֲשִׂיתֶם לְיוֹסֵף וְכָךְ אַתֶּם מְבַקְשִׁים לַעֲשׂוֹת לִי? אָמְרוּ לוֹ: וּמַה־נַּעֲשֶׂה? יָמוּתוּ אַנְשֵׁי בֵיתֵנוּ בָּרָעָב? אָמַר לָהֶם: עֲשׂוּ מַה שֶּׁתִּרְצוּ, עַכְשָׁו אֶרְאֶה מִי יַכְנִיסֵנִי לְבֵית־הָאֲסוּרִים?

בְּאוֹתָהּ שָׁעָה שָׁלַח יוֹסֵף אֵצֶל פַּרְעֹה וְאָמַר לוֹ: שְׁלַח לִי שִׁבְעִים גִּבּוֹרִים מֵאֶצְלְךָ, שֶׁמָּצָאתִי לִסְטִים וַאֲנִי מְבַקֵּשׁ לִתֵּן עֲלֵיהֶם כְּבָלִים. שָׁלַח לוֹ. וְהָיוּ מִסְתַּכְּלִים אֲחֵי יוֹסֵף מַה הוּא מְבַקֵּשׁ לַעֲשׂוֹת. אָמַר יוֹסֵף לְאוֹתָם גִּבּוֹרִים: הַכְנִיסוּ אֶת זֶה לְבֵית־הָאֲסוּרִים וּתְנוּ כְבָלִים בְּרַגְלָיו. כֵּיוָן שֶׁקָּרְבוּ אֶצְלוֹ צָוַח עֲלֵיהֶם שִׁמְעוֹן. כֵּיוָן שֶׁשָּׁמְעוּ קוֹלוֹ נָפְלוּ עַל פְּנֵיהֶם וְנִשְׁתַּבְּרוּ שִׁנֵּיהֶם. וְהָיָה מְנַשֶּׁה בֶּן יוֹסֵף יוֹשֵׁב לִפְנֵי אָבִיו. אָמַר לוֹ יוֹסֵף: קוּם אַתָּה. מִיָּד קָם מְנַשֶּׁה וְהִכָּה אֶת שִׁמְעוֹן מַכָּה אַחַת וְהִכְנִיסוֹ לְבֵית־הָאֲסוּרִים וְנָתַן עָלָיו כְּבָלִים. אָמַר שִׁמְעוֹן לְאֶחָיו: אַתֶּם אוֹמְרִים מַכָּה שֶׁל מִצְרִים הִיא, זוֹ אֵינָהּ אֶלָּא שֶׁל בֵּית אַבָּא. כֵּיוָן שֶׁרָאוּ אֲחֵי יוֹסֵף כָּךְ, נָפְלָה אֵימָה עֲלֵיהֶם וְהָלְכוּ אֵצֶל אֲבִיהֶם.

כְּשֶׁבָּאוּ אֵצֶל אֲבִיהֶם וְסִפְּרוּ לוֹ אֶת כָּל הַמְּאֹרָע, אָמַר

זאָגן זיי : — מיר האָב געהאַט אַ אבֵדה (אַ פֿאַרלוסט, מיר האָבן פֿאַרלאָרן), האָבן מיר געזוכט דאָרטן.

זאָגט ער : — וואָס פֿאַר אַ אבֵדה איז עס געווען ? איך זע מיט מײַן בעכער (דורך דעם כּישוף מיטן בעכער), אַז צוויי פֿון אײַך האָבן חרוב געמאַכט די גרויסע שטאָט שכם.

— און ווער זײַנען זיי? — פֿרעגן זיי אים.

קלאַפּט יוסף אין בעכער (כּלומרשט ווי ער וואָלט געכּישופֿט) און זאָגט צו זיי : — שמעון און לוי רופֿט מען זיי.

זײַנען זיי באַלד אויפֿגעציטערט געוואָרן און זאָגן צו אים : — צוועלף ברידער זײַנען מיר, דײַנע קנעכט.

— און וווּ זײַנען די צוויי? — זאָגט ער, (געקומען זײַנען דאָך צען).

זאָגן זיי : — דער יינגסטער איז מיטן פֿאָטער און איינער איז ניטאָ.

זאָגט ער : — דאָס קליין ברודערל זאָלט איר ברענגען, וועלן אײַערע רייד אויסגעפּרובירט ווערן.

האָט ער גענומען שמעונען און אים געבונדן פֿאַר זיי אין די אויגן און האָט צו זיי געזאָגט : — אָט דער וועט בלײַבן פֿאַרהאַלטן (אין תּפֿיסה) ביז איר וועט ברענגען אײַער ברודער.

און פֿאַרוואָס האָט ער געבונדן שמעונען ? — ווײַל ער האָט אים אַרײַנגעשטופּט אין גרוב אַרײַן. ווידער האָט ער אים אָפּגעטיילט פֿון לוין זיי זאָלן זיך צוזאַמען ניט באַטראַכטן עפּעס קעגן אים.

האָט שמעון געזאָגט צו זײַנע ברידער : — אַזוי האָט איר געטאָן מיט יוספֿן און אַזוי ווילט איר אויך מיט מיר מאַכן ?

זאָגן זיי צו אים : — איז וואָס זאָלן מיר טאָן ? זאָלן אונדזערע הויזגעזינטן שטאַרבן פֿון הונגער ?

זאָגט ער צו זיי : — טוט וואָס איר ווילט, אָבער איצט וועל איך זען ווער עס וועט מיך אַרײַננעמען אין תּפֿיסה.

דעמאָלט האָט יוסף געשיקט צו פּרעהן און אָנגעזאָגט צו אים : — שיק מיר זיבעציק גיבורים פֿון די וואָס בײַ דיר, דען איך האָב געפֿונען רויבער און איך וויל זיי שמידן אין קייטן.

האָט ער געשיקט. און יוספֿס ברידער קוקן זיך צו וואָס ער וויל דאָ טאָן.

זאָגט יוסף צו די גיבורים : — נעמט אַרײַן אָט דעם אין תּפֿיסה און שמידט זײַנע פֿיס אין קייטן.

ווי נאָר זיי האָבן זיך דערנענטערט צו אים האָט שמעון דערלאַנגט אויף זיי אַ געשריי. אַז זיי האָבן דערהערט זײַן קול, זײַנען זיי געפֿאַלן אויף זייערע פּנימער און זייערע ציינער האָבן זיך צעבראָכן.

און מנשה, יוספֿס זון, איז געזעסן לעבן פֿאָטער. זאָגט אים יוסף : — שטעל זיך נאָר דו. האָט מנשה באַלד זיך געשטעלט, דערלאַנגט שמעונען איין קלאַפּ, אים אַרײַנגעפֿירט אין תּפֿיסה און אים אָנגעטאָן קייטן.

זאָגט שמעון צו זײַנע ברידער : — איר מיינט מן הסתם עס איז אַ מצריישער קלאַפּ, עס איז אָבער נאָר פֿון אונדזער משפּחה.

האָבן יוספֿס ברידער עס געזען, האָבן זיי זיך שטאַרק דערשראָקן און זיך געלאָזט צו זייער פֿאָטער. אַז זיי זײַנען געקומען צום פֿאָטער האָבן זיי אים דערציילט די גאַנצע געשעעניש.

לָהֶם אֲבִיהֶם: הֵיכָן שִׁמְעוֹן? אָמְרוּ לוֹ: אוֹתוֹ הָאִישׁ אֲדוֹנֵי הָאָרֶץ תְּפָשׂוֹ, בִּשְׁבִיל שֶׁנָּבִיא אָחִינוּ הַקָּטֹן. אָמַר לָהֶם: „אוֹתִי שִׁכַּלְתֶּם, יוֹסֵף אֵינֶנּוּ, וְשִׁמְעוֹן אֵינֶנּוּ"...

„וַיֹּאמֶר רְאוּבֵן אֶל אָבִיו לֵאמֹר: אֶת שְׁנֵי בָנַי תָּמִית"... — אָמַר לוֹ: בְּכוֹר שׁוֹטֶה! וְכִי בָנֶיךָ אֵינָם בָּנַי? אָמַר לָהֶם יְהוּדָה: הַנִּיחוּ לוֹ לַזָּקֵן עַד שֶׁתִּכְלֶה הַפַּת.

„וַיְהִי כַּאֲשֶׁר כִּלּוּ לֶאֱכוֹל" — אָמַר לוֹ יְהוּדָה: אַבָּא! אִם יֵלֵךְ בִּנְיָמִין עִמָּנוּ סָפֵק נִתְפָּס סָפֵק אֵינוֹ נִתְפָּס, וְאִם אֵינוֹ הוֹלֵךְ עִמָּנוּ כֻּלָּנוּ מֵתִים — מוּטָב שֶׁתַּנִּיחַ אֶת הַסָּפֵק וְתִתְפּוֹס אֶת הַוַּדַּאי. אָמַר: מִי עָרֵב בּוֹ? אָמַר לוֹ: „אָנֹכִי אֶעֶרְבֶנּוּ". מִיַּד בֵּרְכָם יַעֲקֹב וְשִׁלְּחוֹ עִמָּהֶם.

## יְרִידָה שְׁנִיָּה לְמִצְרַיִם.

„וְאֵל שַׁדַּי יִתֵּן לָכֶם רַחֲמִים" — מָה רָאָה יַעֲקֹב לְבָרְכָם בְּ„אֵל שַׁדַּי"? לְלַמֶּדְךָ שֶׁהַרְבֵּה יִסּוּרִים בָּאוּ עָלָיו: עַד שֶׁהוּא בִּמְעֵי אִמּוֹ עֵשָׂו מֵרִיב עִמּוֹ; בָּרַח מִפְּנֵי עֵשָׂו לְלָבָן—הָיָה שָׁם עֶשְׂרִים שָׁנָה בְּצָרוֹת רַבּוֹת; לְאַחַר שֶׁיָּצָא מִשָּׁם — רָדַף לָבָן אַחֲרָיו לְהָרְגוֹ; נִמְלַט מִמֶּנּוּ — בָּא עֵשָׂו וּבִקֵּשׁ לְהָרְגוֹ וְהִפְסִיד עָלָיו כָּל אוֹתוֹ דּוֹרוֹן. יָצָא מֵעֵשָׂו—בָּאָה עָלָיו צָרַת דִּינָה. יָצָא מִצָּרַת דִּינָה — בָּאָה עָלָיו צָרַת רָחֵל. וְאַחַר כָּל הַצָּרוֹת הַלָּלוּ בִּקֵּשׁ לָנוּחַ קִמְעָא — בָּאָה עָלָיו צָרַת יוֹסֵף, צָרַת שִׁמְעוֹן וְצָרַת בִּנְיָמִין. לְפִיכָךְ הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּ„אֵל שַׁדַּי": מִי שֶׁאָמַר לְעוֹלָמוֹ „דַּי"—יֹאמַר לְיִסּוּרַי „דַּי".

הֵבִיאוּ אֶת בִּנְיָמִין וְהֶעֱמִידוּהוּ לִפְנֵי יוֹסֵף. „וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא

זאָגט זיי זייער פֿאָטער : — ווו איז שמעון ?

זאָגן זיי אים : — אַ יענער מאַן, דער האַר פֿון לאַנד האָט אים פֿאַרהאַלטן, כּדי מיר זאָלן ברענגען אונדזער קליינעם ברודער.

זאָגט זיי זייער פֿאָטער : — מיך האָט איר באַרויבט פֿון מײַנע קינדער: יוסף איז ניטאָ, שמעון איז שוין אויך ניטאָ . . .

האָט ראובֿן געזאָגט זײַן פֿאָטער אַזוי : — מײַנע צוויי זין קענסטו טייטן . . .

ענטפֿערט אים זײַן פֿאָטער : — דו נאַרישער בכור ! זײַנען דען דײַנע זין ניט מײַנע ?

זאָגט יהודה צו זיי : — לאָזט אים, דעם אַלטן, ביז דער ברויט וועט אויסגיין.

"און עס איז געוועזן ווען זיי האָבן געענדיקט עסן" — האָט צו אים געזאָגט יהודה : — פֿאָטער, אויב בנימין וועט גיין מיט אונדז קען זײַן, ער וועט פֿאַרהאַלטן ווערן, און אפֿשר וועט ער ניט פֿאַרהאַלטן ווערן; וועט ער אָבער ניט גיין מיט אונדז, וועלן מיר דאָך אַלע שטאַרבן — איז דאָך בעסער זאָלסט אַננעמען דאָס זיכערע און לאָזן דאָס אומזיכערע.

זאָגט ער : — ווער וועט מיר ערב זײַן פֿאַר אים ?

זאָגט אים (יהודה) : — איך וועל ערב זײַן פֿאַר אים.

האָט זיי יעקבֿ געבענטשט און געשיקט מיט זיי בנימינען.

מא

## ווידער קיין מצרים

"און גאָט שדי זאָל אײַך געבן רחמים" — פֿאַרוואָס האָט יעקבֿ געפֿונען פֿאַר נייטיק זיי צו בענטשן מיט "שדי"? — צי לערנען דיך, אַז אַ סך יסורים זײַנען אויף אים געקומען : נאָך בײַ זײַן מוטער אין לײַב האָט זיך עשׂו מיט אים געקריגט; איז ער אַנטלאָפֿן פֿון עשׂון צו לבֿנען, האָט ער דאָרטן צוואַנציק יאָר געהאַט צרות אַ סך, — אַרויס פֿון דאָרטן, — יאָגט אים לבֿן צו הרגענען; אַנטלאָפֿן פֿון לבֿנען, איז געקומען עשׂו און אים געוואָלט טייטן. האָט ער אויף אים פֿאַרלאָרן די גאַנצע מתּנה. אַרויס פֿון עשׂוס צרה איז אויף אים געקומען די צרה מיט דינהן. פֿון דינהס צרה אַרויס איז ער אַרײַן אין רחלס צרה. און אַז נאָך די אַלע צרות וויל ער עטוואָס זיך אָפּרוען איז אָנגעקומען אויף אים יוספֿס צרה, שמעונס צרה און בנימינס צרה. דערפֿאַר האָט ער מתפּלל געוועזן צו "אל שדי" : ווער עס האָט געזאָגט צו זײַן וועלט "די" — גענוג, זאָל אויך צו מײַנע יסורים זאָגן "די" (גענוג) *)

"האָבן זיי געבראַכט בנימינען און אים צוגעשטעלט צו יוספֿן. האָט ער אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן און דערזען בנימינען, זײַן ברודער, דעם זון פֿון

---

*) "יעקב" מיינט דא אויך דאס יידישע פאלק בכלל. יעקבס תפילה מיינט אויך די תפילה פון גאנצן יידישן פאלק : גענוג שוין יידישע יסורים.

את בנימין „אחיו בן אמו" – שמח בו, שראה בו דמות־דיוקנה של אמו. אמר להם יוסף: „הזה אחיכם הקטן אשר אמרתם אלי"? אמרו לו: הן. באותה שעה זמנם לסעדה. היה מבקש להסב לבנימין אצלו ולא היה יודע כיצד לעשות: נטל את הגביע והיה עושה עצמו כמערים ומריח הגביע ואמר: יהודה שהוא מלך ישב בראש; ראובן שהוא בכור ישב שני לו, וכן כלם. נשתייר בנימין, אמר: אני אין לי אם ובנימין אין לו אם, כשילדתו אמו מתה, אני היה לי אח ופרש ממני ואף הוא היה לו אח ופרש ממנו, בשביל זה יבוא ויתן ראשו אצל ראשי. זהו שנאמר: „וישבו לפניו הבכור כבכורתו והצעיר כצעירתו".

„וישא משאות" – הביא מנות בסעדה, נתן לכל אחד ואחד מהם מנה שלו. נתן לבנימין מנה שלו. נטל יוסף מנה שלו ונתנה לבנימין; נטלה אסנת מנה שלה ונתנתה לבנימין; נטלו אפרים ומנשה מנות שלהם ונתנון לבנימין. נמצאו ביד בנימין חמש מנות, לכך נאמר: „ותרב משאת בנימין ממשאות כלם חמש ידות".

## חשד שוא.

„וימצא הגביע באמתחת בנימין" – היו אחיו עומדים ומחבטים לבנימין על כתפיו ואומרים לו: „גנב בנה של גנבת! בישתנו! בן אמך אתה, כך בישה אמך את אבינו". ובשביל אותן המכות שהכוהו בכתפיו זכה ששרתה שכינה בין כתפיו.

זיין מוטער — האט ער זיך שטארק דערפרייט מיט אים, ווייל ער האט אין אים דערזען זיין מוטערס געשטאלט.

זאגט יוסף צו זיי : — אט דאס איז אייער קליינער ברודער, וואס איר האט מיר געזאגט ?

זאגן זיי : — יא.

האט ער זיי פארבעטן צו א סעודה. געוואלט האט ער באזעצן בנימינען לעבן זיך און ניט געוווסט עס ווי צו מאכן. האט ער גענומען דעם בעכער (וואס ער האט כלומרשט געמאכט מיט אים כישוף) און זיך געמאכט ווי א קונצנמאכער. שמעקט דעם בעכער און זאגט : — יהודה איז א קעניג, זאל ער זיצן אויבן אן; ראובן איז דער בכור, וועט ער זיצן דער צווייטער פון אים, — און אזוי האט ער אלעמען באזעצט. געבליבן איז נאר בנימין.

זאגט ער : — איך האב ניט קיין מוטער און בנימין האט אויך ניט קיין מוטער, ווייל זי איז אים געשטארבן ביים געבורט; איך האב געהאט א ברודער וואס האט זיך אפגעשיידט פון מיר, ער האט אויך געהאט א ברודער וואס האט זיך אפגעשיידט פון אים. דערפאר זאל ער קומען און זיך זעצן לעבן מיר, קאפ צו קאפ. אט דאס איז געזאגט געווארן : "זיי האבן זיך אויסגעזעצט פאר אים פון בכור ביזן יינגסטן לויט זייער עלטער".

"און ער האט דערלאנגט מתנות" — ער האט אין סעודה געבראכט גאבן, און מען האט איטלעכן געגעבן זיין גאב. בנימינען האט מען אויך געגעבן זיינס. האט יוסף גענומען זיין גאב און אוועקגעגעבן בנימינען. האט אסנת (יוספס ווייב) גענומען איר גאב און געגעבן בנימינען, האבן אפרים און מנשה זייערע גאבן אויך אפגעגעבן בנימינען. האבן זיך געפונען ביי בנימינען פינף גאבן. דערפאר איז געזאגט געווארן : "און עס איז מער געווען בנימינס מתנה פון אלעמענס פינף מאל".

מב

## א פאלשער חשד

"און דער בעכער אויסגעפונען געווארן אין בנימינס זאק" — האבן זיך זיינע ברידער געשטעלט און געקלאפט אים אין אקסל און געזאגט :

— א גנב, א זון פון א גנבטע ! דו האסט אונדז פארשעמט ! ווי דיין מאמע, אזוי דו. דיין מאמע האט אויך פארשעמט אונדזער פאטער (ווייל רחל האט פארלאזנדיק די שטוב פון איר פאטער לבן מיטגענומען אן זיין וויסן די תרפים — זיינע גאט־בילדער).

און פאר אט די קלעפ וואס זיי האבן אים געשלאגן אין די אקסלען, האט ער זוכה געווען אז די שכינה זאל רוען צווישן זיינע אקסלען.

# יוסף מִתְוַדֵּעַ אֶל אֶחָיו.

„וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה" – אָמַר רַב שְׁמוּאֵל בֶּן נַחְמָן: בְּשָׁעָה שֶׁהָיוּ יְהוּדָה וְיוֹסֵף מִתְוַכְּחִים זֶה עִם זֶה, אָמְרוּ מַלְאֲכֵי-הַשָּׁרֵת זֶה לָזֶה: בּוֹאוּ, נֵרֵד לְמַטָּה וְנִרְאֶה שׁוֹר וַאֲרִי מִתְנַגְּחִים זֶה עִם זֶה

בְּנוֹהַג שֶׁבָּעוֹלָם, שׁוֹר מִתְיָרֵא מִפְּנֵי אֲרִי, וְעַכְשָׁיו שׁוֹר וַאֲרִי מִתְנַגְּחִים וְעוֹמְדִים.

אָמַר ר' יוֹחָנָן: בְּשָׁעָה שֶׁתָּפַס יוֹסֵף אֶת בִּנְיָמִין וְאָמַר: „הָאִישׁ אֲשֶׁר נִמְצָא הַגָּבִיעַ בְּיָדוֹ יִהְיֶה לִי עָבֶד" – מִיָּד כָּעַס יְהוּדָה וְשָׁאַג בְּקוֹל גָּדוֹל וְהָלַךְ קוֹלוֹ אַרְבַּע מֵאוֹת פַּרְסָה, עַד שֶׁשָּׁמַע חוּשִׁים בֶּן דָּן וְקָפַץ מֵאֶרֶץ כְּנַעַן וּבָא אֵצֶל יְהוּדָה וְשָׁאֲגוּ שְׁנֵיהֶם, וּבִקְּשָׁה אֶרֶץ מִצְרַיִם לְהֵהָפֵךְ.

אַף אֶחָיו כֵּיוָן שֶׁרָאוּ יְהוּדָה שֶׁכָּעַס – נִתְמַלְּאוּ אַף הֵם חֵמָה וּבָעֲטוּ בָּאָרֶץ וְעָשׂוּ אוֹתָהּ תְּלָמִים תְּלָמִים.

כֵּיוָן שֶׁרָאָה יוֹסֵף סִמָּנָיו שֶׁל יְהוּדָה שֶׁהוּא כּוֹעֵס – מִיָּד נִזְדַּעְזֵעַ, אָמַר: אוֹי לִי, שֶׁמָּא יַהַרְגֵנִי. וּמָה הֵם סִמָּנִים שֶׁל יְהוּדָה? עֵינוֹ שֶׁל יָמִין זוֹלֶגֶת דָּם. וְיֵשׁ אוֹמְרִים: חֲמִשָּׁה לְבוּשִׁים הָיָה לָבוּשׁ, וְנִימָא אַחַת הָיְתָה לוֹ בְּלִבּוֹ, וְכֵיוָן שֶׁהָיָה כּוֹעֵס הָיְתָה קוֹרַעַת כֻּלָּם וְיוֹצֵאת.

מֶה עָשָׂה יוֹסֵף בְּאוֹתָהּ שָׁעָה? אוֹתוֹ עַמּוּד שֶׁל אֶבֶן שֶׁהָיָה יוֹשֵׁב עָלָיו, בָּעַט בּוֹ וַעֲשָׂהוּ גַּל שֶׁל צְרוֹרוֹת. תָּמַהּ יְהוּדָה וְאָמַר: אַף זֶה כְּמוֹתֵנוּ! מִיָּד אָחַז יְהוּדָה הַחֶרֶב וּבִקֵּשׁ לְשָׁלְפָהּ מִתַּעְרָהּ וְאֵינָהּ נִשְׁלֶפֶת. אָמַר יְהוּדָה: וַדַּאי יְרֵא-שָׁמַיִם הוּא זֶה.

„אֲדוֹנִי שָׁאַל אֶת עֲבָדָיו" – אָמַר לוֹ יְהוּדָה לְיוֹסֵף: מִתְּחִלָּה בַּעֲלִילָה בָּאתָ עָלֵינוּ; מִכַּמָּה מְדִינוֹת יָרְדוּ לְמִצְרַיִם לִשְׁבֹּר-אֹכֶל

## מב

# יוסף דערקענט זיך צו זײַנע ברידער

„און עס איז צוגעגאַנגען יהודה". — האָט רב שמואל בן נחמן געזאָגט : — ווען יהודה און יוסף האָבן זיך געוועדטלט צווישן זיך, האָבן די מלאָכים געזאָגט אײנער צום צווייטן : לאָמיר אַראָפּ אונטן און זען ווי אַן אָקס און אַ לייב שטעכן זיך. אויף דער וועלט פֿירט זיך אַז אַן אָקס האָט מורא פֿאַר אַ לייב, איצט קריגן זיך אַן אָקס און אַ לייב און זיי בלײַבן ביידע *).

האָט זיך זײַן קול צעטראָגן איבער פֿיר הונדערט מײַל ביז עס האָט עס דערהערט חושים בן דן, האָט ער אַ שפּרונג געטאָן אַזש פֿון כנען לאַנד און איז געקומען צו יהודהן, האָבן זיי ביידע געשריען, האָט מצרים געהאַלטן בײַם אײַנפֿאַלן.

אויך די ברידער, אַז זיי האָבן דערזען ווי יהודה איז אין כּעס, זײַנען זיי אויך געוואָרן פֿול צאָרן, אַ בריקע געטאָן אַן דער ערד און זי צעבערגלט.

אַז יוסף האָט דערזען לויט די סימנים, אַז יהודה איז אין כּעס, האָט ער אויפֿגעציטערט. ער האָט זיך געטראַכט, טאָמער דערהרגעט ער מיך !

און וואָס זײַנען עס די סימנים פֿון יהודהס כּעס ? — זײַן רעכטע אויג טריפֿט בלוט.

אַנדערע זאָגן : פֿינף בגדים האָט ער אויף זיך געטראָגן, און אויף זײַן ברוסט האָט ער געהאַט אַ האָר. ווען ער פֿלעגט אין כּעס ווערן, פֿלעגט דאָס האָר דורכרײַסן אַלע און אַרויסשטעקן.

וואָס זשע האָט יוסף אין יענער שעה געטאָן ? — ער איז געזעסן אויף אַן אײַזערנעם זײַל, האָט ער אים אַ בריקע געטאָן און געמאַכט פֿון אים אַ בערגל שערבלעך.

האָט זיך יהודה פֿאַרוווּנדערט און געזאָגט : — דער איז אויך ווי אַן אונדזעריקער !

האָט ער אָנגענומען זײַן שווערד און געוואָלט זי אַרויסנעמען פֿון זײַן שייד, ערשט זי ציט זיך ניט אַרויס. זאָגט זיך יהודה : — זיכער איז ער אַ גאָטספֿאַרכטיקער מאַן !

„מײַן האָר האָט געפֿרעגט זײַנע קנעכט". — אַזוי האָט געזאָגט יהודה צו יוספֿן : — פֿון אָנהויב אַן ביסטו אויף אונדז געקומען מיט בילבולים : פֿון וויפֿל לענדער מען איז דאָס געקומען קײַן מצרים קויפֿן עסן,

---

*) יהודהס סימבאָל איז געווען אַ לייב און יוספֿס — אַן אָקס. אין דער אגדה מוז זיך אָפּשפּיגלען דער געראַנגל צווישן דער שפּעטערדיקער מלכות יהודה מיט מלכות שומרון, אפרים וואָס שטאַמט פֿון יוספֿן.

וְלֹא שָׁאַלְתָּ אֶחָד מֵהֶם; שֶׁמָּא בִתְּךָ בָאנוּ לִשָּׂא אוֹ אֲחוֹתֵנוּ אַתָּה סָבוּר לִשָּׂא; אַף־עַל־פִּי־כֵן לֹא כִסִּינוּ מִמְּךָ דָּבָר. אָמַר לוֹ יוֹסֵף: יְהוּדָה! לָמָּה אַתָּה דַבְּרָן מִכָּל אַחֶיךָ, וַאֲנִי רוֹאֶה בַּגָּבִיעַ, שֶׁיֵּשׁ בְּאַחֶיךָ גְּדוֹלִים מִמְּךָ? אָמַר לוֹ: בִּשְׁבִיל שֶׁעֲרַבְתִּי אוֹתוֹ. אָמַר לוֹ: מִפְּנֵי מַה לֹּא עָרַבְתָּ אֶת אָחִיךָ כְּשֶׁמְּכַרְתֶּם אוֹתוֹ לַיִשְׁמְעֵאלִים בְּעֶשְׂרִים כֶּסֶף וְצִעַרְתָּ אֶת אָבִיךָ הַזָּקֵן וְאָמַרְתָּ לוֹ: „טָרֹף טֹרַף יוֹסֵף" — וְהוּא לֹא חָטָא לָךְ; אֲבָל זֶה שֶׁחָטָא וְגָנַב הַגָּבִיעַ — אֱמוֹר לְאָבִיךָ: הָלַךְ הַחֶבֶל אַחַר הַדְּלִי... כֵּיוָן שֶׁשָּׁמַע יְהוּדָה כָּךְ צָעַק וּבָכָה בְקוֹל גָּדוֹל, אָמַר: „כִּי אֵיךְ אֶעֱלֶה אֶל אָבִי וְהַנַּעַר אֵינֶנּוּ אִתִּי?"

אָמַר לוֹ יוֹסֵף: בֹּא וְנִתְוַכַּח שְׁנֵינוּ, אֱמוֹר דְּבָרֶיךָ וּסְדוֹר דִּינְךָ. מִיָּד אָמַר יְהוּדָה לְנַפְתָּלִי: לֵךְ וּרְאֵה כַּמָּה שְׁוָקִים יֵשׁ בְּמִצְרַיִם. קָפַץ וְחָזַר וְאָמַר לוֹ: שְׁנֵים עָשָׂר. אָמַר יְהוּדָה לְאֶחָיו: אֲנִי אַחֲרִיב מֵהֶם שְׁלֹשָׁה וּטְלוּ כָּל אֶחָד — אֶחָד וְלֹא נַשְׁאִיר בָּהֶם אִישׁ. אָמְרוּ לוֹ אֶחָיו: יְהוּדָה, מִצְרַיִם אֵינָהּ כִּשְׁכֶם, אִם אַתָּה מַחֲרִיב מִצְרַיִם תַּחֲרִיב אֶת הָעוֹלָם כֻּלּוֹ. בְּאוֹתָהּ שָׁעָה — „וְלֹא יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק"...

„וַיִּקְרָא הוֹצִיאוּ כָל אִישׁ מֵעָלָי" — לְסַכָּנָה גְדוֹלָה יָרַד יוֹסֵף: שֶׁאִלּוּ הֲרָגוּהוּ אֶחָיו אֵין בְּרִיָּה בָעוֹלָם מַכֶּרֶת. אֶלָּא אָמַר יוֹסֵף: מוּטָב שֶׁאֵהָרֵג וְלֹא אֲבַיֵּשׁ אֶת אַחַי בִּפְנֵי הַמִּצְרִים. כֵּיוָן שֶׁיָּצְאוּ הַמִּצְרִים חָזַר יְהוּדָה וְאָמַר לְיוֹסֵף: אַתָּה נִשְׁבַּעְתָּ בְּחַיֵּי פַרְעֹה הָרָשָׁע וַאֲנִי נִשְׁבָּע בְּחַיֵּי אָבִי הַצַּדִּיק, אִם אֲנִי מוֹצִיא חַרְבִּי מִנַּרְתִּיקָהּ אֲמַלֵּא כָל מִצְרַיִם הֲרוּגִים. אָמַר לוֹ יוֹסֵף: אִם תּוֹצִיא חֶרֶב מִנַּרְתִּיקָהּ אֲנִי כוֹרְכָהּ עַל צַוָּארֶךָ. אָמַר לוֹ יְהוּדָה: אִם אֶפְתַּח אֶת פִּי אֶבְלַע אוֹתְךָ. אָמַר לוֹ יוֹסֵף: אִם תִּפְתַּח פִּיךָ אֲנִי

און קיינעם האסטו גארנישט אויסגעפרעגט; וואס ? זיינען מיר דען געקומען נעמען דיינע א טאכטער, אדער דו טראכסט חתונה צו האבן מיט אונדזערער א שוועסטער; דאך האבן מיר פון דיר גארניט פארבארגן.

זאגט צו אים יוסף : — יהודה ! וואס עפעס ביסטו דער רעדנער צווישן אלע דיינע ברידער ? איך זע אין בעכער (כלומרשט מיטן כישוף־בעכער) אז עס זיינען צווישן דיינע ברידער פאראן עלטערע פון דיר ?

ענטפערט ער : — ווייל איך האב ערב געווען פאר אים.

זאגט יוסף צו אים : — פארוואס זשע האסטו ניט ערב געווען דיין ברודער וואס איר האט אים פארקויפט צו די ישמעאלים פאר צוואנציק זילבער שטיקלעך און איר האט אייער אלטן טאטן אנגעטאן פיל צער און דו האסט געזאגט אים "פארצוקן איז יוסף פארצוקט" בעת ער האט פאר דיר ניט געזינדיקט; דער אבער האט דאך געזינדיקט און גענגבעט דעם בעכער. זאג דיין טאטן : דאס שטריקל איז נאכגעגאנגען דעם עמער *).

אז יהודה האט דאס דערהערט, האט ער אויסגעשריען און געוויינט מיט א גרויסן קול און געזאגט : — ווי זאל איך ארויפקומען צום פאטער, און דאס קינד איז ניטא מיט מיר ?

האט יוסף געזאגט צו יהודהן : — קום, לאמיר א ויכוח האבן. זאג דיינע ווערטער און לייג אוים דיין דין תורה.

האט יהודה געזאגט צו נפתלי : — גיי און זע וויפל מערק עס זיינען דא אין מצרים.

האט דער א שפרונג געטאן זיך אומגעקערט און געזאגט : — צוועלף.

זאגט יהודה צו זיינע ברידער : — איך וועל חרוב מאכן דריי פון זיי. נעמט איר צו איינעם און מיר וועלן ניט איבערלאזן קיין מאן פון זיי.

האבן אים די ברידער זיינע געזאגט : — יהודה, מצרים איז ניט ווי שכם (וואס שמעון און לוי האבן זי חרוב געמאכט). וועסטו חרוב מאכן מצרים ברענגסטו אום די גאנצע וועלט (אן שפיין).

אין יענעם מאמענט האט יוסף מער שוין ניט געקאנט זיך איינהאלטן.

האט ער אויסגערופן : "פירט ארוים איטלעכן מענטשן פון דאנען".

— יוסף האט זיך געלאזט אויף א גרויסער סכנה : דען ווען זיינע ברידער וואלטן אים געהרגעט, וואלט דאך קיין באשעפעניש ניט געוווּסט.

אבער יוסף האט זיך געזאגט : — בעסער איך זאל געהרגעט ווערן און איך וועל ניט פארשעמען מיינע ברידער פאר די מצריים.

אז די מצריים זיינען ארויס האט ווידער יהודה געזאגט צו יוספן : — דו האסט געשווארן ביים דעם לעבן פון פרעה דעם רשע און איך שווער ביים דעם לעבן פון מיין פאטער, דעם צדיק. אויב איך וועל נאר ארויסנעמען מיין שווערד פון שייד וועל איך פול מאכן מצרים מיט געהרגעטע.

זאגט אים יוסף : — וועסטו ארויסנעמען א שווערד פון שייד, וועל איך זי דיר ארומוויקלען ארום דיין האלדז.

זאגט ווידער יהודה : — וועל איך אז עפן טאן מיין מויל, שלינג איך דיך איין.

זאגט אים יוסף : — עפענסטו דיין מויל, וועל איך אים פארמאכן מיט א שטיין.

---

*) אז מען שעפט וואסער פון א טיפן ברונעם, און דער עמער איז אראפגעפאלן און מיטגעצויגן דאס שטריקל. — א ווונק אז בנימין איז אוועק נאך יוספן.

סוֹתְמוֹ בְּאֶבֶן. אָמַר יְהוּדָה לְיוֹסֵף: מַה־נֹּאמַר לְאַבָּא? אָמַר לוֹ: כְּבָר אָמַרְתִּי לְךָ; אֱמוֹר לוֹ: הָלַךְ הַחֶבֶל אַחַר הַדְּלִי. אָמַר לוֹ יְהוּדָה: דִּין שֶׁקֶר אַתָּה דָּן אוֹתָנוּ. אָמַר לוֹ יוֹסֵף: שֶׁקֶר לַשַּׁקְרָנִים — אֵין לְךָ דִּין שֶׁקֶר כִּמְכִירַת אֲחִיכֶם. אָמַר לוֹ יְהוּדָה: אֵשׁ שֶׁל שְׁכֶם דּוֹלֶקֶת בְּלִבִּי. אָמַר לוֹ יוֹסֵף: אֲנִי אֲכַבֶּנָּה.

בְּאוֹתָהּ שָׁעָה עָלְתָה חֲמָתוֹ שֶׁל יְהוּדָה, וְהָיָה מַכְנִיס עֲשָׁשִׁיּוֹת שֶׁל בַּרְזֶל לְתוֹךְ פִּיו וּמוֹצִיאָן אָבָק. אָמַר יְהוּדָה: עַכְשָׁו אֲנִי אֵצֵא וַאֲצַבַּע כָּל שְׁוָקִים שֶׁבְּמִצְרַיִם בְּדָם. אָמַר לוֹ יוֹסֵף: צַבָּעִים הֱיִיתֶם מִימֵיכֶם, שֶׁצְּבַעְתֶּם כְּתֹנֶת אֲחִיכֶם בְּדָם וַאֲמַרְתֶּם לַאֲבִיכֶם „טָרֹף טֹרַף".

וְכֵיוָן שֶׁרָאָה יוֹסֵף שֶׁהִסְכִּימָה דַּעְתָּם לְהַחֲרִיב אֶת מִצְרַיִם, אָמַר יוֹסֵף בְּלִבּוֹ: מוּטָב שֶׁאֶתְוַדַּע לָהֶם וְאַל יַחֲרִיבוּ אֶת מִצְרַיִם. אָמַר לָהֶם יוֹסֵף: לֹא כָּךְ אֲמַרְתֶּם, שֶׁאָחִיו שֶׁל זֶה מֵת? אֲנִי קְנִיתִיו, אֶקְרָאֶנּוּ וְיָבוֹא אֶצְלְכֶם. הִתְחִיל קוֹרֵא: יוֹסֵף בֶּן יַעֲקֹב, בֹּא אֶצְלִי! יוֹסֵף בֶּן יַעֲקֹב, בֹּא אֶצְלִי וְדַבֵּר עִם אַחֶיךָ, שֶׁמְּכָרוּךָ!... וְהָיוּ נוֹשְׂאִים עֵינֵיהֶם לְאַרְבַּע פִּנּוֹת הַבַּיִת. אָמַר לָהֶם יוֹסֵף: לָמָּה אַתֶּם מִסְתַּכְּלִים לְכָאן וּלְכָאן? אֲנִי יוֹסֵף אֲחִיכֶם. מִיָּד פָּרְחָה נִשְׁמָתָם וְלֹא יָכְלוּ לַעֲנוֹת אוֹתוֹ. עָשָׂה הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לָהֶם נֵס וְחָזְרָה נִשְׁמָתָם. אָמַר לָהֶם יוֹסֵף: „וְהִנֵּה עֵינֵיכֶם רוֹאוֹת וְעֵינֵי אָחִי בִנְיָמִין כִּי־פִי הַמְדַבֵּר אֲלֵיכֶם" — בִּלְשׁוֹן־הַקֹּדֶשׁ אֲנִי מְדַבֵּר. וְלֹא הָיוּ מַאֲמִינִים לוֹ. וְכָל כָּךְ לָמָּה? מִפְּנֵי שֶׁיָּצָא מֵאֶצְלָם בְּלֹא חֲתִימַת־זָקָן, וְעַכְשָׁו הָיָה עוֹמֵד כְּנֶגְדָּם בַּחֲתִימַת־זָקָן.

כֵּיוָן שֶׁהִכִּירוּהוּ בִּקְּשׁוּ לְהָרְגוֹ, יָרַד מַלְאָךְ וּפִזְּרָם בְּאַרְבַּע פִּנּוֹת הַבַּיִת.

בְּאוֹתָהּ שָׁעָה צָוַח יְהוּדָה בְּקוֹל גָּדוֹל וְנָפְלוּ כָּל חוֹמוֹת שֶׁבְּמִצְרַיִם, וְהִפִּילוּ כָּל הַחַיּוֹת, וְנָפַל יוֹסֵף מִכִּסְאוֹ, וְיָרַד פַּרְעֹה

האַט יהודה געזאָגט צו יוספֿן: — אָבער וואָס זאָלן מיר זאָגן אונדזער פֿאָטער?

ענטפֿערט ער אים: — איך האָב דיר שוין געזאָגט, זאָג אים: "עס איז דאָס שטריקל אָוועק נאָך דעם עמער".

זאָגט אים יהודה: — אַ פֿאַלשן משפּט משפּטסטו אונדז.

ענטפֿערט אים יוסף: — אַ ליגן פֿאַר ליגנער — דו האָסט ניט קיין גרעסערן ליגן ווי דאָס פֿאַרקויפֿן אייער ברודער.

האַט יהודה אַ זאָג געטאָן: — דאָס פֿייער פֿון שכם ברענט אין מיר (אַ גרויסער כּעס און רציחה, וואָס קען חרובֿ מאַכן מצרים אַזוי ווי שמעון און לוי האָבן חרובֿ געמאַכט שכם).

זאָגט אים יוסף: — איך וועל עס אויסלעשן.

דעמאָלט האָט זיך צעפֿלאַמט יהודהס כּעס, האָט ער אַריינגענומען שטיקער אייזן און זיי אַרויסגענומען שטויב.

האַט יהודה געזאָגט: — איך וועל אַרויס און אָפּפֿאַרבן אַלע מערק אין מצרים מיט בלוט.

זאָגט אים יוסף: — פֿאַרבער זייט איר תּמיד געווען, האָט איר דאָך אָפּגעפֿאַרבט אייער ברודערס העמד מיט בלוט און דערציילט אייער פֿאָטער, אַז פֿאַרצוקן איז ער פֿאַרצוקט געוואָרן.

ווען יוסף האָט דערזען אַז זיי האָבן אין געדאַנק אָפּגעמאַכט חרובֿ צו מאַכן מצרים, האָט ער זיך באַטראַכט: — בעסער וועל איך זיך דערקענען צו זיי און זאָלן זיי ניט חרובֿ מאַכן מצרים.

זאָגט יוסף צו זיי: — האָט איר מיר ניט געזאָגט, אַז אָט זיין ברודער (ער ווייזט אויף בנימינען) איז געשטאָרבן? איך האָב אים אָפּגעקויפֿט. אָט רוף איך אים און ער קומט צו אייך. — האָט ער אָנגעהויבן רופֿן: — יוסף בן יעקבֿ, קום אַהער, יוסף בן יעקבֿ קום צו מיר און רייד מיט דיינע ברידער וואָס האָבן דיך פֿאַרקויפֿט! . .

הייבן זיי די אויגן צו אַלע פֿיר ווינקעלער פֿון הויז.

זאָגט צו זיי יוסף: — וואָס קוקט איר אַהין און אַהער? איך בין יוסף אייער ברודער.

איז ביי זיי באַלד די נשמה אַנטרונען און זיי האָבן ניט געקענט אים ענטפֿערן. האָט הקדוש ברוך הוא געמאַכט מיט זיי אַ נס און די נשמה האָט זיך צו זיי אומגעקערט.

האָט יוסף צו זיי געזאָגט: — אייערע אויגן זעען און עס זעען די אויגן פֿון מיין ברודער בנימין אַז מיין מויל רעדט עס צו אייך — איך רייד צו אייך אין לשון קודש.

האָבן זיי אַלץ ניט געקענט גלייבן. און פֿאַרוואָס אַלץ? — ווייל אָוועק פֿון זיי איז ער אָן אַ באָרד און איצט איז ער געשטאַנען פֿאַר זיי מיט אַ באָרד.

אַז זיי האָבן אים דערקענט, האָבן זיי געוואָלט אים הרגענען. איז אַראָפּ אַ מלאך און זיי צעשפּרייט איבער אַלע פֿיר ווינקלען פֿון הויז.

האָט יהודה אַ געשריי געטאָן מיט אַ גרויסן קול, זיינען איינגעפֿאַלן אַלע מויערן פֿון מצרים, האָבן מפּיל געווען אַלע חיות, איז יוסף אַרפּאָנגעפֿאַלן פֿון זיין שטול, איז פּרעה אַראָפּ פֿון זיין טראָן און אַלע גיבורים וואָס זיינען

מִכִּסְאוֹ, וְכָל הַגִּבּוֹרִים שֶׁהָיוּ עוֹמְדִים לִפְנֵי יוֹסֵף נֶהֶפְכוּ פְּנֵיהֶם לַאֲחוֹרֵיהֶם וְנָפְלוּ שִׁנֵּיהֶם.

כֵּיוָן שֶׁרָאָה יוֹסֵף שֶׁהָיְתָה לָהֶם בּוּשָׁה גְדוֹלָה, אָמַר לָהֶם: „גְּשׁוּ־נָא אֵלַי״—וַיִּגָּשׁוּ, וְכָל אֶחָד וְאֶחָד הָיָה מְנַשְּׁקוֹ וּבוֹכֶה עָלָיו.

## בִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל יַעֲקֹב.

„וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל בָּנָיו וַיֹּאמֶר הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם״ — בִּקֵּשׁ יַעֲקֹב לְגַלּוֹת לְבָנָיו קֵץ הַיָּמִים וְנִסְתַּלְּקָה מִמֶּנּוּ שְׁכִינָה. אָמַר: שֶׁמָּא, חַס־וְשָׁלוֹם, יֵשׁ בְּמִטָּתִי פְּסוּל, כְּאַבְרָהָם שֶׁיָּצָא מִמֶּנּוּ עֵשָׂו. אָמְרוּ לוֹ בָּנָיו: „שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, ה׳ אֱלֹהֵינוּ ה׳ אֶחָד״— אָמְרוּ: כְּשֵׁם שֶׁאֵין בְּלִבְּךָ אֶלָּא אֶחָד, כָּךְ אֵין בְּלִבֵּנוּ אֶלָּא אֶחָד. בְּאוֹתָהּ שָׁעָה פָּתַח יַעֲקֹב אָבִינוּ וְאָמַר: „בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד״

אָמַר ר׳ שְׁמוּאֵל: הִיא הוּא שֶׁיִּשְׂרָאֵל מַשְׁכִּימִים וּמַעֲרִיבִים בְּכָל יוֹם וְאוֹמְרִים: „שְׁמַע יִשְׂרָאֵל״—אָבִינוּ בִּמְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה! אוֹתוֹ דָּבָר שֶׁצִּוִּיתָנוּ—עֲדַיִן הוּא נוֹהֵג בָּנוּ: „ה׳ אֱלֹהֵינוּ ה׳ אֶחָד!״

## קְבוּרָתוֹ שֶׁל יַעֲקֹב.

כְּשֶׁהִגִּיעוּ לִמְעָרַת־הַמַּכְפֵּלָה בָּא עֵשָׂו וְעִכֵּב מִלְּקָבְרוֹ. אָמַר לָהֶם: מְעָרָה זוֹ מָקוֹם לְאַרְבָּעָה זוּגוֹת יֵשׁ בָּהּ; יַעֲקֹב קָבַר אֶת לֵאָה בְּחֶלְקוֹ, וְזֶה שֶׁנִּשְׁאַר שֶׁלִּי הוּא. אָמְרוּ לוֹ: מָכַרְתָּ חֶלְקְךָ לְאַבָּא. אָמַר לָהֶם: אִם מָכַרְתִּי בְּכוֹרָתִי – חֵלֶק פָּשׁוּט כְּלוּם מָכַרְתִּי? אָמְרוּ לוֹ: הֵן. אָמַר לָהֶם: הַרְאוּנִי שְׁטַר מְכִירָה. אָמְרוּ לוֹ: הַשְּׁטָר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם הוּא. — וּמִי יֵלֵךְ לַהֲבִיאוֹ מִשָּׁם? — יֵלֵךְ נַפְתָּלִי, שֶׁהוּא קַל כְּאַיָּלָה.

געשטאנען ביי יוספן, האבן זיך זייערע פנימער צעקרימט אהינטער און עס זיינען זייערע ציין ארויסגעפאלן.

אז יוסף האט דערזען ווי גרויס עס איז די בושה וואס זיי האבן זיך פארשעמט, האט ער זיי געזאגט: — "דערנענטערט זיך צו מיר" — זיינען זיי צוגעקומען און איטלעכער פון זיי קושט אים און וויינט אויף אים.

מג

## ווען יעקב איז נפטר געווארן

"האט יעקב גערופן זיינע זין און געזאגט: זאמלט זיך צונויף און איך וועל אייך זאגן". — יעקב האט געוואלט אויסזאגן זיינע קינדער דעם קץ (דעם סוף פון די טעג, ווען משיח וועט קומען און איבערמאכן די וועלט צום גוטן), האט זיך פון אים אבער אפגעטאן די שכינה (גאטס גייסט).

זאגט זיך יעקב: — אפשר איז פאראן א פסול צווישן מיינע קינדער, אזוי ווי אברהם וואס פון אים איז ארויסגעקומען א עשו.

זאגן צו אים די זין: — "שמע ישראל ה' אלהינו, ה' אחד". — אזוי ווי ביי דיר אין הארץ איז פאראן נאר איין גאט, אזוי אויך איז ביי אונדז אין הארץ דא נאר איינער.

האט יעקב דעמאלט אנגעהויבן און געזאגט: — "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד" (א דאנק דעם געטרטן נאמען וואס הערשט אייביק).

זאגט ר' שמואל: — דאס איז עס, ווען יידן זאגן אלע טאג אין דער פרי און פון אוונט: "שמע ישראל" — פאטער אונדזערער אין דער מערת המכפלה (אברהם אבינו וואס איז באגראבן געווארן אין דער מערת המכפלה אין חברון) דאס וואס דו האסט אונדז אנגעזאגט — פירן מיר עס נאך — גאט אונדזער גאט איז איינער.

מג

## יעקבס קבורה

ווען מען איז געקומען צו דער מערת המכפלה (מיט יעקבס ארון אים מקבר צו זיין) איז געקומען עשו א ן ניט געלאזט אים באגראבן. ער האט געטענהט צו זיי: — אין דער הייל איז פאראן אן ארט פאר פיר פאר. יעקב האט אין זיין טייל באגראבן לאהן, א ן וואס עס איז געבליבן איז שוין מיינס.

זאגן זיי צו אים: — דו האסט דאך פארקויפט דיין טייל צו אונדזער פאטער?

זאגט ער צו זיי: — מיין בכורה האב איך פארקויפט אבער האב איך דען פארקויפט א פשוטן חלק?

זאגן זיי: — יא.

זאגט ער: — ווייזט מיר דאס פארקויף-צעטל.

זאגן זיי: — דאס צעטל איז אין מצרים — ווער זאל גיין אים ברענגען פון דארט? — זאל גיין נפתלי וואס איז פלינק ווי א הירש.

איז דארט געווען חושים בן דן, וואס זיינע אויערן זיינען געווען טויבלעך. זאגט ער: — וואס איז עס?

זאגן זיי: — אט דער האלט אפ ביז נפתלי וועט זיך אומקערן פון מצרים.

הָיָה שָׁם חוּשִׁים בֶּן דָּן, שֶׁאָזְנָיו כְּבֵדוֹת. אָמַר לָהֶם: מַה זֶּה? אָמְרוּ לוֹ: זֶה מְעַכֵּב עַד שֶׁיַּחֲזוֹר נַפְתָּלִי מִמִּצְרַיִם. אָמַר לָהֶם חוּשִׁים: וְעַד שֶׁיַּחֲזוֹר נַפְתָּלִי מִמִּצְרַיִם – יְהֵא אֲבִי־אַבָּא מוּטָל בְּבִזָּיוֹן? נָטַל מַקֵּל וְהִכָּה עַל רֹאשׁוֹ שֶׁל עֵשָׂו, – נָשְׁרוּ עֵינָיו וְנָפְלוּ עַל רַגְלָיו שֶׁל יַעֲקֹב. פָּקַח יַעֲקֹב אֶת עֵינָיו וְשָׂחַק.

## בְּנֵי יַעֲקֹב בַּחֲזִירָתָם מִקְּבוּרַת אֲבִיהֶם.

בְּשָׁעָה שֶׁחָזְרוּ בְּנֵי יַעֲקֹב מִקְּבוּרַת אֲבִיהֶם רָאוּ שֶׁהָלַךְ יוֹסֵף וְהֵצִיץ בְּאוֹתוֹ הַבּוֹר שֶׁהִשְׁלִיכוּהוּ אֶחָיו בְּתוֹכוֹ... כֵּיוָן שֶׁרָאוּ כָּךְ אָמְרוּ: עַכְשָׁו שֶׁמֵּת אָבִינוּ „לוּ יִשְׂטְמֵנוּ יוֹסֵף"...

וְהוּא לֹא נִתְכַּוֵּן אֶלָּא לְבָרֵךְ עַל הַנֵּס שֶׁנַּעֲשָׂה לוֹ בַּמָּקוֹם הַזֶּה...

זאָגט זיי חושים : — און ביז נפתלי וועט זיך אומקערן וועט מײַן זיידע ליגן מיט בזיון ? — כאַפּט ער אַ שטעקן און אַ קלאַפּ געטאָן עשׂון אויפֿן קאָפּ, זײַנען אים די אויגן אַרויסגעפֿלויגן אויף יעקבֿס פֿיס. האָט יעקבֿ געעפֿנט זײַנע אויגן און אַ שמייכל געטאָן.

מד

## יעקבֿס קינדער קערן זיך אום נאָך דעם פֿאָטערס טויט

אַז יעקבֿס קינדער האָבן זיך אומגעקערט פֿון זייער פֿאָטערס קבֿורה האָבן זיי געזען ווי יוסף איז אַוועק און געקוקט אין דער גרוב וואָס זיי האָבן אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין איר.

אַז זיי האָבן עס דערזען האָבן זיי זיך געטראַכט : איצט אַז אונדזער פֿאָטער איז טויט וועט אפֿשר יוסף אונז פֿײַנט האָבן.

ער האָט אָבער נאָר געטראַכט צו בענטשן גומל און אָפּצודאַנקען פֿאַר דעם נס וואָס איז אים געשען אויף דעם אָרט.

# בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּמִצְרָיִם.

---

## הַשִּׁעְבּוּד.

„וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ עַל מִצְרָיִם" — רַב וּשְׁמוּאֵל, אֶחָד אָמַר: חָדָשׁ מַמָּשׁ, וְאֶחָד אָמַר: שֶׁנִּתְחַדְּשׁוּ גְּזֵרוֹתָיו. וּמַהוּ „אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף"? — שֶׁעָשָׂה עַצְמוֹ כְּאִלּוּ לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף.

„וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבוֹדָה קָשָׁה... וּבְכָל עֲבוֹדָה בַּשָּׂדֶה" — מַהוּ „וּבְכָל עֲבוֹדָה בַּשָּׂדֶה"? — שֶׁהָיוּ עוֹשִׂים מְלַאכְתָּם בְּטִיט וּבִלְבֵנִים וּבָאִים לָעֶרֶב לְבָתֵּיהֶם לָנוּחַ — בָּא הַמִּצְרִי וְאוֹמֵר לוֹ: צֵא לַקֵּט לִי יָרָק מִן הַגִּנָּה, בַּקַּע לִי עֵץ זֶה, מַלֵּא לִי חָבִית זוֹ מִן הַנָּהָר.

מַהוּ „אֵת כָּל עֲבֹדָתָם... בְּפָרֶךְ"? שֶׁהָיוּ נוֹתְנִים עֲבוֹדַת הָאִישׁ עַל הָאִשָּׁה וַעֲבוֹדַת הָאִשָּׁה עַל הָאִישׁ. אוֹמֵר לָאִישׁ: קוּם לוּשׁ וֶאֱפֵה; אוֹמֵר לָאִשָּׁה: מַלְּאִי חָבִית זוֹ, בַּקְּעִי עֵץ זֶה, לְכִי לַגִּנָּה הָבִיאִי יְרָקוֹת.

„וַיָּשִׂימוּ עָלָיו" — „עֲלֵיהֶם" לֹא נֶאֱמַר, אֶלָּא „עָלָיו" — מְלַמֵּד שֶׁהֵבִיאוּ מַלְבֵּן וְתָלוּ לוֹ לְפַרְעֹה בְּצַוָּארוֹ, וְכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל שֶׁאָמַר לָהֶם: אִסְטְנִיס אֲנִי, אָמְרוּ לוֹ: כְּלוּם אִסְטְנִיס אַתָּה יוֹתֵר מִפַּרְעֹה?

„וַיַּעֲבִדוּ מִצְרַיִם אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּפָרֶךְ" — ר' אֱלִיעֶזֶר

# די ייִדן אין מצרים

## מה

## אונטערטעניקייט

״און עס איז אויפֿגעשטאַנען אַ נײַער מלך״. — רבֿ און שמואל (קריגן זיך) איינער זאָגט: באמת אַ נײַער, און דער צווייטער זאָגט: זײַנע גזירות זײַנען באַנײַט געוואָרן. און וואָס באַטײַט: ״וואָס האָט ניט געוווּסט פֿון יוספֿן״? — ער האָט זיך געמאַכט ווי ער וואָלט ניט געקאָנט יוספֿן *).

״און זיי האָבן פֿאַרביטערט זייער לעבן מיט שווערער אַרבעט . . . און מיט אַלע אַרבעטן אין פֿעלד״ — וואָס מיינט: ״און אַלע אַרבעטן אין פֿעלד?״ — זיי פֿלעגן טאָן זייער אַרבעט מיט ליים און ציגל און פֿלעגן קומען אין אָוונט אַהיים זיך אָפּרוען, — קומט דער מצרי און זאָגט:

— גיי, קלײַב מיר גרינס פֿון גאָרטן, צעשפּאַלט מיר דאָס האָלץ, פֿיל מיר אָן די פֿאַס וואַסער פֿון טײַך.

און וואָס מיינט: ״גאָר זייער אַרבעט . . . מיט האַרעוואַניע״? — ווײַל זיי פֿלעגן אַרויפֿטאָן מענערישע אַרבעט אויף פֿרויען און פֿרויען אַרבעט אויף מענער. מען הייסט אַ מאַן: — נעם, קנעט און באַק; מען זאָגט צו אַ פֿרוי: פֿיל אָן אַ פֿאַס (וואַסער), צעשפּאַלט דאָס האָלץ, גיי אין גאָרטן ברענג גרינסן.

״און מען האָט אַרויפֿגעטאָן אויף אים״. — עס איז ניט געזאָגט ״אויף זיי״, נאָר ״אויף אים״. דאָס לערנט אונדז, אַז מען האָט געבראַכט אַ ציגל און אויפֿגעהאַנגען פּרעהן אויפֿן האַלדז. און אַז עמיצער פֿון די ייִדן פֿלעגט זאָגן: איך בין צאַרט, פֿלעגט מען אים זאָגן: ביסטו צאַרטער פֿון פּרעהן?

״און די מצרים פֿאַרשקלאַפֿן די ייִדן מיט האַרעוואַניע״ (בפרך)

---

*) דאָ איז אויסגעדריקט אין פֿאָרם פֿון אַ מעשהלע דער אונטערשייד אין גלויבן אין דער דאַנקבאַרקייט פֿון פֿעלקער צו ייִדן פֿאַר זייערע אויפֿטוען. איינער זאָגט, אַז מען פֿאַרגעסט יוספֿן און זײַן ראַטעווען מצרים. מען מאַכט זיך ניט ווייסנדיק. דער צווייטער זאָגט, אַז מען פֿאַרגעסט ניט, נאָר עס איז געווען אַ נײַער קייסער.

אומֵר: בְּפֶה־רַךְ. בְּשָׁעָה שֶׁאָמַר פַּרְעֹה „הָבָה נִתְחַכְּמָה" קִבֵּץ אֶת כָּל יִשְׂרָאֵל וְאָמַר לָהֶם: בְּבַקָּשָׁה מִכֶּם, עֲשׂוּ עִמִּי הַיּוֹם בְּטוֹבָה. נָטַל פַּרְעֹה סַל וּמַגְרֵפָה. וְכָל מִי שֶׁהָיָה רוֹאֶה פַּרְעֹה נוֹטֵל סַל וּמַגְרֵפָה וְעוֹשֶׂה בִלְבֵנִים, הָיָה עוֹשֶׂה אַף הוּא כָּךְ. מִיָּד הָלְכוּ יִשְׂרָאֵל וְעָשׂוּ עִמּוֹ בִזְרִיזוּת כָּל הַיּוֹם לְפִי כֹחָם. כֵּיוָן שֶׁהֶחֱשִׁיךְ הֶעֱמִיד עֲלֵיהֶם נוֹגְשִׂים. אָמַר לָהֶם: חִשְׁבוּ אֶת הַלְּבֵנִים. עָמְדוּ וּמָנוּ אוֹתָן. אָמַר לָהֶם: כָּזֶה אַתֶּם מַעֲמִידִים לִי בְּכָל יוֹם.

## הַיְלָדִים בַּיְאֹר.

„כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ" – אָמַר ר' חָנָן: מֶה הָיוּ בְּנוֹת יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרוֹת וְהַצְּנוּעוֹת עוֹשׂוֹת? הָיוּ נוֹטְלוֹת בְּנֵיהֶן וְטוֹמְנוֹת אוֹתָם בִּמְחִלּוֹת. וְהָיוּ הַמִּצְרִים נוֹטְלִים בְּנֵיהֶם הַקְּטַנִּים וּמַכְנִיסִים אוֹתָם לְבָתֵּיהֶם שֶׁל יִשְׂרָאֵל וְעוֹקְצִים אוֹתָם וְהֵם בּוֹכִים, וְהָיָה הַתִּינוֹק שֶׁל יִשְׂרָאֵל שׁוֹמֵעַ קוֹל חֲבֵרוֹ שֶׁבּוֹכֶה – וּבוֹכֶה עִמּוֹ. וְהָיוּ הַמִּצְרִים נוֹטְלִים אוֹתָם וּמַשְׁלִיכִים אוֹתָם לַיְאוֹר.

בְּאוֹתָהּ שָׁעָה אָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְמַלְאֲכֵי־הַשָּׁרֵת: רְדוּ מִלְּפָנַי וּרְאוּ בְּנֵי חֲבִיבַי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, שֶׁמַּשְׁלִיכִים אוֹתָם בַּנָּהָר; וְיָרְדוּ מִלְּפָנָיו מְבֹהָלִים וְעָמְדוּ בַּמַּיִם עַד אַרְכֻּבּוֹתֵיהֶם וְהָיוּ מְקַבְּלִים בְּנֵיהֶם שֶׁל יִשְׂרָאֵל וּמַנִּיחִים אוֹתָם עַל גַּבֵּי הַסְּלָעִים, וְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מוֹצִיא לָהֶם דַּדִּים מִן הַסְּלָעִים וּמֵינִיקָם.

## יְלָדִים צָצִים מִן הָאָרֶץ.

דָּרַשׁ רַב עֲוִירָא: בִּשְׂכַר נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת שֶׁבְּאוֹתוֹ הַדּוֹר נִגְאֲלוּ יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם; שֶׁבְּשָׁעָה שֶׁיּוֹצְאוֹת לִשְׁאֹב מַיִם מְזַמֵּן

ר׳ אליעזר זאָגט : — "בפּרד" מיינט בפּה רך — מיט אַ ווייכן מויל. ווען פּרעה האָט געזאָגט "הבה נתחכּמה" — לאָמיר זיך קליגלען (איבער די ייִדן), האָט ער צונויפגענומען אַלע ייִדן און האָט זיי געזאָגט : — זייט אַזוי גוט און טוט מיר הײַנט אַ טובה. האָט פּרעה גענומען אַ לאָפּעטע. און ווער נאָר עס האָט דערזען ווי פּרעה האָט גענומען אַ לאָפּעטע און מאַכט ציגל, האָט ער אויך אַזוי געטאָן. באַלד האָבן זיך די ייִדן געלאָזט און געאַרבעט מיט אים פֿלינק דעם גאַנצן טאָג לויט זייערע כּוחות. אַז עס איז פֿינצטער געוואָרן האָט ער אויף זיי אַנגעשטעלט אויפֿזעער און זיי אָנגעזאָגט: רעכנט נאָר צונויף די ציגל. האָבן זיי זיך געשטעלט און אויסגעציילט. האָט ער געזאָגט צו זיי : — אַט אַזויפֿיל מוזט איר מיר צושטעלן אַלע טאָג *).

מו

## די ייִנגלעך אין טײַך

"איטלעכן ייִנגל וואָס וועט געבאָרן ווערן זאָלט איר אין טײַך אַרײַנוואַרפֿן".

האָט געזאָגט ר׳ חנן : — וואָס־זשע פֿלעגן די כּשרע און צניעותדיקע ייִדישע טעכטער טאָן ? — זיי פֿלעגן נעמען זייערע ייִנגלעך און זיי באַהאַלטן אין היילן. פֿלעגן די מצרים נעמען זייערע קליינע קינדער, אַרײַנטראָגן זיי אין ייִדישע הײַזער און זיי שטעכן ביז זיי הייבן אָן וויינען. פֿלעגט דאָס ייִדיש קינד הערן זײַן חברס וויינענדיק קול און פֿלעגט מיטוויינען, — פֿלעגן אים די מצרים אויסגעפֿינען און אים אַרײַנוואַרפֿן אין טײַך.

דעמאָלט האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו די מלאָכים : — גייט אַראָפּ און זעט די קינדער פֿון מײַנע ליבע אַברהם, יצחק און יעקבֿ, ווי מען שלײַדערט זיי אין טײַך.

זײַנען זיי אין טומל אַראָפּ, געשטעלט זיך ביז די קני אין וואַסער, אויפֿגענומען די ייִדישע קינדער (פֿון וואַסער) און זיי אַוועקגעלייגט אויף פֿעלדזן און הקדוש ברוך הוא האָט זיי געשאַפֿן נאָפּלען פֿון די פֿעלדזן און זיי געזויגן **).

מז

## קינדער שפּראָצן פֿון דער ערד

האָט ר׳ עוירא געדרשנט : — צוליב די פֿרומע ווײַבער וואָס אין יענעם דור, זײַנען ייִדן אויסגעלייזט געוואָרן פֿון מצרים : ווען זיי פֿלעגן אַרויסגיין שעפּן וואַסער, פֿלעגט זיי גאָט צושיקן קליינע פֿיש אין זייערע

*) יידן באמיען זיך ארויסצוווייזן זייער געטרייקייט פאר פרעהן. נעמען זיי זיך הארעווען פאר אים און פון דעם קומט שפעטער ארויס א צרה פאר די יידן.

**) מיט צרות האט פרעה ניט געקענט אומברענגען די יידן.

לָהֶן הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא דָּגִים קְטַנִּים בְּתוֹךְ כַּדֵּיהֶן וְשׁוֹאֲבוֹת מֶחֱצָה מַיִם וּמֶחֱצָה דָּגִים. וּבָאוֹת וְשׁוֹפְתוֹת שְׁתֵּי קְדֵרוֹת, אַחַת שֶׁל חַמִּין וְאַחַת שֶׁל דָּגִים, וּמוֹלִיכוֹת אֵצֶל בַּעֲלֵיהֶן לַשָּׂדֶה, וּמַרְחִיצוֹת אוֹתָם, וְסָכוֹת אוֹתָם, וּמַאֲכִילוֹת וּמַשְׁקוֹת אוֹתָם... וּבָאוֹת לְבָתֵּיהֶן. וְכֵיוָן שֶׁמַּגִּיעַ זְמַן לֵדָתָן הוֹלְכוֹת וְיוֹלְדוֹת בַּשָּׂדֶה תַּחַת הַתַּפּוּחַ. וְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא שׁוֹלֵחַ מַלְאָךְ מִן הַשָּׁמַיִם וּמְנַקֶּה אֶת יַלְדֵיהֶן, וּמְשַׁפֵּר אוֹתָם כְּחַיָּה זוֹ, שֶׁמְּשַׁפֶּרֶת אֶת הַוָּלָד, וּמְלַקֵּט לָהֶם שְׁנֵי עִגּוּלִים, אֶחָד שֶׁל דְּבַשׁ וְאֶחָד שֶׁל שֶׁמֶן. וְכֵיוָן שֶׁמַּכִּירִים בָּהֶם הַמִּצְרִים בָּאִים עֲלֵיהֶם לְהָרְגָם, וְנַעֲשָׂה לָהֶם נֵס וְנִבְלָעִים בַּקַּרְקַע. וּמְבִיאִים הַמִּצְרִים שְׁוָרִים וְחוֹרְשִׁים עַל גַּבָּם, וּלְאַחַר שֶׁהוֹלְכִים — הֵם מְבַצְבְּצִים וְיוֹצְאִים כְּעֵשֶׂב הַשָּׂדֶה, וּלְאַחַר שֶׁמִּתְגַּדְּלִים בָּאִים עֲדָרִים עֲדָרִים לְבָתֵּיהֶם.

וּכְשֶׁנִּגְלָה הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא עַל הַיָּם הֵם הִכִּירוּהוּ תְּחִלָּה וְאָמְרוּ: „זֶה אֵלִי!"

## שִׁשִּׁים רִבּוֹא בְּכֶרֶס אֶחָת.

רַבִּי הָיָה יוֹשֵׁב וְדוֹרֵשׁ וְנִתְנַמְנֵם הַצִּבּוּר, בִּקֵּשׁ לְעוֹרְרָם אָמַר: יָלְדָה אִשָּׁה בְּמִצְרַיִם שִׁשִּׁים רִבּוֹא בְּכֶרֶס אֶחָת. וְהָיָה שָׁם תַּלְמִיד אֶחָד וְיִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסֵי שְׁמוֹ; אָמַר לוֹ: מִי הָיְתָה כֵּן? אָמַר לוֹ: זוֹ יוֹכֶבֶד, שֶׁיָּלְדָה אֶת מֹשֶׁה, שֶׁשָּׁקוּל כְּנֶגֶד שִׁשִּׁים רִבּוֹא מִיִּשְׂרָאֵל.

## מֹשֶׁה בַּיְאֹר.

„וַתִּקַּח לוֹ תֵּבַת גֹּמֶא וַתַּחְמְרָה בַחֵמָר וּבַזָּפֶת" — חֵמָר מִבִּפְנִים וְזֶפֶת מִבַּחוּץ, שֶׁלֹּא יָרִיחַ אוֹתוֹ צַדִּיק רֵיחַ רָע.

קריג און זיי פֿלעגן אנשעפּן העלפֿט וואַסער און העלפֿט פֿיש. פֿלעגן זיי קאָכן צוויי טעפּ, איינעם מיט וואַסער, איינעם מיט פֿיש און פֿלעגן עס טראָגן צו זייערע מענער אין פֿעלד. זיי פֿלעגן זיי וואַשן און שמירן, אָנעסן און אָנטרינקען און קומען אַהיים. ווען זיי פֿלעגן דאַרפֿן געבאָרן, פֿלעגן זיי גיין אין פֿעלד און דאָרטן האָבן די קינדער אונטער אַן עפּל בוים. און גאָט פֿלעגט שיקן אַ מלאך פֿון הימל און ער פֿלעגט רייניקן און פּוצן זייערע קינדער אַט ווי אַ הייבאַם, און ער קלײַבט אַ פּאָר זיי צוויי קנײַלכלעך — איינס מיט האָניק און איינס מיט בוימל. אַז די מצריים פֿלעגן דערקענען די קינדער פֿלעגן זיי קומען זיי טייטן, פֿלעגט געשען אַ נס און זיי פֿלעגן אײַנגעשלונגען ווערן אין דער ערד. פֿלעגן די מצריים ברענגען אָקסן און אַקערן איבער זיי. ווען זיי פֿלעגן אַוועקגיין פֿלעגן זיי אַרויסשפּראָצן און אַרויסקומען אַט ווי גראָז אין פֿעלד. ווען זיי פֿלעגן אויסוואַקסן, פֿלעגן זיי קומען אַהיים טשערעדעסווײַז. ווען גאָט האָט זיך באַוויזן בײַם ים, האָבן זיי אים פֿריער דערקענט און געזאָגט "דאָס איז מײַן גאָט".

מח

## זעכציק צענטויזנטער אין איין בויך

רבי איז געזעסן און גדרשנט און דער עולם איז אײַנגעדרעמלט. האָט ער געזאָגט: — אַ פֿרוי אין מצרים האָט געבאָרן זעכציק צענטויזנטער אין איין בויך.

איז דאָרטן געווען אַ תּלמיד מיטן נאָמען ישמעאל בן רבי יוסי, זאָגט ער צו רבי: — ווער איז עס געווען אַזאַ?

האָט ער אים געזאָגט: — דאָס איז יוכבֿד, וואָס האָט געבאָרן משהן און ער איז ווערט געווען ווי זעכציק צענטויזנטער פֿון די ייִדן *).

מט

## משה אין טײַך

"און זי האָט גענומען אַ קעסטל פֿון פּימסנהאָלץ און האָט אים אויסגעקלעפּט מיט ליים און מיט פּעך. ליים פֿון אינעווייניק און פּעך פֿון דרויסן, אַז דער צדיק זאָל ניט פֿילן קײַן שלעכטן ריח".

---

*) זעכציק צענטויזנטער איז געווען די צאָל יידן, וואָס משה האָט אַרויסגעפֿירט פֿון מצרים. איין משה האָט אויפגעטאָן מער ווי אַלע יידן צוזאַמען. ניט וויכטיק איז די צאָל יידן. וויכטיק זיינען די אויפטועז, וויפל מען טוט אויף.

"וַתֵּתַצַּב אֲחֹתוֹ מֵרָחֹק" – לָמָּה עָמְדָה מִרְיָם מֵרָחוֹק? אָמַר רַב: לְפִי שֶׁהָיְתָה מִרְיָם מִתְנַבֵּאת וְאוֹמֶרֶת: עֲתִידָה אִמִּי שֶׁתֵּלֵד בֵּן שֶׁמּוֹשִׁיעַ אֶת יִשְׂרָאֵל. וְכֵיוָן שֶׁנּוֹלַד מֹשֶׁה נִתְמַלֵּא כָּל הַבַּיִת אוֹרָה, עָמַד אָבִיהָ וּנְשָׁקָהּ עַל רֹאשָׁהּ, אָמַר לָהּ: בִּתִּי, נִתְקַיְּמָה נְבוּאָתֵךְ! הֲרֵי שֶׁנֶּאֱמַר: "וַתֵּתַצַּב אֲחֹתוֹ מֵרָחֹק לְדֵעָה מַה־יֵּעָשֶׂה לוֹ" – לָדַעַת מַה יְּהֵא בְּסוֹף נְבוּאָתָהּ.

"וַתֵּרֶא בַּת פַּרְעֹה... וַתִּשְׁלַח אֶת אֲמָתָהּ" – כֵּיוָן שֶׁרָאוּ אַמְהוֹתֶיהָ שֶׁבִּקְּשָׁה לְהַצִּיל אֶת מֹשֶׁה, אָמְרוּ לָהּ: גְּבִרְתֵּנוּ, מִנְהָגוֹ שֶׁל מֶלֶךְ בָּשָׂר־וָדָם גּוֹזֵר גְּזֵרָה, אִם כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ אֵין מְקַיְּמִים אוֹתָהּ, בָּנָיו וּבְנֵי־בֵיתוֹ מְקַיְּמִים אוֹתָהּ – וְאַתְּ עוֹבֶרֶת עַל גְּזֵרַת אָבִיךְ! בָּא גַּבְרִיאֵל וַחֲבָטָן בַּקַּרְקַע.

"וַתֹּאמֶר אֲחֹתוֹ... הַאֵלֵךְ וְקָרָאתִי לָךְ אִשָּׁה מֵינֶקֶת מִן הָעִבְרִיֹּת" – לָמָּה "מִן הָעִבְרִיּוֹת"? מְלַמֵּד שֶׁהֶחֱזִירוּהוּ לְמֹשֶׁה עַל כָּל הַמִּצְרִיּוֹת כֻּלָּן וְלֹא יָנַק. אָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: פֶּה שֶׁעָתִיד לְדַבֵּר עִמִּי יִינַק דָּבָר טָמֵא!

---

## מֹשֶׁה בְּבֵית פַּרְעֹה.

"וַתְּבִאֵהוּ לְבַת פַּרְעֹה וַיְהִי לָהּ לְבֵן" – הָיְתָה בַּת פַּרְעֹה מְנַשְּׁקָתוֹ וּמְחַבְּקָתוֹ וּמְחַבַּבְתּוֹ כְּאִלּוּ הוּא בְנָהּ, וְלֹא הָיְתָה מוֹצִיאָתוֹ מִפַּלְטֵרִין שֶׁל מֶלֶךְ. וּלְפִי שֶׁהָיָה יָפֶה – הַכֹּל מִתְאַוִּים לִרְאוֹתוֹ, וּמִי שֶׁהָיָה רוֹאֵהוּ לֹא הָיָה מַעֲבִיר עַצְמוֹ מֵעָלָיו. וְהָיָה פַּרְעֹה מְנַשְּׁקוֹ וּמְחַבְּקוֹ, וְהוּא נוֹטֵל כִּתְרוֹ שֶׁל פַּרְעֹה וּמְשִׂימוֹ עַל רֹאשׁוֹ. וְהָיוּ שָׁם יוֹשְׁבִים חַרְטֻמֵּי מִצְרַיִם וְאָמְרוּ: מִתְיָרְאִים אָנוּ מִזֶּה שֶׁנּוֹטֵל כִּתְרְךָ וְנוֹתְנוֹ עַל רֹאשׁוֹ, שֶׁלֹּא יִהְיֶה זֶה אוֹתוֹ שֶׁאָנוּ אוֹמְרִים

„און זײַן שוועסטער האָט זיך געשטעלט פֿון װײַטן". — פֿאַרוואָס איז זי געשטאַנען פֿון װײַטן? האָט רב געזאָגט: — ווײַל מרים האָט נבֿיאות געזאָגט: — מײַן מאַמע וועט האָבן אַ זון וואָס וועט ראַטעווען די ייִדן.

ווען משה איז געבאָרן געוואָרן איז דאָס גאַנצע הויז פֿול געוואָרן מיט ליכט. האָט זיך געשטעלט איר פֿאָטער און איר געקושט אין קאָפּ. ער האָט איר געזאָגט: — טאָכטער מײַנע, דײַן נבֿואה איז מקוים געוואָרן! און דאָס איז וואָס עס ווערט דערציילט: „און די שוועסטער האָט זיך געשטעלט פֿון ווײַטן צו דערגיין וואָס עס וועט געשען מיט אים" — צו וויסן וואָס עס וועט ווערן צום סוף מיט איר נבֿואה.

„האָט פּרעהס טאָכטער דערזען . . . האָט זי געשיקט איר דינסט". — ווען די דינסטן האָבן דערזען אַז זי וויל ראַטעווען משהן, האָבן זיי צו איר געזאָגט: — הארנטע אונדזערע, עס איז דער מינהג, אַז אַ מענטשלעכער קיניג איז עפּעס גוזר און די גאַנצע וועלט פֿאָלגט אים ניט, אָבער זײַנע קינדער און זײַן הויז־געזינד פֿאָלגן יאָ — און דו גייסט אַריבער די גזירה פֿון דײַן פֿאָטער!

איז געקומען דער מלאך גבֿריאל און זיי צוגעקלאַפּט צו דער ערד.

„האָט זײַן שוועסטער געזאָגט: זאָל איך גיין און רופֿן פֿאַר דיר אַן אם פֿון די ייִדינעס?" — עס איז צו לערנען פֿון דעם, אַז מען האָט משהן געגעבן צו אַלע מצרישע פֿרויען און ער האָט ניט געזויגן, ווײַל הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: — דאָס מויל וואָס וועט ריידן מיט מיר זאָל זויגן אומרייניס?!

ג

## משה בײַ פּרעהן אין הויז

„און זי האָט אים געבראַכט צו פּרעהס טאָכטער, און ער איז געווען בײַ איר אַ זון". — פֿלעגט אים פּרעהס טאָכטער קושן און האַלדזן און צערטלען ווי ער וואָלט געווען איר זון; און זי פֿלעגט אים ניט אַרויסנעמען פֿון קייזערלעכן פּאַלאַץ. און ווײַל ער איז געווען שיין, — האָבן אַלע געגלוסט אים צו זען, און ווער עס פֿלעגט אים זען, פֿלעגט זיך ניט קענען אָפּקערן פֿון אים.

פּרעה פֿלעגט אויך אים קושן און האַלדזן, — פֿלעגט ער נעמען פּרעהס קרוין און זי אָנטאָן אויף זײַן קאָפּ. זײַנען דאָרטן געזעסן די חרטומים פֿון מצרים און זיי האָבן אים געזאָגט:

— מיר האָבן מורא פֿאַר דעם וואָס ער נעמט דײַן קרוין און טוט זי אָן אויף זײַן קאָפּ. עס זאָל פֿון אים ניט אַרויסקומען דער, וואָס מיר

שֶׁעָתִיד לִטּוֹל מַלְכוּת מִמְּךָ. מֵהֶם אוֹמְרִים לְהָרְגוֹ, מֵהֶם אוֹמְרִים לְשָׂרְפוֹ. וְהָיָה יִתְרוֹ יוֹשֵׁב בֵּינֵיהֶם וְאוֹמֵר לָהֶם: הַנַּעַר הַזֶּה אֵין בּוֹ דַּעַת, אֶלָּא בַּחֲנוּ אוֹתוֹ וְהָבִיאוּ לְפָנָיו בִּקְעָרָה זָהָב וְגַחֶלֶת; אִם יוֹשִׁיט יָדוֹ לַזָּהָב — יֵשׁ בּוֹ דַּעַת וְהִרְגוּ אוֹתוֹ; וְאִם יוֹשִׁיט יָדוֹ לַגַּחֶלֶת אֵין בּוֹ דַּעַת וְאֵין לוֹ מִשְׁפַּט מָוֶת. מִיָּד הֵבִיאוּ לְפָנָיו, וְשָׁלַח יָדוֹ לִטּוֹל הַזָּהָב, וּבָא גַּבְרִיאֵל וְדָחָה אֶת יָדוֹ — וְתָפַס אֶת הַגַּחֶלֶת, וְהִכְנִיס יָדוֹ עִם הַגַּחֶלֶת לְתוֹךְ פִּיו וְנִכְוְתָה לְשׁוֹנוֹ — וּמִמֶּנּוּ נַעֲשָׂה כְּבַד־פֶּה וּכְבַד־לָשׁוֹן.

---

## מֹשֶׁה יוֹצֵא אֶל אֶחָיו.

„וַיֵּצֵא אֶל אֶחָיו וַיַּרְא בְּסִבְלוֹתָם" — הָיָה רוֹאֶה וּבוֹכֶה וְאוֹמֵר: חֲבָל לִי עֲלֵיכֶם! מִי יִתֵּן מוֹתִי עֲלֵיכֶם! — שֶׁאֵין לְךָ מְלָאכָה קָשָׁה מִמְּלֶאכֶת הַטִּיט. וְהָיָה נוֹתֵן כְּתֵפָיו וּמְסַיֵּעַ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד מֵהֶם. ר' אֶלְעָזָר בְּנוֹ שֶׁל ר' יוֹסֵי הַגְּלִילִי אוֹמֵר: רָאָה מַשָּׂא גָּדוֹל עַל קָטָן, וּמַשָּׂא אִישׁ עַל אִשָּׁה וּמַשָּׂא בָּחוּר עַל זָקֵן, וְהָיָה מַנִּיחַ דַּרְגּוֹן שֶׁלּוֹ וְהוֹלֵךְ וּמְיַשֵּׁב לָהֶם סִבְלוֹתֵיהֶם, וְעוֹשֶׂה כְּאִלּוּ מְסַיֵּעַ לְפַרְעֹה. אָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: אַתָּה הִנַּחְתָּ אֶת עֲסָקֶיךָ וְהָלַכְתָּ לִרְאוֹת בְּצַעֲרָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל וְנָהַגְתָּ בָּהֶם מִנְהַג אַחִים, אֲנִי מַנִּיחַ אֶת הָעֶלְיוֹנִים וְאֶת הַתַּחְתּוֹנִים וַאֲדַבֵּר עִמְּךָ.

דָּבָר אַחֵר: „וַיַּרְא בְּסִבְלוֹתָם" — רָאָה שֶׁאֵין לָהֶם מְנוּחָה, הָלַךְ וְאָמַר לְפַרְעֹה: מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ עֶבֶד, אִם אֵינוֹ נָח יוֹם אֶחָד בְּשָׁבוּעַ הוּא מֵת, וְאֵלּוּ עֲבָדֶיךָ, אִם אֵין אַתָּה מַנִּיחַ לָהֶם יוֹם אֶחָד בְּשָׁבוּעַ הֵם מֵתִים. אָמַר לוֹ: לֵךְ וַעֲשֵׂה לָהֶם כְּמוֹ שֶׁתֹּאמַר. הָלַךְ מֹשֶׁה וְתִקֵּן לָהֶם אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לָנוּחַ.

זאגן, אז ער וועט צונעמען די מלוכה פון דיר.

איניקע האבן געזאגט, מען זאל אים דערהרגענען, אנדערע — מען זאל אים פארברענען. און יתרו איז געזעסן צווישן זיי און ער האט געזאגט:

— דאס יינגל האט ניט קיין שכל. אט פרובירט אים אויס, און ברענגט פאר אים א שיסל מיט גאלד און אויך גליענדיקע קוילן. וועט ער אויסשטרעקן זיין האנט צום גאלד, — איז דאס א סימן אז ער האט פארשטאנד און טייט אים. וועט ער אבער אויסציען זיין האנט צום קויל, האט ער ניט קיין פארשטאנד און עס קומט אים ניט צו טייטן.

האט מען באלד עס געבראכט פאר אים, און ער האט אויסגעצויגן זיין האנט צו נעמען דאס גאלד. איז געקומען גבריאל דער מלאך און א שטויס געטאן זיין האנט. האט ער אנגעכאפט א קויל און אריינגענומען זיין האנט מיטן קויל אין מויל, האט זיך זיין צונג אפגעברענט. פון דעם איז ער געווארן א שטאמלער — א כבד פה.

נא

# משה גייט ארויס צו זיינע ברידער

"און ער איז ארויס צו זיינע ברידער און האט געזען זייער לאסט".

ער פלעגט קוקן און וויינען און זאגן: — ווי מיר פאר אייך! שטארבן זאל איך פאר אייך! — עס איז ניטא קיין ארבעט שווערער פון ליים ארבעט. — פלעגט ער אונטערשטעלן זיין אקסל און העלפן איטלעכן פון זיי.

ר' אליעזר דער זון פון ר' יוסי הגלילי האט געזאגט: — ער האט געזען א לאסט פון א גרויסן אויף א קליינעם, פון א מאן אויף א פרוי, פון א יונגן אויף אן אלטן, — פלעגט ער לאזן זיין קייזערלעכע וואך און גיין זיי העלפן און ער פלעגט עס מאכן ווי ער וואלט געהאלפן פרעהן.

האט הקדוש ברוך הוא געזאגט: — דו האסט געלאזט דיינע עסקים און ביסט געגאנגען זען יידישן צער און דו האסט זיך געפירט מיט זיי ווי א ברודער, — דערפאר וועל איך אויך אפלאזן די אויבערשטע און די אונטערשטע און וועל ריידן מיט דיר.

אן אנדער געדאנק:

"ער האט געזען זייער לאסט". — ער האט געזען, אז זיי האבן ניט קיין רו, איז ער אוועק און געזאגט צו פרעהן:

— ווער עס האט א קנעכט און ער גיט אים ניט איין טאג א וואך רו, וועט ער דאך שטארבן. און אט זיינען זיי דאך דיינע קנעכט, וועסטו זיי ניט לאזן רוען איין טאג אין וואך, — וועלן זיי דאך שטארבן.

האט ער אים געזאגט: — גיי, טו פאר זיי ווי דו זאגסט.

איז משה געגאנגען און איינגעארדנט פאר זיי דעם שבת צו רוען.

# אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר!

„וַיַּךְ אֶת הַמִּצְרִי וַיִּטְמְנֵהוּ בַּחוֹל" — אָמַר מֹשֶׁה לְיִשְׂרָאֵל: אַתֶּם מְשׁוּלִים כַּחוֹל, מַה הַחוֹל אָדָם נוֹטְלוֹ מִכָּאן וְנוֹתְנוֹ בְּכָאן וְאֵין קוֹלוֹ נִשְׁמָע, כָּךְ לֹא יֵצֵא דָּבָר זֶה מִפִּיכֶם.

„וַיֹּאמֶר... הַלְהָרְגֵנִי אַתָּה אוֹמֵר כַּאֲשֶׁר הָרַגְתָּ אֶת הַמִּצְרִי... וַיֹּאמֶר אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר" — לְפִי שֶׁהָיָה מֹשֶׁה מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ וְאוֹמֵר: מֶה חָטְאוּ יִשְׂרָאֵל, שֶׁנִּשְׁתַּעְבְּדוּ מִכָּל הָאֻמּוֹת? כֵּיוָן שֶׁשָּׁמַע דְּבָרָיו אָמַר: „אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר!" עַתָּה יָדַעְתִּי עַל אֵיזֶה דָּבָר הֵם מִשְׁתַּעְבְּדִים: לְשׁוֹן־הָרָע יֵשׁ בֵּינֵיהֶם — וְהֵאַךְ יִהְיוּ רְאוּיִם לִגְאֻלָּה?

# מֹשֶׁה נִצַּל מֵחֶרֶב פַּרְעֹה.

„וַיִּשְׁמַע פַּרְעֹה" — שֶׁעָמְדוּ דָּתָן וַאֲבִירָם וְהִלְשִׁינוּ עָלָיו.

„וַיְבַקֵּשׁ לַהֲרֹג אֶת מֹשֶׁה" — שָׁלַח פַּרְעֹה וְהֵבִיאוּ סַיָּף שֶׁאֵין כְּמוֹתוֹ וְנָתְנָה עֶשֶׂר פְּעָמִים עַל צַוָּארוֹ, וְנַעֲשָׂה צַוָּארוֹ שֶׁל מֹשֶׁה כְּעַמּוּד שֶׁל שַׁיִשׁ וְלֹא הִזִּיקַתּוּ.

„וַיִּבְרַח מֹשֶׁה מִפְּנֵי פַּרְעֹה" — אָמַר ר' יַנַּאי: וְכִי אֶפְשָׁר לְבָשָׂר־וָדָם לִבְרֹחַ מִפְּנֵי הַמַּלְכוּת? אֶלָּא בְּשָׁעָה שֶׁתָּפְסוּ אֶת מֹשֶׁה וְחִיְּבוּהוּ לְהַתִּיז אֶת רֹאשׁוֹ, יָרַד מַלְאָךְ מִן הַשָּׁמַיִם וְנִדְמָה לָהֶם בִּדְמוּת מֹשֶׁה, וְתָפְסוּ אֶת הַמַּלְאָךְ וּבָרַח מֹשֶׁה.

אָמַר ר' יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי: נַעֲשׂוּ כָּל הַסַּנְקְלִיטִין שֶׁהָיוּ יוֹשְׁבִים לִפְנֵי פַּרְעֹה מֵהֶם אִלְּמִים, מֵהֶם חֵרְשִׁים, מֵהֶם סוּמִים, וְהָיָה אוֹמֵר **לָאִלְּמִים: הֵיכָן מֹשֶׁה? וְלֹא הָיוּ מְדַבְּרִים; לַחֵרְשִׁים — וְלֹא הָיוּ שׁוֹמְעִים; לַסּוּמִים — וְלֹא הָיוּ רוֹאִים.**

נב

# איז דאָך באַוווּסט געוואָרן די זאַך

"און ער האָט דערשלאָגן דעם מצרי און אים באַהאַלטן אין זאַמד".

משה האָט געזאָגט צו די ייִדן: — איר זײַט געגליכן צו זאַמד. אַזוי ווי זאַמד נעמט מען פֿון דאַנען און מען פֿירט עס אַריבער אַהין און עס לאָזט ניט אַרויס קיין קלאַנג, אַזוי זאָל פֿון אײַער מויל די זאַך ניט אַרויסגיין (איר זאָלט ניט אויסזאָגן).

"און ער האָט געזאָגט . . . ווילסטו מיך טייטן ווי דו האָסט געטייט דעם מצרי". . .

איז דאָך באַוווּסט געוואָרן די זאַך — ווײַל משה פֿלעגט אַלץ טראַכטן און זאָגן: — מיט וואָס האָבן דאָס די ייִדן פֿאַרזינדיקט זיך וואָס זיי זײַנען אונטערטעניק צווישן די פֿעלקער? אַז ער האָט דערהערט די רייד פֿון יענעם ייִדן, האָט ער זיך געזאָגט: — איצט איז באַוווּסט די זאַך! איצט פֿאַרשטיי איך פֿאַרוואָס זיי זײַנען פֿאַרשקלאַפֿט: לשון הרע איז צווישן זיי, טאָ ווי קענען זיי זײַן ווערט אויסגעלייזט צו ווערן . . .

נג

# משה איז געראַטעוועט געוואָרן פֿון פּרעהס שווערד

"און פּרעה האָט עס דערהערט". — ווײַל דתן ואבירם האָבן זיך געשטעלט און געמסרט אים.

"און ער האָט אים געוואָלט הרגענען". — פּרעה האָט געשיקט און מען האָט געבראַכט אַ שווערד, וואָס ניטאָ נאָך אַזאַ און צען מאָל מיט איר דערלאַנגט משהן אין האַלדז, איז אָבער משה האַלדז געוואָרן ווי אַ מאַרמאָר־זײַל און עס האָט אים ניט געשאַדט.

"און משה איז אַנטלאָפֿן פֿון פּרעה".

האָט ר' ינאי געזאָגט: — ווי קען עס אַ פּשוטער מענטש אַנטלויפֿן פֿון דער רעגירונג? — נאָר ווען מען האָט געכאַפּט משהן און אים פֿאַרמשפּט אָראָפּצונעמען זײַן קאָפּ איז אַראָפּ אַ מלאך און זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר זיי פֿאַר משהן, האָבן זיי געכאַפּט דעם מלאך, איז משה אַנטלאָפֿן.

רבי יהושוע בן לוי האָט געזאָגט: — אַלע ראַטגעבער וואָס זײַנען געזעסן פֿאַר פּרעהן זײַנען געוואָרן ווער שטום, ווער טויב און ווער בלינד. זאָגט מען צו די שטומע: — וווּ איז משה? און זיי ענטפֿערן ניט; צו די טויבע — און זיי הערן ניט; צו די בלינדע — נײַן, זיי האָבן ניט געזען.

# משֶׁה בְּבֵית יִתְרוֹ.

"וּלְכֹהֵן מִדְיָן שֶׁבַע בָּנוֹת" – וַהֲלֹא הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא שׂוֹנֵא עֲבוֹדָה־זָרָה – וְנָתַן מָנוֹס לְמשֶׁה אֵצֶל עוֹבֵד עֲבוֹדָה־זָרָה? אֶלָּא יִתְרוֹ כֹּמֶר לַעֲבוֹדָה־זָרָה הָיָה, וְרָאָה שֶׁאֵין בָּהּ מַמָּשׁ וּמָאַס בָּהּ וְהִרְהֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה עַד שֶׁלֹּא בָא משֶׁה, וְקָרָא לִבְנֵי עִירוֹ וְאָמַר לָהֶם: עַד עַכְשָׁו הָיִיתִי מְשַׁמֵּשׁ אֶתְכֶם, מֵעַתָּה זָקֵן אֲנִי, בַּחֲרוּ לָכֶם כֹּמֶר אַחֵר. עָמַד וְהוֹצִיא כְּלֵי תַשְׁמִישֵׁי עֲבוֹדָה־זָרָה וְנָתַן לָהֶם הַכֹּל. עָמְדוּ וְנִדּוּהוּ, שֶׁלֹּא יִזְדַּקֵּק לוֹ אָדָם וְלֹא יַעֲשׂוּ לוֹ מְלָאכָה, וּבִקֵּשׁ מִן הָרוֹעִים לִרְעוֹת לוֹ אֶת צֹאנוֹ וְלֹא קִבְּלוּ; לְפִיכָךְ הוֹצִיא בְּנוֹתָיו לִרְעוֹת – "וַיָּבֹאוּ הָרֹעִים וַיְגָרְשׁוּם"...

"וַתֹּאמַרְןָ אִישׁ מִצְרִי הִצִּילָנוּ" – וְכִי מִצְרִי הָיָה משֶׁה? אֶלָּא לְבוּשׁוֹ מִצְרִי וְהוּא עִבְרִי. דָּבָר אַחֵר: "אִישׁ מִצְרִי" – מָשָׁל לְאֶחָד שֶׁנְּשָׁכוֹ עָרוֹד וְהָיָה רָץ לִתֵּן רַגְלָיו בְּמַיִם. נִכְנַס בְּנָהָר וְרָאָה תִינוֹק שֶׁהוּא שׁוֹקֵעַ בַּמַּיִם, וְשָׁלַח יָדוֹ וְהִצִּילוֹ. אָמַר לוֹ הַתִּינוֹק: אִלּוּלֵא אַתָּה כְּבָר הָיִיתִי מֵת. אָמַר לוֹ: לֹא אֲנִי הִצַּלְתִּיךָ, אֶלָּא אוֹתוֹ הֶעָרוֹד שֶׁנְּשָׁכַנִי וּבָרַחְתִּי מִמֶּנּוּ, הוּא הִצִּילְךָ.

כָּךְ אָמְרוּ בְּנוֹת יִתְרוֹ לְמשֶׁה: יִישַׁר כֹּחֲךָ, שֶׁהִצַּלְתָּנוּ מִיַּד הָרוֹעִים! אָמַר לָהֶן משֶׁה: אוֹתוֹ הַמִּצְרִי שֶׁהָרַגְתִּי – הוּא הִצִּיל אֶתְכֶן. וּלְכָךְ אָמְרוּ לַאֲבִיהֶן: "אִישׁ מִצְרִי", כְּלוֹמַר, מִי גָרַם לָנוּ שֶׁיָּבֹא אֶצְלֵנוּ? אִישׁ מִצְרִי שֶׁהָרַג.

---

# נַאֲקַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל.

"וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם" – שֶׁנִּצְטָרַע, וְהַמְּצֹרָע חָשׁוּב כְּמֵת.

נד

# משה ביַי יתרוֹ אין שטוב

"און בײַם כֹּהן פֿון מדין זײַנען געווען זיבן טעכטער". — גאָט האָט דאָך פֿײַנט געצנדינסט, וואָס־זשע האָט ער געמאַכט משה זאָל זיך ראַטעווען בײַ אַ געצנדינער ? — אָבער : יתרוֹ איז געווען אַ גלח בײַ די געצנדינער און ער האָט דערזען, אַז אין דעם איז גאָר ניטאָ קיין ממשות (ניטאָ וואָס אנצונעמען) זײַנען זיי אים מיאוּס געוואָרן; האָט אַלץ געטראַכט תּשובֿה צו טאָן ביז משה איז געקומען. האָט ער פֿאַררופֿן זײַנע שטאַטלײַט און זיי געזאָגט :

— ביז איצט האָב איך אײַך געדינט. איצט בין איך שוין אַלט. קלײַבט זיך אויס אַ צווייטן גלח.

האָט ער גענומען און אַרויסגעטראָגן אַלע כּלים פֿון דער עבֿודה־זרה (געצנדינסט) און זיי אַוועקגעגעבן. האָבן זיי גענומען און אים געלייגט אין חרם, אַז קיינער זאָל זיך מיט אים ניט באַגעגענען און פֿאַר אים קיין אַרבעט ניט טאָן. האָט ער געבעטן די פּאַסטוכער זיי זאָלן נעמען פּיטערן זײַנע שאָף און זיי האָבן ניט גענומען.

דערפֿאַר האָט ער געשיקט זײַנע טעכטער זיי זאָלן פּיטערן. "זײַנען געקומען די פּאַסטוכער און זיי פֿאַרטריבן"...

"און זיי האָבן געזאָגט, אַ מאַן מצרי האָט אונדז געראַטעוועט". — איז דען משה געווען אַ מצרי ? — נאָר זײַן קליידונג איז געווען אַ מצרישע און ער איז געווען אַ ייִד.

אַ צווייטער געדאַנק :

"אַ מאַן, אַ מצרי", — עס איז אַ משל צו עמיצן וואָס אַ שלאַנג האָט אים אַ ביס געטאָן און ער איז געלאָפֿן אַרײַנצושטעלן זײַנע פֿיס אין וואַסער. איז ער אַרײַן אין טײַך, ערשט ער זעט — אַ קינד זינקט אין וואַסער, האָט ער אויסגעשטרעקט זײַן האַנט און אים געראַטעוועט.

זאָגט צו אים דאָס קינד : — ווען ניט דו וואָלט איך שוין געווען טויט.

זאָגט יענער : — ניט איך האָב דיך געראַטעוועט, נאָר אָט יענער שלאַנג, וואָס האָט מיך אַ ביס געטאָן און איך האָב פֿון אים גענומען לויפֿן. ער האָט דיך געראַטעוועט.

אַזוי האָבן אויך יתרוֹס טעכטער געזאָגט צו משהן : — אַ דאַנק דיר וואָס דו האָסט אונדז געראַטעוועט פֿון די פּאַסטוכער !

זאָגט צו זיי משה : — יענער מצרי וואָס איך האָב אים דערהרגעט, — ער האָט אײַך געראַטעוועט.

און דעריבער האָבן זיי געזאָגט צו זייער פֿאָטער : — "אַ מצרי", דאָס הייסט — ווער האָט גורם געווען אַז אָט דער זאָל קומען צו אונדז ? — דער מצרי וועמען ער האָט געהרגעט.

נה

# דאָס געשריי פֿון די ייִדן

"און דער קיניג פֿון מצרים איז געשטאָרבן". — ער איז קרעציק געוואָרן און אַ קרעציקער איז פֿאַררעכנט ווי אַ געשטאָרבענער.

„וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל"—לָמָּה נִתְאַנְּחוּ? לְפִי שֶׁאָמְרוּ לוֹ חַרְטֻמֵּי מִצְרַיִם: אֵין לְךָ רְפוּאָה אִם לֹא נִשְׁחַט מִקְּטַנֵּי יִשְׂרָאֵל מֵאָה וַחֲמִשִּׁים בָּעֶרֶב וּמֵאָה וַחֲמִשִּׁים בַּבֹּקֶר, וְתִרְחַץ בְּדָמֵיהֶם שְׁתֵּי פְּעָמִים בַּיּוֹם. כֵּיוָן שֶׁשָּׁמְעוּ יִשְׂרָאֵל גְּזֵרָה קָשָׁה הִתְחִילוּ מִתְאַנְּחִים וּמְקוֹנְנִים.

„וַיִּשְׁמַע אֱלֹהִים אֶת נַאֲקָתָם" — ר' עֲקִיבָא אוֹמֵר: אִסְפַּקְלַטוֹרִין שֶׁל פַּרְעֹה הָיוּ מְחַנְּקִים אֶת יִשְׂרָאֵל בְּקִירוֹת בָּתִּים לְבִנְיָן, וְהָיוּ צוֹעֲקִים מִתּוֹךְ הַבִּנְיָן, צוֹעֲקִים מִתּוֹךְ הַקִּירוֹת — וְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא שׁוֹמֵעַ אֶת נַאֲקָתָם.

## מֹשֶׁה הָרוֹעֶה.

„וּמֹשֶׁה הָיָה רֹעֶה" — בְּחָנוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְמֹשֶׁה בַּצֹּאן. אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ: כְּשֶׁהָיָה מֹשֶׁה רַבֵּנוּ רוֹעֶה צֹאנוֹ שֶׁל יִתְרוֹ בַּמִּדְבָּר בָּרַח מִמֶּנּוּ גְּדִי, וְרָץ אַחֲרָיו עַד שֶׁהִגִּיעַ לְחָסִית. כֵּיוָן שֶׁהִגִּיעַ לְחָסוּת נִזְדַּמְּנָה לוֹ בְרֵכָה שֶׁל מַיִם וְעָמַד הַגְּדִי לִשְׁתּוֹת. כֵּיוָן שֶׁהִגִּיעַ מֹשֶׁה אֶצְלוֹ, אָמַר: „אֲנִי לֹא הָיִיתִי יוֹדֵעַ שֶׁרָץ הָיִיתָ מִפְּנֵי צָמָא; עָיֵף אָתָּה". הִרְכִּיבוֹ עַל כְּתֵפוֹ וְהָיָה מְהַלֵּךְ. אָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: יֵשׁ לְךָ רַחֲמִים לִנְהוֹג צֹאנוֹ שֶׁל בָּשָׂר־וָדָם כָּךְ — חַיֶּיךָ, אַתָּה תִרְעֶה צֹאנִי יִשְׂרָאֵל.

## לָמָּה נִגְלָה אֱלֹהִים מִתּוֹךְ הַסְּנֶה?

„וַיִּקְרָא אֵלָיו אֱלֹהִים מִתּוֹךְ הַסְּנֶה" — אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְמֹשֶׁה: אִי אַתָּה מַרְגִּישׁ, שֶׁאֲנִי שָׁרוּי בְּצַעַר כְּשֵׁם שֶׁיִּשְׂרָאֵל שְׁרוּיִם בְּצַעַר? הֱוֵי יוֹדֵעַ, מִמָּקוֹם שֶׁאֲנִי מְדַבֵּר עִמְּךָ: מִתּוֹךְ הַקּוֹצִים; כִּבְיָכוֹל, אֲנִי שֻׁתָּף בְּצַעֲרָם. וְכֵן הוּא אוֹמֵר: „בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר".

"און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן אָפּגעזיפֿצט". — פֿאַרוואָס האָבן זיי געזיפֿצט ? — ווײַל די חרטומים פֿון מצרים האָבן געזאָגט צו פּרעהן :

— עס איז ניטאָ פֿאַר דיר קיין רפֿואה, סײַדן מען זאָל שעכטן פֿון די קליינע ייִדן הונדערט פֿופֿציק אין אָוונט און הונדערט פֿופֿציק אין דער פֿרי, און דו זאָלסט זיך באָדן אין זייער בלוט צוויי מאָל אַ טאָג.

אַז די ייִדן האָט דערהערט די שווערע גזירה, האָבן זיי אָנגעהויבן צו זיפֿצן און צו קלאָגן.

"און גאָט האָט דערהערט זייער געשריי". — ר' עקיבֿא זאָגט :

— די האָרן פֿון פּרעה פֿלעגן אַרײַנוואַרפֿן ייִדן אין די ווענט פֿון הײַזער צום בויען. פֿלעגן זיי שרײַען פֿון די געבײַדעס, שרײַען פֿון די ווענט, און גאָט האָט דערהערט זייער געשריי.

## נו
# משה דער פּאַסטוך

"און משה איז געווען אַ פּאַסטוך". — גאָט האָט אויסגעפּרובירט משהן אויף שאָף.

עס האָבן אונדזערע לערערס געזאָגט : — ווען משה האָט געפּיטערט די שאָף פֿון יתרו אין מדבר, איז אַנטלאָפֿן פֿון אים אַ ציגעלע, איז ער אים נאָכגעלאָפֿן ביז עס איז דערגאַנגען צו אַ פֿעלדזן־שפּאַלט. ווי עס איז געקומען צום שפּאַלט, האָט עס דאָרטן געטראָפֿן אַ סאַזשעלקע וואַסער און דאָס ציגל האָט זיך געשטעלט טרינקען. אַז משה האָט אים דעריאָגט, האָט ער געזאָגט :

— און איך האָב ניט געוווּסט אַז דו לויפֿסט צוליב דורשט; ביסט מיד. — האָט ער גענומען דאָס ציגעלע אויפֿן אַקסל און איז געגאַנגען.

האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט : — דו האָסט אַזוי פֿיל רחמנות צו פֿירן די שאָף פֿון אַ מענטשן, — בײַ דײַן לעבן, דו וועסט פּיטערן מײַן שאָף — די ייִדן.

## נז
# פֿאַרוואָס האָט גאָט זיך באַוויזן פֿון דעם דאָרן ?

"און גאָט האָט גערופֿן צו משהן פֿון דעם דאָרן". — הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו משהן :

— פֿילסטו דען ניט, איך בין פֿאַרזונקען אין צער פּונקט ווי די ייִדן זײַנען פֿאַרזונקען אין צער ? זאָלסט עס וויסן פֿון דעם אָרט וווּ איך רעד מיט דיר : פֿון צווישן שטעכלקעס : איך, גאָט, בין אַ שותּף אין זייער צער.

און אַזוי ווער אויך געזאָגט : "אין איטלעכער צרה זייערער לײַדט ער מיט".

„הַסְּנֶה בֹּעֵר בָּאֵשׁ וְהַסְּנֶה אֵינֶנּוּ אֻכָּל" — לָמָּה הֶרְאָה לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְמשֶׁה בְּעִנְיָן הַזֶּה? לְפִי שֶׁהָיָה משֶׁה מְחַשֵּׁב בְּלִבּוֹ וְאוֹמֵר: שֶׁמָּא יִהְיוּ הַמִּצְרִים מְכַלִּים אֶת יִשְׂרָאֵל. לְפִיכָךְ הֶרְאָהוּ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא אֵשׁ בּוֹעֶרֶת וּסְנֶה אֵינֶנּוּ אֻכָּל. אָמַר לוֹ: כְּשֵׁם שֶׁהַסְּנֶה בֹּעֵר בָּאֵשׁ וְאֵינֶנּוּ אֻכָּל, כָּךְ הַמִּצְרִים אֵינָם יְכוֹלִים לְכַלּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל.

## משֶׁה חוֹזֵר לְמִצְרָיִם.

„וַיֵּלֶךְ משֶׁה" — לְהֵיכָן הָלַךְ? שֶׁהָלַךְ לִטּוֹל אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו. אָמַר לוֹ יִתְרוֹ: לְהֵיכָן אַתָּה מוֹלִיכָם? אָמַר לוֹ: לְמִצְרָיִם. אָמַר לוֹ יִתְרוֹ: אוֹתָם שֶׁהֵם בְּמִצְרַיִם מְבַקְּשִׁים לָצֵאת וְאַתָּה מוֹלִיכָם? אָמַר לוֹ: לְמָחָר יִשְׂרָאֵל עֲתִידִים לָצֵאת וְלַעֲמוֹד עַל הַר סִינַי לִשְׁמֹעַ מִפִּי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא „אָנֹכִי יְיָ אֱלֹהֶיךָ" — וּבָנַי לֹא יִשְׁמְעוּ כְּמוֹתָם! מִיָּד „וַיֹּאמֶר יִתְרוֹ לְמשֶׁה לֵךְ לְשָׁלוֹם" — אָמַר לוֹ: לֵךְ לְשָׁלוֹם, וְתִכָּנֵס לְשָׁלוֹם, וְתָבֹא לְשָׁלוֹם.

„וַיִּקַּח משֶׁה אֶת אִשְׁתּוֹ וְאֶת בָּנָיו" — בְּאוֹתָהּ שָׁעָה אָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְאַהֲרֹן: „לֵךְ לִקְרַאת משֶׁה הַמִּדְבָּרָה". יָצָא לִקְרָאתוֹ וְהָיָה מְחַבְּקוֹ וּמְנַשְּׁקוֹ. אָמַר לוֹ: משֶׁה אָחִי! הֵיכָן הָיִיתָ כָּל הַשָּׁנִים הַלָּלוּ? אָמַר לוֹ: בְּמִדְיָן. אָמַר לוֹ: מַה טַּף וְנָשִׁים אֵלּוּ עִמָּךְ? אָמַר לוֹ: אִשְׁתִּי וּבָנַי הֵם — וּלְאָן אַתָּה מוֹלִיכָם? — לְמִצְרַיִם. אָמַר לוֹ: עַל הָרִאשׁוֹנִים אָנוּ מִצְטַעֲרִים, וְעַכְשָׁו הֵבֵאתָ אַף אֶת אֵלּוּ! בְּאוֹתָהּ שָׁעָה אָמַר לָהּ: לְכִי לְבֵית אָבִיךְ.

## הַזְּקֵנִים נִשְׁמָטִים.

„וְאַחַר בָּאוּ משֶׁה וְאַהֲרֹן וַיֹּאמְרוּ אֶל פַּרְעֹה — וְהֵיכָן הָלְכוּ

״און דער דארן ברענט און ווערט ניט פֿארברענט״. — פֿארוואס האט גאט באוויזן משהן אט אזא זאך? נאר משה פֿלעגט זיך טראכטן אין הארצן: — מעגלעך — די מצרים וועלן אומברענגען די ייִדן, דערפֿאר — האט גאט אים באוויזן א פֿייַער ברענט דעם דארן און ער ווערט ניט פֿארלענדט.

ער האט אים געזאגט (באוויזן): פּונקט ווי דער דארן ברענט אין פֿייַער און ווערט ניט פֿארלענדט, אזוי קענען אויך די מצריים ניט אומברענגען די ייִדן *).

נח

## משה גייט צוריק קיין מצרים

״און משה איז געגאנגען״. — וואוהין געגאנגען? — ער איז געגאנגען נעמען זיין פֿרוי און די קינדער.

האט יתרו צו אים געזאגט: — וואוהין פֿירסטו זיי?

— האט ער אים געזאגט: — קיין מצרים.

זאגט אים יתרו: — די וואס זייַנען אין מצרים ווילן ארויסגיין און דו פֿירסט זיי אהין?

זאגט ער צו אים: — מארגן (איבערמארגן) דארפֿן די ייִדן ארויסגיין פֿון מצרים, שטיין אויפֿן בארג סיני און הערן פֿון גאטס מויל ״אנכי, ד׳ אלוהיך״ — איך בין דיין גאט, — און מייַנע קינדער זאלן עס ניט הערן ווי אלע?

האט יתרו געזאגט צו משהן: — גיי געזונט. ער האט אים געזאגט: גיי געזונט, קום אן געזונט און קום צוריק בשלום.

״האט משה גענומען זיין פֿרוי און זייַנע קינדער״. — אין יענער צייַט האט הקדוש ברוך הוא געזאגט צו אהרון:

— גיי ארויס אין מדבר אנטקעגן משהן.

איז ער ארויס אים באגעגענען, האלדזט אים און קושט אים.

זאגט ער צו אים: — ברודער משה! וווּ ביסטו געווען די אלע יארן?

זאגט ער: — אין מדין.

זאגט ער אים: — וואס פֿאר א פֿרוי און קינדער זייַנען דאס?

ענטפֿערט ער אים: — דאס זייַנען מיין פֿרוי און מייַנע קינדער.

און וווּהין פֿירסטו זיי?

— קיין מצרים.

זאגט ער אים: — מיר באדויערן די פֿריערדיקע און דו ברענגסט נאך די אויך!

דעמאלט האט ער געזאגט צו איר: — גיי אין דיין פֿאטערס הויז.

נט

## די זקנים האבן זיך ארויסגעמאכט

״נאכדעם זייַנען געקומען משה און אהרון און געזאגט צו פּרעהן״. — און וווּ זייַנען אהינגעקומען די זקנים, בשעת פֿריער האט דאך הקדוש

*) די אגדה, ווי אויך אברהמס קאלדאוויזון, איז א סימן פֿאר דעם יידישן פֿאלק פֿון אלע דורות, פֿון אלע צייַטן.

הזקנים שלא חשב אותם עמהם, שכבר אמר לו הקדוש־ברוך־הוא: „ובאת אתה וזקני ישראל אל מלך מצרים“? אמרו רבותינו: הלכו עמהם הזקנים והיו מגנבים את עצמם ונשמטים אחד־אחד, שנים־שנים והלכו להם. כיון שהגיעו לפלטרין של פרעה לא נמצא אחד, שכן נאמר: „ואחר באו משה ואהרן“, והיכן הזקנים? אלא שהלכו להם. אמר להם הקדוש־ברוך־הוא: כך עשיתם? חייכם שאני פורע לכם. אימתי? בשעה שעלה משה ואהרן עם הזקנים להר־סיני לקבל תורה החזירם הקדוש־ברוך־הוא, שנאמר: „ואל הזקנים אמר שבו לנו בזה“.

## משה ואהרן לפני פרעה.

„ויאמרו אל פרעה כה אמר יי אלהי ישראל שלח את עמי“ — אמר ר' חיא בר אבא: אותו היום יום פרוזבטיא של פרעה היה, ובאו כל מלכי מזרח ומערב לכבדו, והביאו עטרות והיו מעטירים אותו — שהיה קוזמוקרטור. משעטרו אותו היו משה ואהרן עומדים על פתח פלטרין של פרעה. נכנסו עבדיו ואמרו: שני זקנים עומדים על הפתח. אמר להם: יעלו. וארבע מאות פתחים היו לפלטרין של פרעה, ועל כל פתח ופתח אריות ודבים ושאר חיות רעות, ולא היתה שום בריה יכולה לכנס שם עד שהיו מאכילים אותם בשר. וכשבאו משה ואהרן נתקבצו כלם, סובבים ומלחכים רגליהם. התחילו ללותם עד שבאו לפני פרעה. כיון שעלו, ראו אותם המלכים שהם דומים למלאכי־השרת, ורום קומתם כארזי לבנון, וגלגלי עיניהם כגלגלי כוכב הנגה, וזקנות שלהם כאשכלות תמרה, זיו פניהם כזיו החמה, ומטה אלהים של סנפירינון בידם, שחקוק עליו

ברוך הוא אים געזאָגט: ״זאָלסט קומען דו און די זקנים פֿון ישראל צום קיניג פֿון מצרים״? — האָבן אונדזערע לערערס געזאָגט:

— די זקנים זײַנען געגאַנגען מיט זיי, נאָר זיי האָבן זיך אַרויס־געגנבֿעט, זיך אַרויסגערוקט אײנציקווײַז, צווייווײַז און אַוועק. אַז זיי זײַנען דערגאַנגען ביז פּרעהס פּאַלאַץ האָט זיך שוין קיינער פֿון זיי ניט געפֿונען.

און אַזוי איז טאַקע געזאָגט געוואָרן: ״נאָכדעם זײַנען געקומען משה און אהרון״; און וווּ זײַנען די זקנים? — נאָר זיי זײַנען זיך צעגאַנגען.

האָט צו זיי געזאָגט הקדוש ברוך הוא: — איר האָט אַזוי געטאָן! איר זאָלט אַזוי לעבן ווי איך וועל אײַך אָפּצאָלן. און וואָס? — וואָס משה און אהרון זײַנען אַרויף מיט די זקנים אויפֿן באַרג סיני צו נעמען די תּורה, האָט הקדוש ברוך הוא זיי אומגעקערט, ווײַל עס איז געזאָגט: ״און צו די זקנים האָט ער געזאָגט — זיצט אונדז דאָ״.

ס

## משה און אהרון פֿאַר פּרעהן

״און זיי האָבן געזאָגט צו פּרעהן: אַזוי האָט געזאָגט ה׳ דער גאָט פֿון די ייִדן — שיק אַרויס מײַן פֿאָלק״.

האָט ר׳ חיא בר אבא געזאָגט: — אין יענעם טאָג איז בײַ פּרעהן געווען אַן אויפֿנאַמע און עס זײַנען געקומען אַלע קיניגן פֿון מזרח און מערבֿ אים אָפּגעבן כּבֿוד און זיי האָבן אים געבראַכט קרוינען אים צו קרוינען, דען ער איז געווען אַ קאָסמאָקראַט (אַ וועלט הערשער). ווען זיי האָבן אים געקרוינט זײַנען משה און אהרון געשטאַנען בײַם אַרײַנגאַנג אין פּרעהס פּאַלאַץ. זײַנען אַרײַן זײַנע קנעכט און אים געזאָגט:

— צוויי אַלטע שטייען בײַם אַרײַנגאַנג.

זאָגט ער זיי זאָלן אַרײַנגיין. אין אין פּרעהס פּאַלאַץ זײַנען געווען פֿיר הונדערט אַרײַנגאַנגען. און בײַ איטלעכן אַרײַנגאַנג זײַנען געווען לייבן און בערן און אַנדערע ווילדע חיות. און קיין באַשעפֿעניש האָט ניט געקענט אַרײַנגיין ביז מען האָט זיי ניט אָן מיט פֿלייש. ווען משה און אהרון זײַנען געקומען האָבן זיך אַלע (חיות) צונויפֿגענומען, זיי אַרומגערינגלט און זיי געלעקט די פֿיס. האָבן זיי גענומען זיי באַגלייטן ביז זיי זײַנען געקומען צו פּרעהן. ווען זיי זײַנען אַרויפֿגעקומען, האָבן אַלע קיניגן דערזען אַז זיי זעען אויס ווי פֿון די צעדערן אין לבֿנון; די אויגן־עפּל — ווי דער שטערן וועגוס; זייערע בערד — ווי די ענגלען פֿון אַ טײַטל־פּאַלמע; די פּנימער שײַנען ווי די זון; אין דער האַנט — דער געטלעכער שטעקן מיט די סאַפּיר־שטיינער אין אים און גאָטס נאָמען איז אויסגעקריצט אויף

שֵׁם־הַמְּפֹרָשׁ, וְדִבּוּר פִּיהֶם כְּאֵשׁ־שַׁלְהֶבֶת – מִיָּד נָפַל פַּחֲדָם עַל כָּל הַמְּלָכִים כֻּלָּם וַאֲחָזָם זִיעַ וּרְתֵת וְחַלְחָלָה וְהֵסִירוּ כִּתְרֵיהֶם מֵעַל רָאשֵׁיהֶם וְהִשְׁתַּחֲווּ לָהֶם. הָיָה יוֹשֵׁב פַּרְעֹה וּמִסְתַּכֵּל בָּהֶם שֶׁמָּא יַעַטְּרוּ אוֹתוֹ, שֶׁמָּא יִתְּנוּ לוֹ כְּתָבִים – וְאַף לֹא שָׁאֲלוּ בִּשְׁלוֹמוֹ. אָמַר לָהֶם: מִי אַתֶּם? אָמְרוּ לוֹ: שְׁלוּחָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא אָנוּ. – מָה אַתֶּם מְבַקְּשִׁים? אָמְרוּ לוֹ: „כֹּה אָמַר יְיָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל שַׁלַּח אֶת עַמִּי"... אוֹתָהּ שָׁעָה כָּעַס וְאָמַר: „מִי יְיָ אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקוֹלוֹ לְשַׁלַּח אֶת יִשְׂרָאֵל", לֹא הָיָה יוֹדֵעַ לִשְׁלֹחַ לִי עֲטָרָה, אֶלָּא בִּדְבָרִים אַתֶּם בָּאִים עָלַי – „לֹא יָדַעְתִּי אֶת יְיָ וְגַם אֶת יִשְׂרָאֵל לֹא אֲשַׁלֵּחַ". אָמַר לָהֶם: הַמְתִּינוּ לִי עַד שֶׁאֲחַפֵּשׂ בְּסֵפֶר שֶׁלִּי. מִיָּד נִכְנַס לְבֵית־גְּנָזָיו וְהוֹצִיא דִּפְתְּרָא שֶׁל אֱלוֹהוֹת. הִתְחִיל קוֹרֵא: אֱלֹהֵי מוֹאָב וֵאלֹהֵי עַמּוֹן וֵאלֹהֵי צִידוֹן. אָמַר לָהֶם: חִפַּשְׂתִּי שְׁמוֹ שֶׁל אֱלֹהֵיכֶם בְּבֵית־גְּנָזַי וְלֹא מְצָאתִיו.

אָמַר ר' לֵוִי: מָשָׁל לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה? לְכֹהֵן שֶׁהָיָה לוֹ עֶבֶד שׁוֹטֶה. יָצָא הַכֹּהֵן חוּץ לַמְּדִינָה. הָלַךְ הָעֶבֶד לְבַקֵּשׁ אֶת רַבּוֹ בְּבֵית־הַקְּבָרוֹת. הִתְחִיל צוֹוֵחַ לִבְנֵי אָדָם שֶׁעוֹמְדִים שָׁם: לֹא רְאִיתֶם בְּכָאן רַבִּי? אָמְרוּ לוֹ: מִי הוּא רַבְּךָ? אָמַר לָהֶם: פְּלוֹנִי כֹּהֵן. אָמְרוּ לוֹ: שׁוֹטֶה שֶׁבָּעוֹלָם, כֹּהֵן אַתָּה מְבַקֵּשׁ בְּבֵית־הַקְּבָרוֹת! כָּךְ אָמְרוּ מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן לְפַרְעֹה: שׁוֹטֶה, וְכִי מְבַקְּשִׁים חַיִּים אֵצֶל מֵתִים? הָאֱלוֹהוֹת שֶׁבְּיָדְךָ מֵתִים הֵם, אֲבָל אֱלֹהֵינוּ הוּא אֱלֹהִים חַיִּים וּמֶלֶךְ עוֹלָם.

אָמַר לָהֶם פַּרְעֹה: בָּחוּר הוּא אוֹ זָקֵן הוּא? כַּמָּה שְׁנוֹתָיו? כַּמָּה עֲיָרוֹת כָּבַשׁ? כַּמָּה מְדִינוֹת לָכַד? כַּמָּה שָׁנִים יֵשׁ לוֹ מִיּוֹם שֶׁעָלָה לַמַּלְכוּת? אָמְרוּ לוֹ: אֱלֹהֵינוּ כֹּחוֹ וּגְבוּרָתוֹ מָלֵא עוֹלָם, הוּא הָיָה עַד שֶׁלֹּא נִבְרָא הָעוֹלָם וְהוּא יִהְיֶה בְּסוֹף כָּל

אים און דאָס רײדן פֿון מויל איז בײַ זײ פֿײַער־פֿלאַם. איז באַלד אָנגעפֿאַלן אַ פּחד אויף אַלע מלכים און עס איז זײ באַפֿאַלן אַ שוויס און אַ ציטער און אַ שרעק. האָבן זײ אויסגעטאָן זײערע קרוינען און זיך געבוקט צו זײ *).

זיצט פּרעה און וואַרט: אפֿשר וועלן זײ אים ברענגען קרוינען, אפֿשר וועלן זײ אים געבן שריפֿטן, — ערשט, זײ האָבן אים אפֿילו ניט באַגריסט.

זאָגט ער צו זײ: — ווער זײַט איר?

זאָגן זײ אים: — מיר זײַנען די שלוחים פֿון הקדוש ברוך הוא.

— וואָס־זשע ווילט איר?

זאָגן זײ: — אַזוי האָט געזאָגט דער גאָט פֿון די ייִדן „שיק אַרויס מײַן פֿאָלק“ . . .

איז ער באַלד אין כּעס געוואָרן און געזאָגט: — „ווער איז דאָס דער גאָט, איך זאָל דאַרפֿן אים פֿאָלגן און אַרויסשיקן די ייִדן? און ער האָט אַפֿילו ניט פֿאַרשטאַנען מיר צו שיקן אַ קרוין. נאָר מיט רייד קומט איר צו מיר. „איך ווייס ניט פֿון דעם גאָט און די ייִדן וועל איך ניט שיקן“.

ער האָט זײ געזאָגט: — וואַרט אויס, איך וועל אַ זוך טאָן אין מײַנע ביכער.

איז ער אַרײַן אין זײַן אַרכיוו, אַרויסגענומען אַ צעטל פֿון געטער און הייבט אָן צו לייענען: מואָבער גאָט, עמונער גאָט, צידונער גאָט . . .

זאָגט ער זײ: — איך האָב געזוכט דעם נאָמען פֿון אײַער גאָט אין מײַן אַרכיוו און ניט געפֿונען.

האָט געזאָגט ר׳ לוי: — אַ משל, צו וואָס די זאַך איז געגליכן? צו אַ כּהן, וואָס האָט געהאַט אַ קנעכט אַ נאַר. איז דער כּהן איינמאָל אַוועק אין אויסלאַנד. איז דער קנעכט געגאַנגען זוכן זײַן האַר אויף דעם בית־עולם. האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַען צו די מענטשן וואָס זײַנען דאָרטן געשטאַנען: — האָט איר דאָ ניט געזען מײַן האַר?

זאָגן זײ צו אים: — און ווער איז ער, דײַן האַר?

זאָגט ער זײ: — יענער און יענער כּהן.

זאָגן זײ אים: — נאַר פֿון דער וועלט, אַ כּהן זוכסטו אויף אַ בית־הקבֿרות? (אַ כּהן טאָר ניט גיין אויף אַ בית־עולם).

אַזוי האָבן משה און אַהרן געזאָגט צו פּרעהן: — נאַר, זוכט מען דען אַ לעבעדיקן צווישן טויטע? די געטער וואָס בײַ דיר זײַנען דאָך טויטע און אונדזער גאָט איז דאָך דער גאָט פֿון לעבן און דער קיניג פֿון גאָר דער וועלט.

זאָגט צו זײ פּרעה: — איז ער יונג אָדער אַלט? וויפֿל יאָר איז אים? וויפֿל שטעט האָט ער אײַנגענומען? וויפֿל לענדער האָט ער באַצוווּנגען? וויפֿל יאָר איז שוין ווי ער איז געוואָרן קיניג?

זאָגן זײ צו אים: — אונדזער גאָט, זײַן כּוח און זײַן גבֿורה זײַנען פֿול גאָר דער וועלט. ער איז געווען נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפֿן

*) פאַראַן אַ שײנקייט פון פוץ און צירונג, אָנגעטאָן אויף אַ מענטשן. און פאַראַן אַ שײנקייט וואָס גלאַנצט פון אינעווייניק, פון די מענטשן גופא, פון זײער גײַסט אַרויס.

הָעוֹלָם, וְהוּא יְצָרְךָ וְנָתַן בְּךָ רוּחַ חַיִּים. אָמַר לָהֶם: וּמַה מַעֲשָׂיו? אָמְרוּ לוֹ: נוֹטֶה שָׁמַיִם וְיוֹסֵד אָרֶץ, קוֹלוֹ חוֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ, מְפָרֵק הָרִים וּמְשַׁבֵּר סְלָעִים, קַשְׁתּוֹ אֵשׁ, חִצָּיו שַׁלְהֶבֶת, רָמְחוֹ לַפִּיד, מָגִנּוֹ עֲנָנִים, חַרְבּוֹ בָּרָק, יוֹצֵר הָרִים וּגְבָעוֹת, מְכַסֶּה שָׁמַיִם בְּעָבִים, מוֹרִיד גְּשָׁמִים וּטְלָלִים וּמַפְרִיחַ דְּשָׁאִים, מֵסִיר מְלָכִים וּמֵקִים מְלָכִים. אָמַר לָהֶם: מִתְּחִלָּה שֶׁקֶר אַתֶּם אוֹמְרִים, כִּי אֲנִי הוּא אֲדוֹן הָעוֹלָם וַאֲנִי בָּרָאתִי עַצְמִי וְאֶת נִילוֹס. בְּאוֹתָהּ שָׁעָה קִבֵּץ כָּל חַכְמֵי מִצְרַיִם, אָמַר לָהֶם: שְׁמַעְתֶּם שְׁמוֹ שֶׁל אֱלֹהֵיהֶם שֶׁל אֵלּוּ? אָמְרוּ לוֹ: שָׁמַעְנוּ שֶׁהוּא „בֶּן חֲכָמִים וּבֶן מַלְכֵי קֶדֶם". הֱשִׁיבָם: אֱלֹהַּ שֶׁלָּכֶם אֵינִי יוֹדֵעַ מִי הוּא — „מִי יְיָ אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקוֹלוֹ"?!

## הַשּׁוֹטְרִים הַמֻּכִּים.

„וַיֻּכּוּ שׁוֹטְרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" — מִנָּה אֶת הַנּוֹגְשִׂים שֶׁל מִצְרַיִם עַל הַשּׁוֹטְרִים שֶׁל יִשְׂרָאֵל, וְהַשּׁוֹטְרִים נִתְמַנּוּ עַל יֶתֶר הָעָם, וּכְשֶׁאָמַר לָהֶם: „לֹא תוֹסִיפוּן לָתֵת תֶּבֶן לָעָם", הָיוּ הַנּוֹגְשִׂים בָּאִים וּמוֹנִים הַלְּבֵנִים; נִמְצְאוּ חֲסֵרוֹת, הָיוּ הַנּוֹגְשִׂים מַכִּים אֶת הַשּׁוֹטְרִים, וְהַשּׁוֹטְרִים הָיוּ מֻכִּים עַל יֶתֶר הָעָם וְלֹא הָיוּ מוֹסְרִים אוֹתָם בְּיַד הַנּוֹגְשִׂים. אָמְרוּ: מוּטָב לָנוּ לִלְקוֹת, וְלֹא יִלָּקֶה יֶתֶר הָעָם. לְפִיכָךְ כְּשֶׁאָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְמֹשֶׁה: „אֶסְפָה לִּי שִׁבְעִים אִישׁ", אָמַר מֹשֶׁה: רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, אֵינִי יוֹדֵעַ מִי רָאוּי וּמִי אֵינוֹ רָאוּי. אָמַר לוֹ: „אֲשֶׁר יָדַעְתָּ, כִּי הֵם זִקְנֵי הָעָם וְשׁוֹטְרָיו" — אוֹתָם הַשּׁוֹטְרִים שֶׁמָּסְרוּ עַצְמָם לִלְקוֹת עֲלֵיהֶם בְּמִצְרַיִם בְּמַתְכֹּנֶת הַלְּבֵנִים, הֵם יָבֹאוּ וְיִטְּלוּ בִּגְדוּלָּה זוֹ.

געוואָרן און ער וועט זײַן צום סוף פֿון גאָר דער וועלט; ער האָט דיך באַשאַפֿן און אין דיר אַרײַנגעגעבן אַ גײַסט פֿון לעבן.

זאָגט ער (פּרעה) צו זיי: — און וואָס טוט ער?

זאָגן זיי אים: — ער שפּרייט די הימלען אויס, ער גרונטפֿעסטיקט די ערד; זײַן קול שלאָגט אַרויס פֿלאַם־פֿײַערן; ער רײַסט אויס בערג און צעשמעטערט פֿעלדזן; זײַן בויגן איז פֿײַער; זיינע פֿײַלן — פֿלאַמען; זײַן שפּיז — אַ גלי־צונג; זײַן פּאַנצער — וואָלקן; זײַן שווערד — דער בליץ; ער שאַפֿט בערג און בערגלעך, באַדעקט די הימלען מיט וואָלקנס; ער מאַכט פֿאַלן רעגנס און טויען און מאַכט בליִען די גראָזן; ער מאַכט קיניגן אויס און ער שטעלט אַן קיניגן . . .

זאָגט ער צו זיי: — פֿון אָנהויב אָן זאָגט איר ליגן, ווײַל איך בין דאָך דער האַר פֿון דער וועלט; איך האָב באַשאַפֿן זיך און דעם נילוס.

אין יענער צײַט האָט ער צונויפֿגעקליבן אַלע געלערנטע פֿון מצרים און זאָגט צו זיי: — האָט איר געהערט דעם נאָמען פֿון דעם גאָט פֿון די לײַט?

זאָגן זיי: — מיר האָבן געהערט אַז ער איז „אַ זון פֿון געלערנטע און אַ זון פֿון פֿאַרצײַטיקע מלכים".

האָט ער געענטפֿערט זיי (משה און אהרון): — דעם גאָט אײַערן, ווייס איך ניט ווער עס איז — „ווער איז עס גאָט, איך זאָל זיך צוהערן צו זײַן שטימע"?!

סא

# די געשלאָגענע אויפֿזעער

„און די ייִדישע אויפֿזעער זײַנען געשלאָגן געוואָרן". — מען האָט באַשטימט מצרישע באַצווינגער אויף די ייִדישע אויפֿזעער, און די אויפֿזעער זײַנען באַשטימט געוואָרן אויף דעם איבעריקן פֿאָלק. און אַז מען האָט זיי אָנגעזאָגט: — „איר זאָלט מער ניט געבן קיין שטרוי דעם פֿאָלק", פֿלעגן קומען די באַצווינגער און ציילן די ציגל; ווען עס פֿלעגט אויסגעפֿונען ווערן, אַז עס פֿעלט, פֿלעגן די באַצווינגער שלאָגן די אויפֿזעער. און די אויפֿזעער פֿלעגן געשלאָגן ווערן פֿאַר דעם איבעריקן פֿאָלק, און זיי פֿלעגן קיינעם ניט איבערגעבן צו די באַצווינגער.

זיי פֿלעגן זאָגן: — בעסער מיר זאָלן געשלאָגן ווערן און זאָל דאָס פֿאָלק ניט ווערן געשלאָגן.

און דערפֿאַר ווען גאָט האָט געזאָגט צו משהן: — קלײַב מיר צונויף זיבעציק מאַן.

האָט משה געזאָגט: — רבונו של עולם! איך ווייס ניט ווער עס איז ווערט און ווער איז ניט ראוי.

זאָגט ער אים: — וואָס דו ווייסט, אַז זיי זײַנען די זקנים פֿון פֿאָלק און זײַנע אויפֿזעער — אָט די אויפֿזעער וואָס האָבן זיך מוסר־נפֿש געווען געשלאָגן צו ווערן אין מצרים פֿאַר דער צאָל ציגל, זאָלן זיי קומען איצט און נעמען די גדולה (כּבֿוד).

## אֵימָתַי נִגְזַר גְּזַר־דִּין עַל מִצְרַיִם?

„וְעַתָּה לְכוּ עִבְדוּ וְתֶבֶן לֹא יִנָּתֵן לָכֶם" – הָיוּ יִשְׂרָאֵל מְקוֹשְׁשִׁים אֶת הַקַּשׁ בַּמִּדְבָּר וְרוֹמְסִים בַּחֹמֶר וּבַקַּשׁ; הָיָה הַקַּשׁ נוֹקֵב אֶת עִקְבֵיהֶם וְהַדָּם מִתְבּוֹסֵס בַּחֹמֶר. רָחֵל בַּת בְּנוֹ שֶׁל שׁוּתֶלַח הָיְתָה הָרָה לָלֶדֶת וְרָמְסָה בְּחֹמֶר עִם בַּעְלָהּ וְיָצָא הַוָּלָד וְנִתְעָרֵב בְּתוֹךְ הַמַּלְבֵּן. וְיָרַד מִיכָאֵל וְהֶעֱלָהוּ לִפְנֵי כִּסֵּא־הַכָּבוֹד – בְּאוֹתוֹ לַיְלָה נִגְזַר גְּזַר־דִּין עַל מִצְרַיִם.

## בֵּין הָרוֹעֶה וּבֵין הַזְּאֵב.

„לָתֶת חֶרֶב בְּיָדָם לְהָרְגֵנוּ" – אָמְרוּ לוֹ לְמֹשֶׁה: לְמָה אָנוּ דוֹמִים? לְשֶׂה שֶׁבָּא הַזְּאֵב לִטּוֹל אוֹתוֹ. רָץ הָרוֹעֶה אַחֲרָיו לְהַצִּילוֹ מִפִּי הַזְּאֵב. בֵּין הָרוֹעֶה וּבֵין הַזְּאֵב נִבְקַע הַשֶּׂה. כָּךְ אָמְרוּ יִשְׂרָאֵל: מֹשֶׁה, בֵּינְךָ לְבֵין פַּרְעֹה אָנוּ מֵתִים.

## תֶּבֶן לְעֳפְרַיִם.

„וַיַּשְׁלֵךְ אַהֲרֹן אֶת מַטֵּהוּ... וַיִּקְרָא גַּם פַּרְעֹה לַחֲכָמִים וְלַמְּכַשְּׁפִים" – בְּאוֹתָהּ שָׁעָה הִתְחִיל פַּרְעֹה מְשַׂחֵק עֲלֵיהֶם וּמְקַרְקֵר אַחֲרֵיהֶם כְּתַרְנְגֹלֶת, וְאוֹמֵר לָהֶם: כָּךְ אוֹתוֹתָיו שֶׁל אֱלֹהֵיכֶם! בְּנוֹהַג שֶׁבָּעוֹלָם, בְּנֵי אָדָם מוֹלִיכִים פְּרַקְמַטְיָא לְמָקוֹם שֶׁצְּרִיכִים לָהּ. כְּלוּם מְבִיאִין מוּרְיָיס לְאִסְפַּמְיָא, דָּגִים לְעַכּוֹ?... אֵין אַתֶּם יוֹדְעִים שֶׁכָּל הַכְּשָׁפִים בִּרְשׁוּתִי הֵם? מִיָּד שָׁלַח וְהֵבִיא תִּינוֹקוֹת מִן אַסְכּוֹלֵי שֶׁלָּהֶם וְעָשׂוּ אַף הֵם כָּךְ; וְלֹא עוֹד, אֶלָּא קָרָא לְאִשְׁתּוֹ וְעָשְׂתָה כָּךְ. „וַיַּשְׁלִיכוּ אִישׁ מַטֵּהוּ" – אָמְרוּ יוֹחָנֵי וּמַמְרֵא לְמֹשֶׁה: תֶּבֶן אַתָּה מַכְנִיס לְעֳפְרַיִם! אָמַר לָהֶם מֹשֶׁה: „לְעִיר שֶׁל יְרָקוֹת הָבֵא יְרָקוֹת".

סב

## ווען איז באַשטימט געוואָרן דער גזר־דין אויף מצרים

„און איצט גייט אַרבעט, אָבער קיין שטרוי וועט אײַך ניט געגעבן ווערן". — פּלעגן די ייִדן קלײַבן שטרוי אין מדבר און מיט די פֿיס אײַנטרעטן דעם ליים מיט דעם שטרוי. פּלעגט דער שטרוי זיי צעלעכערן די פֿיס און דאָס בלוט פּלעגט זיך צונויפֿמישן מיטן ליים.

רחל, די טאָכטער פֿון שותלחס זון, איז געווען שוואַנגער פֿאַר דעם געבורט און זי האָט געטראָטן דעם ליים צוזאַמען מיט איר מאַן. איז אַרויס דאָס קינד און זיך פֿאַרמישט אין דעם ליים־גרוב.

איז אַראָפּ מיכאל דער מלאך און אַרויפֿגענומען דאָס קינד פֿאַר גאָטס כּסא הכּבֿוד. — אין יענער נאַכט איז באַשטימט געוואָרן די שטראָף פֿאַר מצרים.

סג

## צווישן דעם פּאַסטוך און דעם וואָלף

„. . . צו געבן אַ שווערד אין זייער האַנט אונדז צו הרגענען".

די ייִדן האָבן געזאָגט: — צו וואָס זײַנען מיר געגליכן? צו אַ שעפּעלע וואָס אַ וואָלף איז געקומען און אים געכאַפּט. איז געלאָפֿן דער פּאַסטוך נאָך אים צו ראַטעווען פֿון וואָלפֿס מויל. צווישן דעם וואָלף און דעם פּאַסטוך איז דאָס שעפּעלע צעריסן געוואָרן.

אַזוי האָבן געזאָגט די ייִדן: — משה, צווישן דיר און פּרעהן קומען מיר אום.

סד

## שטרוי קיין עפֿרים *)

„און אַהרון האָט אַ וואָרף געטאָן זײַן שטעקן". . . האָט פּרעה אויך גערופֿן זײַנע געלערנטע כּישוף־מאַכער, — אין יענעם מאָמענט האָט פּרעה גענומען לאַכן פֿון זיי און זיי נאָכקוואַקען ווי אַ הון און ער זאָגט זיי:

— דאָס זײַנען די סימנים פֿון אײַער גאָט! די וועלט פֿירט זיך אַז מענטשן שיקן סחורה אין אַן אָרט וווּ מען דאַרף זי. ברענגט מען דען זאַלץ־לויִג קיין אַספּמיא אָדער פֿיש קיין עכּו? ווייסט איר דען ניט אַז גאָר די כּישוף איז אין מײַנע הענט? באַלד האָט ער געשיקט ברענגען די קינדער פֿון זייערע שולן און זיי האָבן אויך געמאַכט אַזוי.

און נאָך וואָס: ער האָט גערופֿן זײַן ווײַב, האָט זי אויך עס געמאַכט: איטלעכער האָט געוואָרפֿן זײַן שטעקן.

האָבן יוחני און ממרא געזאָגט צו משהן: — וואָס, שטרוי ברענגסטו קיין עפֿרים?

האָט זיי משה געזאָגט: — „אין אַ שטאָט פֿון גרינס, ברענג גרינס".

---

*) עפֿרים — אַ שטאָט מיט אַ סך שטרוי; אַספּמיא און עכּו — שטעט מיט אַ סך פֿיש: יוחני און ממרא — צוויי כּישוף־מאַכער.

# מַכַּת דָּם.

„וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל מֹשֶׁה אֱמֹור אֶל אַהֲרֹן" – אָמַר ר' תַּנְחוּם: לָמָּה לֹא לָקוּ הַמַּיִם עַל יְדֵי מֹשֶׁה? אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: הַמַּיִם שֶׁשְּׁמָרוּךָ כְּשֶׁהָשְׁלַכְתָּ לַיְאוֹר אֵינוֹ דִין שֶׁיִּלְקוּ עַל יָדְךָ; חַיֶּיךָ, לֹא יִלְקוּ אֶלָּא עַל יְדֵי אַהֲרֹן.

לָמָּה הֵבִיא עֲלֵיהֶם מַכַּת דָּם תְּחִלָּה? שֶׁהָיוּ פַּרְעֹה וְהַמִּצְרִים עוֹבְדִים לַיְאוֹר. אָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְמֹשֶׁה: לֵךְ וְהַכֵּה אֶת אֱלֹהֵיהֶם לִפְנֵיהֶם, שֶׁאֵין הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא נִפְרָע מִן הָאֻמָּה אֶלָּא אִם כֵּן נִפְרַע מֵאֱלֹהֶיהָ תְּחִלָּה.

„עַל נַהֲרֹתָם" – בְּכָל מָקוֹם שֶׁהָיוּ הַמַּיִם, נַעֲשׂוּ דָּם. „וְעַל כָּל מִקְוֵה מֵימֵיהֶם" – אֲפִילוּ מַה שֶּׁהָיָה בְּקִיתוֹן נַעֲשָׂה דָּם;

---

# עֶשֶׂר מַכּוֹת.

בְּטַכְסִיס שֶׁל מְלָכִים הֵבִיא הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא עֲלֵיהֶם אֶת הַמַּכּוֹת. מֶלֶךְ בָּשָׂר־וָדָם כְּשֶׁמְּדִינָה מוֹרֶדֶת עָלָיו מַה עוֹשֶׂה? מְשַׁלֵּחַ עָלֶיהָ לִגְיוֹנוֹת וְהֵם מַקִּיפִים עָלֶיהָ. בַּתְּחִלָּה סוֹכֵר אֶת הַמַּיִם שֶׁלָּהֶם; חָזְרוּ – מוּטָב, וְאִם לָאו מֵבִיא עֲלֵיהֶם קוֹלָנִים; חָזְרוּ – מוּטָב, וְאִם לָאו יוֹרֶה בָּהֶם חִצִּים; חָזְרוּ – מוּטָב, וְאִם לָאו מֵבִיא עֲלֵיהֶם בַּרְבָּרִים; חָזְרוּ – מוּטָב, וְאִם לָאו מֵבִיא עֲלֵיהֶם דּוֹרְמָסְיוֹת; חָזְרוּ – מוּטָב, וְאִם לָאו זוֹרֵק בָּהֶם נֵפְטְ; חָזְרוּ – מוּטָב, וְאִם לָאו מַשְׁלִיךְ עֲלֵיהֶם אַבְנֵי בַּלִּסְטְרָאוֹת; חָזְרוּ – מוּטָב, וְאִם לָאו מְגָרֶה בָּהֶם אוּכְלוּסִין הַרְבֵּה; חָזְרוּ – מוּטָב, וְאִם לָאו אוֹסֵר אוֹתָם בְּבֵית־הָאֲסוּרִים; חָזְרוּ – מוּטָב, וְאִם לָאו הוֹרֵג גְּדוֹלִים שֶׁבָּהֶם. כָּךְ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא. בַּתְּחִלָּה סָכַר אֶת הַמַּיִם שֶׁלָּהֶם – „וַיַּהֲפֹךְ לְדָם יְאֹרֵיהֶם"; לֹא חָזְרוּ, הֵבִיא עֲלֵיהֶם

סה

# די מכּה פֿון בלוט

"און גאָט האָט געזאָגט צו משהן, זאָג אהרונען".

האָט געזאָגט ר' תּנחום: — פֿאַרוואָס זײַנען וואַסערן ניט געשלאָגן געוואָרן דורך משהן? ווײַל הקדוש ברוך הוא האָט אים געזאָגט: — דאָס וואַסער וואָס האָט דיך אָפּגעהיט ווען דו ביסט אַרײַנגוואָרפֿן געוואָרן אין וואַסער, איז ניט ריכטיק עס זאָל געשלאָגן ווערן דורך דיר; ווי דו לעבסט, זאָל עס געשלאָגן ווערן נאָר דורך אהרונען.

פֿאַרוואָס האָט ער אויף זיי געבראַכט די בלוט מכּה צוערשט? ווײַל פּרעה און די מצריים פֿלעגן דינען צום טײַך (ווי צו אַ גאָט). האָט גאָט געזאָגט צו משהן: — גיי און שלאָג זייער גאָר פֿאַר זיי אין די אויגן. דען הקדוש ברוך הוא רעכנט זיך ניט אָפּ מיט קיין פֿאָלק ווו ער רעכנט זיך צוערשט ניט אָפּ מיט זײַנע געטער.

---

"אין אַלע זייערע טײַכן". — אין איטלעכן אָרט ווו עס איז געווען וואַסער, איז עס געוואָרן בלוט. און אין אַלע וואַסער זאַמלונגען — אַפֿילו דאָס וואָס איז געווען אין אַ קרוג איז געוואָרן בלוט; אַפֿילו וואָס אַ מצרי פֿלעגט אויסשפּײַען פֿון מויל, פֿלעגט ווערן בלוט. דערפֿאַר איז געזאָגט: און עס איז געווען בלוט אין גאַנצן לאַנד מצרים.

סו

# די צען מכּות

לויט די וועגן פֿון מלכים האָט גאָט אויף זיי געבראַכט די מכּות. אַ מענטשלעכער קיניג וואָס טוט ווען אַ לאַנד שטייט אויף קעגן אים? — ער שיקט אויף דעם לעגיאָנען און זיי רינגלען זיי אַרום. צוערשט פֿאַרשפּאַרט ער (דעם צופֿלוס פֿון זייער) וואַסער. האָבן זיי חרטה געהאָט, איז גוט; ווערן ניט, — שיקט אויף זיי שרײַערס זיי צו פֿאַרטומלען; קערן זיי זיך אום — איז גוט; ווען ניט — שיסט ער אויף זיי פֿײַלן; קערן זיי זיך אום — איז גוט, אַלאַ ניט — שיקט ער אויף זיי באַרבאַרן; האָבן זיי חרטה — איז גוט; אַלאַ ניט — ברענגט ער אויף זיי אומברענגערס; האָבן זיי חרטה — איז גוט; אַלאַ ניט — שיסט ער אויף זיי מיט נאַפֿט (ברענענדיק אויל); קערן זיי זיך אום — איז גוט; אַלאַ ניט — שלײַדערט ער אויף זיי שלײַדער־שטיינער; האָבן זיי חרטה — איז גוט; אַלאַ ניט — רייצט ער אָן אויף זיי מאַסן אַ סך; קערן זיי זיך אום — איז גוט; אויב ניט — פֿאַרשפּאַרט ער זיי אין פֿעסטונגען; קערן זיי זיך אום — איז גוט; אַלאַ ניט — הרגעט ער די ווילטיקע פֿון זיי.

אַזוי האָט אויך גאָט געטאָן: צוערשט האָט ער פֿאַרשטאָפּט זייער וואַסער — "ער האָט זייערע טײַכן פֿאַרענדערט אויף בלוט". האָבן זיי זיך ניט געענדערט, — האָט ער אויף זיי געבראַכט שרײַערס — דאָס זײַנען

קוֹלָנִים – אֵלוּ הַצְּפַרְדְּעִים, שֶׁקִּרְקוּרָם הָיָה קָשֶׁה לָהֶם בְּיוֹתֵר, שֶׁהָיוּ נִכְנָסִים לְתוֹךְ כְּרֵסָם וְעוֹשִׂים „קוּקוּ"; לֹא חָזְרוּ, יָרָה עֲלֵיהֶם חִצִּים – אֵלוּ הַכִּנִּים, שֶׁהָיוּ נִכְנָסִין בְּגוּפָם שֶׁל מִצְרִים כְּחֵץ זֶה; לֹא חָזְרוּ, הֵבִיא עֲלֵיהֶם בַּרְבָּרִים – זֶה עָרוֹב; לֹא חָזְרוּ, הֵבִיא עֲלֵיהֶם דוּרְמָסְיוֹת – זֶה הַדֶּבֶר וְהָרַג אֶת מִקְנֵיהֶם; לֹא חָזְרוּ, זָרַק בָּהֶם נֶפְט – זֶה הַשְּׁחִין; לֹא חָזְרוּ, הִשְׁלִיךְ עֲלֵיהֶם אַבְנֵי בַּלִּסְטְרָאוֹת – זֶה הַבָּרָד; לֹא חָזְרוּ, גֵּרָה בָהֶם אוּכְלוֹסִין הַרְבֵּה – זֶה הָאַרְבֶּה; לֹא חָזְרוּ, חֲבָשָׁם בְּבֵית־הָאֲסוּרִים – זֶה הַחשֶׁךְ; לֹא חָזְרוּ, הָרַג גְּדוֹלִים שֶׁבָּהֶם, שֶׁנֶּאֱמַר: „וַיְיָ הִכָּה כָל בְּכוֹר".

## מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה.

כָּל מַה שֶּׁחָשְׁבוּ הַמִּצְרִים עַל יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא הֵבִיא עֲלֵיהֶם: חָשְׁבוּ שֶׁיִּהְיוּ שׁוֹאֲבִים מֵימֵיהֶם, לְפִיכָךְ – „וַיֵּהָפֵךְ לְדָם יְאוֹרֵיהֶם"; חָשְׁבוּ שֶׁיִּהְיוּ טוֹעֲנִים פְּרַגְמַטְיָהֶם, הֵבִיא עֲלֵיהֶם צְפַרְדְּעִים וְהָיוּ מְטָרְפִין אוֹתָם; חָשְׁבוּ שֶׁיִּהְיוּ עוֹשִׂים לָהֶם בָּאָרֶץ – הִרְחִישׁ אֶת הָאָרֶץ כִּנִּים; חָשְׁבוּ שֶׁיִּהְיוּ טוֹעֲנִים אֶת בְּנֵיהֶם כְּפַדְגּוֹג זֶה – שִׁלַּח בָּהֶם עָרוֹב: אֲרָיוֹת, זְאֵבִים נְמֵרִים וְדֻבִּים וּנְחָשִׁים. הָיָה לְמִצְרִי חֲמִשָּׁה בָנִים וְהָיָה נוֹתֵן לְיִשְׂרָאֵל לְהוֹצִיאָם לַשּׁוּק בְּיָדוֹ, בָּא אֲרִי נוֹטֵל אֶחָד, וּזְאֵב אֶחָד, דּוֹב אֶחָד, נָמֵר אֶחָד, נָחָשׁ־שָׂרָף אֶחָד. הָיָה יִשְׂרָאֵל נִכְנָס לְתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל מִצְרִי לְבַדּוֹ. אוֹמֵר לוֹ הַמִּצְרִי: הֵיכָן בָּנַי? אוֹמֵר לוֹ יִשְׂרָאֵל: שֵׁב וַאֲנִי אֶעֱשֶׂה לְךָ חֶשְׁבּוֹן: בָּא הָאֲרִי נָטַל אֶחָד וְהַזְּאֵב אֶחָד, הַדּוֹב אֶחָד וְהַנָּמֵר אֶחָד, וְנָחָשׁ־שָׂרָף אֶחָד. חָשְׁבוּ שֶׁיִּהְיוּ רוֹעִים אֶת מִקְנֵיהֶם – שִׁלַּח אֶת הַדֶּבֶר בְּמִקְנֵיהֶם; חָשְׁבוּ שֶׁיִּהְיוּ לָהֶם בַּלָּנִים – הֵבִיא עֲלֵיהֶם אֶת הַשְּׁחִין; חָשְׁבוּ לְסָקְלָם בַּאֲבָנִים – הֵבִיא עֲלֵיהֶם אֶת הַבָּרָד;

די פּרעש, וואָס זייער קוואַקען איז זיי געווען שטאַרק שווער (צו פֿאַרטראָגן), ווײַל זיי פֿלעגן אַרײַנקריכן אין זייער בויך און קוואַקען; האָבן זיי זיך ניט געענדערט, — האָט ער אויף זיי געשאָסן פּײַלן, דאָס זײַנען די לײַז וואָס פֿלעגן אַרײַנקריכן אין לײַב פֿון די מצריים אַט ווי פּײַלן; האָבן זיי זיך ניט געענדערט, — האָט ער ‏אַנגעבראַכט אויף זיי באַראַברן — דאָס איז דער ערוֹב; האָבן זיי זיך אַלץ ניט געענדערט, — האָט ער אָנגעבראַכט אויף זיי אומברענגען — דאָס איז דער פּעסט, וואָס האָט אויסגעהרגעט זייער פֿיך; האָבן זיי זיך דאָך ניט געקערט צוריק, — האָט ער אויף זיי געשפּריצט נאַפֿט — דאָס איז די קרעץ; האָבן זיי אַלץ זיך ניט געקערט, — האָט ער אויף זיי געשלײַדערט שלײַדער־שטיינער — דאָס איז דער האָגל; האָבן זיי נאָך אַלץ ניט חרטה געהאַט, — האָט ער אָנגעהייצט אויף זיי מאַסן אַ סך — דאָס איז דער היישעריק; האָבן זיי אַלץ זיך ניט געענדערט, — האָט ער זיי פֿאַרשפּאַרט אין פֿעסטונג — דאָס איז דער חושך; האָבן זיי דאָך זיך ניט אומגעקערט, — האָט ער דערהרגעט זייערע עלטסטע — ווי עס איז געזאָגט: „און גאָט האָט דערשלאָגן איטלעכן בכור".

סז

# מידה כנגד מידה

אַלץ וואָס די מצריים האָבן צוגעטראַכט אויף די ייִדן, האָט גאָט ברוך הוא געבראַכט אויף זיי: זיי האָבן געוואָלט די ייִדן זאָלן זײַן זייערע וואַסער־שעפּער, — דערפֿאַר — „און האָט זייערע טײַכן געענדערט אויף בלוט"; האָבן זיי געטראַכט די ייִדן זאָלן טראָגן זייערע סחורות, האָט ער אויף זיי געבראַכט די פּרעש, וואָס האָבן עס געשטערט; האָבן זיי געטראַכט זיי זאָלן זיי באַאַרבעטן זייער לאַנד, — האָט ער פֿאַרמערט אין דער ערד די לײַז; זיי האָבן געוואָלט די ייִדן זאָלן זיך פֿירן מיט זייערע קינדער ווי אַ פּעדאַגאָג *), — האָט ער אויף זיי געשיקט דעם ערוֹב: לייבן, וועלף, טיגערן, בערן און שלאַנגען. האָט אַ מצרי געהאַט פֿינף זין און ער האָט זיי איבערגעגעבן צו ייִדן זיי צו פֿירן אין מאַרק, איז געקומען אַ לייב — גענומען איינעם, אַ וואָלף — איינעם, אַ בער — איינעם, אַ טיגער — איינעם, און אַ שלאַנג — איינעם. געקומען דער ייִד צום מצרי אין הויז אַליין.

זאָגט אים דער מצרי: — ווּ זײַנען מײַנע קינדער?

ענטפֿערט אים דער ייִד: — זעץ זיך, און איך וועל דיר מאַכן דעם חשבון: געקומען אַ לייב, צוגענומען איינעם; **אַ וואָלף — איינעם; אַ בער — איינעם;** אַ טיגער — איינעם, און אַ שלאַנג — **איינעם.**

האָבן זיי געוואָלט די ייִדן זאָלן זײַן זייערע בעדער, — האָט ער אויף זיי געבראַכט די קרעץ; האָבן זיי געוואָלט זיי פֿאַרשטיינען, — האָט ער אויף זיי געבראַכט דעם האָגל; האָבן זיי געוואָלט מאַכן די ייִדן פֿאַר זייערע

*) פּעדאַגאָג — קינדער־פֿירער (גריכיש). ביי די פּאַרצייטיקע גריכן פֿלעגט עס זײַן אַ קנעכט וואָס טויג ניט פֿאַר אַרבעט.

חָשְׁבוּ שֶׁיִּהְיוּ כּוֹרְמֵיהֶם – הֵבִיא עֲלֵיהֶם אֶת הָאַרְבֶּה וְאָכַל אִילָנוֹתֵיהֶם; חָשְׁבוּ לְחָבְשָׁם בְּבֵית־הָאֲסוּרִים – הֵבִיא עֲלֵיהֶם אֶת הַחשֶׁךְ; חָשְׁבוּ לַהֲרֹג אוֹתָם – „וַיַּךְ הַכָּה כָּל בְּכוֹר"; חָשְׁבוּ לְשַׁקְּעָ אוֹתָם בַּמַּיִם – „וַנְעֵר פַּרְעֹה וְחֵילוֹ בְּיַם סוּף".

## דֶּרֶךְ הָרְשָׁעִים.

„וַיַּרְא פַּרְעֹה כִּי הָיְתָה הָרְוָחָה..." – כָּךְ דֶּרֶךְ הָרְשָׁעִים, כָּל זְמַן שֶׁהֵם בְּצָרָה הֵם מַכְנִיעִים עַצְמָם, וְכֵיוָן שֶׁהַצָּרָה עוֹבֶרֶת חוֹזְרִים לְקִלְקוּלָם.

## אֵשׁ וּבָרָד.

„וְאֵשׁ מִתְלַקַּחַת בְּתוֹךְ הַבָּרָד" – מָשָׁל לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה? לִשְׁנֵי לִגְיוֹנוֹת קָשִׁים שֶׁשּׂוֹנְאִים זֶה אֶת זֶה, לְיָמִים הִגִּיעַ זְמַן מִלְחַמְתּוֹ שֶׁל מֶלֶךְ. מֶה עָשָׂה הַמֶּלֶךְ? עָשָׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וְהָלְכוּ וְעָשׂוּ שְׁלִיחוּת הַמֶּלֶךְ. כָּךְ אֵשׁ וּבָרָד צְהִבִּים זֶה לָזֶה, כֵּיוָן שֶׁהִגִּיעַ זְמַן מִלְחָמָה שֶׁל מִצְרַיִם עָשָׂה הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וְהִכּוּ בְּמִצְרַיִם. הֱוֵי: „וַיְהִי בָרָד וְאֵשׁ מִתְלַקַּחַת בְּתוֹךְ הַבָּרָד". הָיָה מִצְרִי יוֹשֵׁב – נִכְוָה בַּבָּרָד, עוֹמֵד – נִכְוָה בָּאֵשׁ.

## שְׁלשֶׁת יְמֵי אֲפֵלָה.

„וַיְהִי חשֶׁךְ אֲפֵלָה בְּכָל אֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁלשֶׁת יָמִים" – בִּשְׁלשֶׁת יָמִים אֵלּוּ כָּל מִי שֶׁהָיָה יוֹשֵׁב – לֹא הָיָה יָכוֹל לַעֲמוֹד, וְהָעוֹמֵד – אֵינוֹ יָכוֹל לֵישֵׁב, וּמִי שֶׁהוּא רָבוּץ – לֹא הָיָה יָכוֹל לִזְקֹף.

אַרבעטער אין די ווײַנגערטנער, — האָט ער געבראַכט אויף זיי דעם הייִשעריק און ער האָט אָפּגעפרעסן זייערע ביימער; האָבן זיי געטראַכט צו פֿאַרשפּאַרן די ייִדן אין תּפֿיסה, — האָט ער אויף זיי געבראַכט דעם חושך; זיי האָבן געוואָלט זיי טייטן,—"און גאָט האָט דערשלאָגן זייערע אַלע עלטסטע"; האָבן זיי געוואָלט זיי דערטרינקען אין וואַסער, — "האָט ער פּרעהן און זײַן מיליטער אַרײַנגעשלײַדערט אין ים־סוף" *).

## סח

# דער וועג פֿון רשעים

"און פּרעה האָט דערזען, אַז עס איז געוואָרן פֿרײַער"... אָט אַזוי איז שוין דער גאַנג פֿון די רשעים: כּל־זמן זיי געפֿינען זיך אין אַ צרה, ווערן זיי אונטערטעניק, אָבער ווי נאָר די צרה גייט פֿאַרבײַ, קערן זיי זיך אום צו זייער שלעכטס.

## סט

# פֿײַער און האָגל

"און פֿײַער פֿלאַקערט אין דעם האָגל" — אַ משל צו וואָס איז די זאַך געגליכן? — צו צוויי שטאַרקע לעגיאָנערן, וואָס האָבן איינער דעם צווייטן פֿײַנט געהאַט. שפּעטער איז געקומען אַ צײַט ווען דעם מלך האָט געדאַרפֿט מלחמה האַלטן. וואָס־זשע האָט דער מלך געמאַכט (מיט זײַנע לעגיאָנערן)? — האָט ער געמאַכט שלום צווישן זיי. זײַנען זיי געגאַנגען און געטאָן די שליחות פֿון מלך.

אַזוי אויך זײַנען פֿײַער און האָגל קעגנער. ווען עס איז אָבער געקומען צו מלחמה פֿון מצרים, האָט גאָט ברוך הוא געמאַכט צווישן זיי שלום, און זיי האָבן געשלאָגן אין מצרים. עס איז געוואָרן: "און עס איז געווען אַ האָגל און אַ פֿײַער האָט געפֿלאַקערט אין האָגל". זיצט אַ מצרי — קלאַפּט אים דער האָגל; שטעלט ער זיך — ברײט אים דאָס פֿײַער.

## ע

# דרײַ טעג פֿינצטערניש

"און עס איז געווען חושך פֿינצטערניש אין גאַנצן לאַנד מצרים דרײַ טעג".

אין די דרײַ טעג ווער עס איז געזעסן, האָט ניט געקענט אויפֿשטיין; ווער עס איז געשטאַנען האָט זיך ניט געקענט זעצן, און ווער עס איז געלעגן — האָט זיך ניט געקענט שטעלן.

---

*) די צרות וואָס די הערשערישע פֿעלקער ברענגען אויף ייִדן קערן זיך סוף כּל סוף אום אויף זיי גופֿא.

בִּשְׁלֹשֶׁת יְמֵי אֲפֵלָה הָיָה הֶעָנָן מַחְשִׁיךְ לְמִצְרַיִם וּמֵאִיר לְיִשְׂרָאֵל, וְהָיוּ יִשְׂרָאֵל נִכְנָסִים לְבָתֵּיהֶם שֶׁל מִצְרַיִם וְהָיוּ רוֹאִים כָּל מַה שֶּׁיֵּשׁ לָהֶם. וּבְשָׁעָה שֶׁאָמַר לָהֶם הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא „וְיִשְׁאֲלוּ אִישׁ מֵאֵת רֵעֵהוּ..." – הָיוּ יִשְׂרָאֵל נִכְנָסִים אֵצֶל הַמִּצְרִים וְאָמַר כָּל אֶחָד וְאֶחָד לִשְׁכֵנוֹ: הַשְׁאִילֵנִי אוֹתוֹ הַכְּלִי שֶׁיֵּשׁ לְךָ. וְהוּא אוֹמֵר: אֵין לִי. וְיִשְׂרָאֵל אוֹמֵר לוֹ: אֲנִי יוֹדֵעַ שֶׁיֵּשׁ לְךָ, הֲרֵי הוּא בְּמָקוֹם פְּלוֹנִי. בְּאוֹתָהּ שָׁעָה הָיוּ הַמִּצְרִים אוֹמְרִים: אִם הָיוּ אֵלּוּ רוֹצִים לְשַׁקֵּר בָּנוּ – הָיוּ נוֹטְלִים אוֹתָם בִּימֵי הַחֹשֶׁךְ וְלֹא הָיִינוּ מַרְגִּישִׁים.

## כְּלֵי כֶסֶף וְזָהָב.

„דַּבֶּר נָא בְּאָזְנֵי הָעָם וְיִשְׁאֲלוּ" – אֵין „נָא" אֶלָּא לְשׁוֹן בַּקָּשָׁה. אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְמֹשֶׁה: בְּבַקָּשָׁה מִמְּךָ! לֵךְ וֶאֱמוֹר לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל: בְּבַקָּשָׁה מִכֶּם! שַׁאֲלוּ מִמִּצְרַיִם כְּלֵי כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב, שֶׁלֹּא יֹאמַר אוֹתוֹ צַדִּיק: „וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אוֹתָם" קִיֵּם בָּהֶם, „וְאַחֲרֵי כֵן יֵצְאוּ בִּרְכוּשׁ גָּדוֹל" לֹא קִיֵּם בָּהֶם. אָמְרוּ לוֹ: „וּלְוַאי שֶׁנֵּצֵא בְּעַצְמֵנוּ"... מָשָׁל לְאָדָם שֶׁהָיָה חָבוּשׁ בְּבֵית־הָאֲסִירִים, וְהָיוּ אוֹמְרִים לוֹ בְּנֵי אָדָם: לְמָחָר מוֹצִיאִים אוֹתְךָ מִבֵּית־הָאֲסוּרִים וְנוֹתְנִים לְךָ מָמוֹן הַרְבֵּה. וְאוֹמֵר לָהֶם: בְּבַקָּשָׁה מִכֶּם, הוֹצִיאוּנִי הַיּוֹם וְאֵינִי מְבַקֵּשׁ כְּלוּם.

## פַּרְעֹה מְחַזֵּר עַל הַפְּתָחִים.

„וַיִּקְרָא לְמֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן לַיְלָה" – הָיָה פַּרְעֹה מְחַזֵּר עַל פִּתְחֵיהֶם שֶׁל עֲבָדָיו וּמַעֲמִידָם כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִמְּקוֹמוֹ וְהוֹלֵךְ עִמָּהֶם וְקוֹרֵא בַּלַּיְלָה בְּכָל שׁוּק וָשׁוּק וְאוֹמֵר: הֵיכָן הוּא מֹשֶׁה,

אין די דריַ טעג פֿינצטערניש האָט דער וואָלקן פֿאַרפֿינצטערט די מצריים און באַלויכטן די ייִדן. פֿלעגן ייִדן אַריַנגיין אין מצרישע היַיזער און זען אַלץ וואָס עס איז פֿאַראַן ביַי זיי. און ווען גאָט האָט געזאָגט, אַז איטלעכער זאָל ליַיען ביַי זיַין פֿריַינד, זיַינען די ייִדן געגאַנגען צו די מצריים און יעדערער האָט געזאָגט צו זיַין שכן :

— ליַי מיר די און די זאַך וואָס דו האָסט.

און יענער זאָגט אים : — איך האָב ניט.

זאָגט אים דער ייִד : — איך ווייס אַז דו האָסט עס. עס געפֿינט זיך אין יענעם און יענעם אָרט.

האָבן די מצריים דעמאָלט געזאָגט : — אויב זיי וואָלטן געוואָלט אונדז נאַרן, וואָלטן זיי עס גענומען אין די טעג פֿון פֿינצטערניש און מיר וואָלטן ניט געפֿילט.

עא

## זילבערנע און גאָלדענע זאַכן

„רייד נאָר צום פֿאָלק זיי זאָלן ליַיען". — „נאָ" איז נאָר אַן אויסדרוק פֿון בקשה. וויַיל גאָט ברוך הוא האָט געזאָגט צו משה :

— איך בעט דיך : גיי, און זאָג די ייִדן : זיַיט אַזוי גוט ! ליַיט ביַי די מצריים זילבערנע און גאָלדענע זאַכן, כּדי יענער צדיק (אַבֿרהם אָבֿינו) זאָל ניט זאָגן: „מען וועט זיי פֿאַרשקלאַפֿן און פּיַיניקן" האָט ער אויף זיי יאָ מקיים געווען „און נאָכדעם וועלן זיי אַרויס מיט גרויס פֿאַרמעגן" *) האָט ער ניט מקיים געווען.

האָבן זיי געזאָגט צו אים :—„הלוואַי זאָלן מיר אַליין אַרויסגיין"...
אַ משל עס איז געגליכן צו אַ מענטשן וואָס איז געווען פֿאַרשפּאַרט אין תּפֿיסה און ליַיט זאָגן צו אים : — מאָרגן נעמט מען דיך אַרויס פֿון תּפֿיסה און מען גיט דיר אַ סך געלט.

ענטפֿערט ער : — טוט אַ טובֿה און לאָזט מיך היַינט אַרויס און איך בעט ביַי אייַך גאָרניט.

עב

## פּרעה גייט איבער די היַיזער

„און ער האָט גערופֿן משהן און אהרונען ביַינאַכט". — פּרעה האָט זיך געלאָזט איבער די היַיזער פֿון זיַינע קנעכט, האָט זיי איטלעכן אויפֿגעהויבן פֿון זיַין אָרט, געגאַנגען מיט זיי און האָט גערופֿן איבער יעדן מאַרק :

---

*) פֿון גאָטס צוזאָג צו אַבֿרהמען — ביי דעם „בונט צווישן די שטיקער" ברית בין הבתרים (בראשית, טו' 13, 14).

וְהֵיכָן הוּא דָר? וְהָיוּ בְנֵיהֶם שֶׁל יִשְׂרָאֵל מְשַׂחֲקִים בּוֹ, וְאוֹמְרִים לוֹ: „פַּרְעֹה, לְהֵיכָן אַתָּה הוֹלֵךְ?" וְהוּא אוֹמֵר לָהֶם: אֶת מֹשֶׁה אֲנִי מְבַקֵּשׁ. וְהֵם אוֹמְרִים לוֹ: „כָּאן הוּא דָר", — וּמְשַׂחֲקִים בּוֹ, עַד שֶׁמְּצָאוֹ לְמֹשֶׁה. אָמַר לוֹ פַּרְעֹה: „קוּמוּ צְאוּ מִתּוֹךְ עַמִּי". אָמַר לוֹ מֹשֶׁה: וְכִי גַנָּבִים אָנוּ שֶׁנֵּצֵא בַּלַּיְלָה? כָּךְ צִוָּנוּ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: „לֹא תֵצְאוּ אִישׁ מִפֶּתַח בֵּיתוֹ עַד בֹּקֶר", — לֹא נֵצֵא אֶלָּא בְיָד רָמָה לְעֵינֵי כָל מִצְרָיִם.

---

## אֲרוֹנוֹ שֶׁל יוֹסֵף.

„וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף עִמּוֹ" — שָׁנוּ חֲכָמִים: בֹּא וּרְאֵה כַּמָּה חֲבִיבוֹת מִצְוֹת עַל מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, שֶׁכָּל יִשְׂרָאֵל כֻּלָּם נִתְעַסְּקוּ בַבִּזָּה וְהוּא נִתְעַסֵּק בְּמִצְוֹת. וּמִנַּיִן הָיָה יוֹדֵעַ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הֵיכָן יוֹסֵף קָבוּר? אָמְרוּ: סֶרַח בַּת אָשֵׁר נִשְׁתַּיְּרָה מֵאוֹתוֹ הַדּוֹר; הָלַךְ מֹשֶׁה אֶצְלָהּ, אָמַר לָהּ: כְּלוּם אַתְּ יוֹדַעַת הֵיכָן יוֹסֵף קָבוּר? אָמְרָה לוֹ: אֲרוֹן שֶׁל מַתֶּכֶת עָשׂוּ לוֹ מִצְרִים וְשִׁקְּעוּהוּ שָׁם בְּתוֹךְ נִילוּס, כְּדֵי שֶׁיִּתְבָּרְכוּ מֵימָיו. וְעוֹד שֶׁאָמְרוּ הַחַרְטֻמִּים לְפַרְעֹה: רְצוֹנְךָ שֶׁלֹּא תֵצֵא אֻמָּה זוֹ מִכָּאן לְעוֹלָם — הָעֲצָמוֹת שֶׁל יוֹסֵף, אִם לֹא יִמְצְאוּ אוֹתָן, עַד עוֹלָם אֵינָם יְכוֹלִים לָצֵאת.

הָלַךְ מֹשֶׁה וְעָמַד עַל שְׂפַת נִילוּס, וְצָעַק וְאָמַר: יוֹסֵף, יוֹסֵף! הִגִּיעָה הָעֵת שֶׁהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא גוֹאֵל אֶת יִשְׂרָאֵל וְהִגִּיעָה הַשְּׁבוּעָה שֶׁהִשְׁבַּעְתָּ אֶת יִשְׂרָאֵל. תֵּן כָּבוֹד לַה' אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל! הַשְּׁכִינָה מְעֻכֶּבֶת לְךָ, יִשְׂרָאֵל מְעֻכָּבִים לְךָ וְעַנְנֵי־כָבוֹד מְעֻכָּבִים לְךָ. אִם אַתָּה מַרְאֶה עַצְמְךָ — מוּטָב, וְאִם לָאו הֲרֵי אָנוּ נְקִיִּים מִשְּׁבוּעָתְךָ. מִיַּד הִתְחִיל אֲרוֹנוֹ שֶׁל יוֹסֵף מְפַעְפֵּעַ, וְצָף וְעָלָה מִן הַתְּהוֹמוֹת כְּקָנֶה.

— ווּ איז משה און ווּ וואוינט ער ?

האבן יידישע קינדער פון אים געלאכט און געזאגט צו אים : — ווּהין גייסטו ?

און ער זאגט זיי : — משהן זוך איך.

און זיי ענטפערן אים : — אט דא וווינט ער, — און זיי האבן געלאכט פון אים ביז ער האט געפונען משהן.

זאגט ער : — שטייט אויף און גייט ארויס פון מיין פאלק.

זאגט צו אים משה : — זיינען מיר דען גנבים, מיר זאלן זיך לאזן ארויסגיין ביינאכט ? אזוי האט אונדז גאט אנגעזאגט : „איר זאלט ניט ארויסגיין קיינער פון זיין הויז־טיר ביזן פרימארגן", — מיר וועלן זיך ניט לאזן גיין נאר עפנטלעך, פאר די אויגן פון גאנץ מצרים.

עג

## יוספס ארון

„און משה האט גענומען דיביינער פון יוסף מיט אים".—די חכמים האבן געלערנט : — קום און זע ווי ליב עס זיינען געווען מצוות ביי משה רבינו, דען אלע יידן האבן זיך פארנומען מיט רויב און ער האט זיך אפגעגעבן מיט מצוות.

און פון וואנען האט משה געוווּסט ווּ יוסף איז באגראבן ? מען זאגט : סרח בת אשר איז געבליבן פון יענעם דור. איז משה אוועק צו איר און איר געזאגט :

— צי ווייסטו ניט ווּ יוסף איז באגראבן ?

האט זי אים געזאגט : — די מצריים האבן אים געמאכט אַ ארון פון מעטאל און אים אראפגעלאזט אין נילוס, כדי זיינע וואסערן זאלן געבענטשט ווערן.

און ווידער האבן די חרטומים געזאגט צו פרעהן : — ווילסטו, אַז דאס פאלק זאל ניט ארויס פון דאנען אייביק — איז אט, די ביינער פון יוספן. אויב זיי וועלן זיי ניט געפינען, וועלן זיי אייביק ניט קענען ארויסגיין.

איז משה אוועק און זיך געשטעלט ביים ברעג פון נילוס, האט געשריען און געזאגט : — יוסף, יוסף ! עס איז געקומען די צייט, וועז הקדוש ברוך הוא לייזט אויס די יידן און עס איז געקומען די צייט פון דיין שבועה וואס דו האסט באשווארן די יידן (אריבערצופירן זיינע ביינער קיין ארץ־ישראל). גיב כבוד פאר דעם גאט פון די יידן, ווייל די שכינה ווערט פארהאלטן צוליב דיר, יידן ווערן פארהאלטן, די וואלקנס פון גאטס כבוד זיינען פארהאלטן. ווייזטו זיך — איז גוט, און אויב ניט, זיינען מיר ריין פון דיין שבועה.

באלד האט יוספס ארון גענומען זיך בלעזלען, ער איז ארויפגעשווומען ארויף פון דעם תהום, אט אזוי ווי אַ שטעקל.

רַבִּי נָתָן אוֹמֵר: בְּקִבְרוֹת שֶׁל מְלָכִים הָיָה קָבוּר, הָלַךְ מֹשֶׁה וְעָמַד עַל קִבְרוֹת שֶׁל מְלָכִים. אָמַר: יוֹסֵף, הִגִּיעָה הָעֵת שֶׁנִּשְׁבַּע הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לִגְאֹל אֶת יִשְׂרָאֵל וְהִגִּיעָה הַשְּׁבוּעָה שֶׁהִשְׁבַּעְתָּ אֶת יִשְׂרָאֵל; אִם אַתָּה מַרְאֶה עַצְמְךָ — מוּטָב. וְאִם לָאו הֲרֵי אָנוּ נְקִיִּים מִשְּׁבוּעָתֶךָ. בְּאוֹתָהּ שָׁעָה נִזְדַּעְזֵעַ אֲרוֹנוֹ שֶׁל יוֹסֵף. נְטָלוֹ מֹשֶׁה וֶהֱבִיאוֹ אֶצְלוֹ.

וְכָל אוֹתָן שָׁנִים שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר הָיוּ אֲרוֹנוֹ שֶׁל יוֹסֵף וַאֲרוֹן שֶׁל שְׁכִינָה מְהַלְּכִים זֶה עִם זֶה, וְהָיוּ עוֹבְרִים וְשָׁבִים אוֹמְרִים: מַה טִּיבָם שֶׁל שְׁנֵי אֲרוֹנוֹת הַלָּלוּ? אָמְרוּ: אֶחָד שֶׁל מֵת וְאֶחָד שֶׁל חַי הָעוֹלָמִים. — „וְכִי מַה דַּרְכּוֹ שֶׁל מֵת לְהַלֵּךְ עִם חֵי הָעוֹלָמִים?" — אָמְרוּ: קִיֵּם זֶה כָּל מַה שֶּׁכָּתוּב בָּזֶה.

---

„אֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף" — מוֹשְׁלִים אוֹתוֹ, לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה? לְלִסְטִים שֶׁנִּכְנְסוּ לְמַרְתֵּף שֶׁל יַיִן, נָטְלוּ קַנְקַן אֶחָד וְשָׁתוּ. הֵצִיץ עֲלֵיהֶם בַּעַל הַמַּרְתֵּף. אָמַר לָהֶם: יֶעֱרַב לָכֶם, יְבֻשַּׂם לָכֶם, יִמְתַּק לָכֶם! שְׁתִיתֶם אֶת הַיַּיִן — הַחֲזִירוּ אֶת הַקַּנְקַן לִמְקוֹמוֹ. כָּךְ אָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לַשְּׁבָטִים: מְכַרְתֶּם אֶת יוֹסֵף — הַחֲזִירוּ עַצְמוֹתָיו לִמְקוֹמָן.

---

## בִּזְכוּת מָה נִגְאֲלוּ יִשְׂרָאֵל.

בִּזְכוּת אַרְבָּעָה דְּבָרִים נִגְאֲלוּ יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם: שֶׁלֹּא שִׁנּוּ אֶת שְׁמָם, וְלֹא שִׁנּוּ אֶת לְשׁוֹנָם, וְלֹא גִּלּוּ מִסְתּוֹרִין שֶׁלָּהֶם וְלֹא בִּטְּלוּ אֶת הַמִּילָה.

---

רבי נתן זאגט : — ער איז געווען באגראבן אין קיניגלעכע קברים. איז משה אוועק צו די קיניגלעכע קברים. ער האט געזאגט :

— יוסף, עס איז געקומען די צייט וואס גאט האט געשווארן אויס־צולייזן די יידן און עס איז געקומען די שבועה וואס דו האסט באשווארן די יידן, ווייזטו זיך — איז גוט, און אויב ניט, זיינען מיר ריין פון דיין שבועה.

אין יענער צייט האט יוספס ארון א ציטער געטאן. האט אים משה גענומען און געבראכט צו זיך.

---

און אלע יארן וואס די יידן זיינען געווען אין מדבר, זיינען דער ארון פון יוספן און דער ארון פון דער שכינה געגאנגען איינער לעבן צווייטן.

פלעגן פארבייגייער זאגן : — וואס גוטס איז אין די צוויי קאסטנס ?

פלעגט מען זיי זאגן : — איינער איז פון א געשטארבענעם און דער צווייטער — פון דעם וואס לעבט אייביק.

— איז דען דער שטייגער פון א טויטן צו גיין צוזאמען מיט דעם וואס לעבט אייביק ?

האט מען געזאגט : — דער האט מקיים געווען וואס עס איז געזאגט ביי דעם.

---

"יוספס ביינער". — מען פארגלייכט עס צו וואס דאס איז געגליכן : צו גזלנים, וואס זיינען אריין אין א וויין־קעלער, גענומען א קרוג און געטרונקען. דערזעט עס דער בעל־הבית פון קעלער.

— זאגט ער צו זיי : — האט הנאה, צו געזונט אייך, זאל אייך זיס זיין ! האט איר אבער אויסגעטרונקען דעם וויין, קערט־זשע אום דעם קרוג צוריק אויף זיין ארט.

אזוי האט אויך גאט געזאגט צו די שבטים : — איר האט פארקויפט יוספן, — קערט־זשע אום כאטש זיינע ביינער צו זייער ארט.

ער

## צוליב וואסער זכות זיינען יידן אויסגעלייזט געווארן

אין זכות פון פיר זאכן זיינען יידן אויסגעלייזט געווארן פון מצרים: ווייל זיי האבן ניט געענדערט זייער נאמען, זיי האבן ניט געענדערט זייער לשון, זיי האבן ניט אנטפלעקט זייערע אייגנטימלעכקייטן און ניט מבטל געווען דעם ברית מילה.

## עֹנֶשׁ מְשֻׁלָּשׁ.

„וַיְהִי בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה", וּלְהַלָּן הוּא אוֹמֵר: „וְגַם אֶת יִשְׂרָאֵל לֹא אֲשַׁלֵּחַ", וְכָאן הוּא מְשַׁלֵּחַ? — מָשָׁל לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה?

לְאֶחָד שֶׁאָמַר לְעַבְדּוֹ: צֵא וְהָבֵא לִי דָּג מִן הַשּׁוּק. יָצָא וְהֵבִיא לוֹ דָּג מַבְאִישׁ. אָמַר לוֹ: בִּגְזֵרָה, אֵין אַתָּה יוֹצֵא מֵאַחַת מִשָּׁלֹשׁ: אוֹ הַדָּג אַתָּה אוֹכֵל, אוֹ אַתָּה לוֹקֶה מֵאָה מַכּוֹת, אוֹ מֵאָה מָנֶה אַתָּה נוֹתֵן. אָמַר לוֹ: הֲרֵינִי אוֹכְלוֹ. הִתְחִיל לֶאֱכֹל, לֹא הִסְפִּיק לִגְמוֹר עַד שֶׁנָּקְטָה נַפְשׁוֹ עָלָיו. אָמַר: הֲרֵינִי לוֹקֶה מֵאָה מַכּוֹת. לָקָה שִׁשִּׁים, לֹא הִסְפִּיק לִגְמוֹר עַד שֶׁנִּסְתַּכֵּן לָמוּת. אָמַר: הֲרֵינִי נוֹתֵן מֵאָה מָנֶה. נִמְצָא אוֹכֵל דָּג מַבְאִישׁ וְלוֹקֶה, וְנוֹתֵן מֵאָה מָנֶה. כָּךְ נַעֲשָׂה לַמִּצְרִים: לָקוּ וְשִׁלְּחוּ וְנִטַּל מָמוֹנָם.

## וַיְהִי בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה.

„וַיְהִי בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה" — אָמַר ר' לֵוִי: מָשָׁל לְאֶחָד שֶׁהָיָה לוֹ שָׂדֶה, וְהָיָה בָּהּ גַּל שֶׁל צְרוֹרוֹת. עָמַד וּמְכָרָהּ לְאַחֵר. עָמַד אוֹתוֹ הָאִישׁ שֶׁקְּנָאָהּ וְהֶעֱבִיר אוֹתוֹ הַגַּל מִתּוֹכָהּ וּמָצָא תַחְתָּיו מַיִם חַיִּים. נְטָעָהּ גְּפָנִים, עֲשָׂאָהּ שׁוּרוֹת־שׁוּרוֹת. נָטַע בָּהּ כָּל מִינֵי בְשָׂמִים, נָטַע בָּהּ רִמּוֹנִים, הֶעֱמִידָהּ עַל קָנִים, בָּנָה מִגְדָּל בְּתוֹכָהּ וְהוֹשִׁיב בְּתוֹכָהּ שׁוֹמֵר. כָּל מִי שֶׁהָיָה עוֹבֵר עָלֶיהָ הָיָה מְשַׁבְּחָהּ. עָבַר עָלֶיהָ אוֹתוֹ הָאִישׁ שֶׁמְּכָרָהּ, רָאָה אוֹתָהּ מְלֵאָה כָּל טוּב, אָמַר: אוֹי לִי שֶׁכָּךְ מְכַרְתִּי! אוֹי לִי שֶׁכָּךְ הוֹצֵאתִי מִיָּדִי! כָּךְ הָיוּ יִשְׂרָאֵל בְּמִצְרַיִם גַּל שֶׁל צְרוֹרוֹת, כֵּיוָן שֶׁיָּצְאוּ נַעֲשׂוּ פַּרְדֵּס רִמּוֹנִים. כָּל הַיָּמִים שֶׁהָיוּ הַבְּרִיּוֹת רוֹאִין אֶת יִשְׂרָאֵל הָיוּ מְשַׁבְּחִין

עה

# אַ דרײַיקע שטראָף

"און עס איז געווען ווען פּרעה האָט זיי אַרויסגעשיקט". ווײַטער זאָגט ער: "און די ייִדן וועל איך ניט אַרויסשיקן" און דאָ שיקט ער זיי.

אַ משל צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו איינעם וואָס האָט געזאָגט צו זײַן קנעכט: — גיי און ברענג אַ פֿיש פֿון מאַרק.

איז ער אַרויס און געבראַכט אַ געפֿוילטן פֿיש.

זאָגט ער צו אים: — איך בין גוזר אויף דיר, פֿון איינס פֿון די דרײַ קענסטו זיך ניט באַפֿרײַען: אָדער דו עסט אויף דעם פֿיש, אָדער דו וועסט קריגן הונדערט שמיץ, אָדער דו גיסט הונדערט רענדלעך.

זאָגט ער צו אים: — איך וועל אים עסן.

האָט ער אָנגעהויבן צו עסן און ניט באַוויזן צו ענדיקן ווי עס איז אים שטאַרק ניט־גוט געוואָרן.

זאָגט ער: — איך וויל בעסער קריגן הונדערט שמיץ.

האָט ער געקראָגן זעכציק, ניט באַוויזן צו ענדיקן און ער האָט געהאַלטן בײַם שטאַרבן, זאָגט ער: — איך גיב הונדערט רענדלעך.

אַזוי אַרום איז אַרויס: אי פֿוילע פֿיש געגעסן, אי שמיץ געכאַפּט און הונדערט רענדלעך באַצאָלט.

אַזוי איז אויך געווען מיט די מצרים: מכּות געקראָגן, די ייִדן אַרויסגעשיקט און זייער געלט איז צוגענומען געוואָרן.

עו

# ווען פּרעה האָט אַרויסגעשיקט

"ויהי — און עס איז געווען ווען פּרעה האָט אַרויסגעשיקט". — האָט געזאָגט ר' לוי: — עס איז אַ משל צו איינעם וואָס האָט געהאַט אַ פֿעלד, און אויפֿן פֿעלד איז געווען אַ קופּע מיט שערבלעך. האָט ער זיך געשטעלט און אים פֿאַרקויפֿט אַ צווייטן. האָט דער מאַן, וואָס האָט אים געקויפֿט גענומען און אַרויסגעפֿירט די קופּע. האָט ער אונטער איר געפֿונען קוואַליק וואַסער. האָט ער פֿאַרפֿלאַנצט ווײַנשטאָקן און זיי געמאַכט אין שורות. האָט ער פֿאַרפֿלאַנצט אַלערליי געווירצן, מילגרוימען, אונטערגעשטעלט שטעקנס (צו שטיצן די צווײַגן). האָט אויסגעבויט אַ טורעם און אַוועקגעזעצט אַ שומר. איטלעכער וואָס איז נאָר פֿאַרבײַגעגאַנגען האָט עס געלויבט. איז פֿאַרבײַ דער מענטש, וואָס האָט עס פֿאַרקויפֿט, האָט ער דאַרטן דערזען אַל דאָס גוטס. זאָגט ער:

— ווי מיר, וואָס אַזוינס האָב איך פֿאַרקויפֿט! ווי מיר, וואָס אַזוינס האָב איך אַרויסגעלאָזט פֿון מײַן האַנט!

אַזוי אויך זײַנען די ייִדן אין מצרים געווען אַ קופּע שערבלעך. ווי נאָר זיי זײַנען אַרויס, זײַנען זיי געוואָרן אַ מילגרוימען־גאָרטן. אַלעמאָל ווען מענטשן האָבן געזען די ייִדן האָט מען זיי געלויבט.

אוֹתָם. רָאָה אוֹתָם פַּרְעֹה, הִתְחִיל צוֹוֵחַ וְאוֹמֵר: אוֹי לוֹ לְאוֹתוֹ הָאִישׁ, שֶׁכָּךְ הוֹצִיא מִתַּחַת יָדוֹ! לְכָךְ נֶאֱמַר: „וַיְהִי בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה" — וַי־הִי!

## מִן הַמֵּצַר.

בְּשָׁעָה שֶׁיָּצְאוּ יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם לְמָה הָיוּ דּוֹמִים? לְיוֹנָה שֶׁבָּרְחָה מִפְּנֵי הַנֵּץ וְנִכְנְסָה לִנְקִיק הַסֶּלַע וּמָצְאָה שָׁם הַנָּחָשׁ מְקַנֵּן; אִם תִּכָּנֵס לִפְנִים הֲרֵי הַנָּחָשׁ נוֹשֵׁךְ בָּהּ; תַּחֲזוֹר לַאֲחוֹרֶיהָ — הֲרֵי הַנֵּץ עוֹמֵד בַּחוּץ לְתָפְסָהּ. מֶה עָשְׂתָה הַיּוֹנָה? הִתְחִילָה צוֹוַחַת וּמְטַפַּחַת בַּאֲגַפֶּיהָ, כְּדֵי שֶׁיִּשְׁמַע לָהּ בַּעַל הַשּׁוֹבָךְ וְיָבֹא וְיַצִּילֶהָ. כָּךְ הָיוּ יִשְׂרָאֵל דּוֹמִים עַל הַיָּם: לֵירֵד לַיָּם לֹא הָיוּ יְכוֹלִים, שֶׁעֲדַיִן לֹא נִקְרַע לָהֶם הַיָּם; לַחֲזוֹר לַאֲחוֹרֵיהֶם לֹא הָיוּ יְכוֹלִים, שֶׁכְּבָר פַּרְעֹה הִקְרִיב. מֶה עָשׂוּ? „וַיִּירְאוּ מְאֹד וַיִּצְעֲקוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל יְיָ" — מִיַּד „וַיּוֹשַׁע יְיָ בַּיּוֹם הַהוּא".

## עוֹמֵד בַּפֶּרֶץ.

„וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָעָם: אַל תִּירָאוּ" — לְמִי הָיָה דּוֹמֶה מֹשֶׁה רַבֵּנוּ? לְרוֹעֶה נֶאֱמָן שֶׁנָּפְלָה גָּדֵר סָמוּךְ לַחֲשֵׁכָה, עָמַד וּגְדָרָהּ מִשָּׁלֹשׁ רוּחוֹתֶיהָ, נִשְׁתַּיְּרָה פִּרְצָה וְלֹא הָיְתָה לוֹ שָׁעָה לְגָדְרָהּ —

האַט עס פּרעה דערזען און אָנגעהויבן שרײַען און זאָגן: — ווײ צו יענעם וואָס האָט אַזוינס אַרויסגעלאָזט פֿון זײַן האַנט.

דערפֿאַר איז געזאָגט: "ויהי בשלח פּרעה". און ויהי מיינט וי—הי — אוי ווײ!

עז

## פֿון ענגשאַפֿט

ווען די ייִדן זײַנען אַרויס פֿון מצרים, צו וועמען זײַנען זײ געווען געגליכן? — צו אַ טויב, וואָס איז אַוועקגעפֿלויגן פֿון אַ שפּאַרבער און איז אַרײַן אין אַ פֿעלדז־שפּאַלט און דאָרטן געפֿונען אַ שלאַנג האָט זיך אַ נעסט געמאַכט. ווערט זי אַרײַן אינעווייניק, וועט דאָך זי די שלאַנג בײַסן; זאָל זי זיך אומקערן צוריק — שטייט דאָך דער שפּאַרבער אין דרויסן זי צו כאַפּן. וואָס האָט די טויב געטאָן? האָט זי גענומען וואָרקען און פּאַטשן מיט די פֿליגלען, כּדי דער בעל־הבית פֿון טויבן־שלאַק זאָל דערהערן און קומען זי ראַטעווען.

אַזוי זײַנען אויך געווען די ייִדן בײַם ים: אַראָפּלאָזן זיך אין ים אַרײַן האָבן זײ ניט געקענט, ווײַל דער ים איז נאָך ניט געווען געשפּאָלטן; אומקערן זיך צוריק האָבן זײ ניט געקענט, ווײַל פּרעה איז שוין נאָענט געווען. וואָס האָבן זײ געטאָן? "האָבן זײ זייער מורא געהאַט און די ייִדן האָבן געשריִען צו גאָט", און באַלד "און גאָט האָט געראַטעוועט זײ אין יענעם טאָג".

עח

## פֿאַרשטעלט דעם בראָך

"און משה האָט געזאָגט צום פֿאָלק: האָט קיין מורא ניט". — צו וועמען איז משה געווען געגליכן? צו אַ געטרײַען פּאַסטוך וואָס אַ צוים איז אים אײַנגעפֿאַלן אין אַ פֿאַרנאַכט. האָט ער זיך געשטעלט און פֿאַרצאַמט פֿון דרײַ זײַטן. איז אים געבליבן איין אויפֿבראָך און ער האָט שוין קיין צײַט ניט געהאַט אים צו פֿאַרצאַמען.

וְעָמַד הוּא בְּתוֹךְ הַפִּרְצָה. בָּא אֲרִי וְעָמַד כְּנֶגְדּוֹ, בָּא זְאֵב וְעָמַד כְּנֶגְדּוֹ.

## שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל.

„וַיִּסַּע מַלְאַךְ הָאֱלֹהִים הַהוֹלֵךְ לִפְנֵי מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל וַיֵּלֶךְ מֵאַחֲרֵיהֶם" – מָשָׁל לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה? לְאֶחָד שֶׁהָיָה מְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ, וְהָיָה מַנְהִיג אֶת בְּנוֹ לְפָנָיו; בָּאוּ לִסְטִים לִשְׁבּוֹתוֹ מִלְּפָנָיו – נְטָלוֹ מִלְּפָנָיו וּנְתָנוֹ לְאַחֲרָיו; בָּא הַזְּאֵב מֵאַחֲרָיו – נְטָלוֹ מֵאַחֲרָיו וּנְתָנוֹ לְפָנָיו; בָּאוּ לִסְטִים מִלְּפָנָיו וּזְאֵבִים מֵאַחֲרָיו – נְטָלוֹ וּנְתָנוֹ עַל זְרוֹעוֹתָיו; הִתְחִיל הַבֵּן מִצְטַעֵר מִפְּנֵי הַחַמָּה – פָּרַשׂ עָלָיו בִּגְדוֹ. אַף כָּךְ עָשָׂה הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְיִשְׂרָאֵל: הַיָּם לִפְנֵיהֶם וּמִצְרַיִם לְאַחֲרֵיהֶם – „קְחָם עַל זְרוֹעוֹתָיו"; הִתְחִילוּ מִצְטַעֲרִים פָּרַשׂ עֲלֵיהֶם בִּגְדוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר: „פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ".

## עַמּוּד הֶעָנָן.

„וַיָּבֹא עַמּוּד הֶעָנָן בֵּין מַחֲנֵה מִצְרַיִם וּבֵין מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל וַיְהִי הֶעָנָן וְהַחֹשֶׁךְ" – הֶעָנָן עַל יִשְׂרָאֵל וְהַחֹשֶׁךְ עַל הַמִּצְרִים. מִצְרִים שֶׁהָיוּ נְתוּנִים בָּאֲפֵלָה רוֹאִים אֶת יִשְׂרָאֵל אוֹכְלִים וְשׁוֹתִים וּשְׂמֵחִים בָּאוֹרָה וְהָיוּ מְזָרְקִים בָּהֶם חִצִּים וְאַבְנֵי בַּלִּיסְטְרָאוֹת וְהָיָה הֶעָנָן מְקַבְּלָם. וְכֵן הוּא אוֹמֵר: „וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם עַל כַּנְפֵי נְשָׁרִים" – מַה נִּשְׁתַּנָּה נֶשֶׁר זֶה מִכָּל הָעוֹפוֹת כֻּלָּם, שֶׁכָּל הָעוֹפוֹת נוֹתְנִים אֶת בְּנֵיהֶם תַּחַת רַגְלֵיהֶם, מִפְּנֵי שֶׁהֵם מִתְיָרְאִים מֵעוֹף אַחֵר, שֶׁהוּא פּוֹרֵחַ עַל גַּבֵּיהֶם; אֲבָל הַנֶּשֶׁר הַזֶּה אֵינוֹ מִתְיָרֵא אֶלָּא מֵאָדָם בִּלְבַד, שֶׁלֹּא יִזְרוֹק בּוֹ חֵץ, לְפִיכָךְ הוּא נוֹתֵן אֶת בָּנָיו עַל גַּבֵּי כְּנָפָיו. אוֹמֵר: מוּטָב שֶׁיִּכָּנֵס הַחֵץ בִּי וְלֹא בְּבָנַי.

האָט ער זיך געשטעלט אין אויפֿבראַד. איז געקומען אַ ליוב, און ער (דער פּאַסטוך) איז אים ביַיגעשטאַנען; געקומען אַ וואָלף און ער איז אַנטקעגן אים ביַיגעשטאַנען.

עט

## דער שומר פֿון די ייִדן

"און דער מלאך פֿון גאָט, וואָס איז געגאַנגען פֿאַר דער מחנה ייִדן איז אַריבערגעגאַנגען און איז געגאַנגען הינטער זיי". — אַ משל צו וואָס די זאַך איז געגליכן, — צו איינעם וואָס איז געגאַנגען אין וועג און ער האָט געפֿירט זיַין קינד פֿאַרויס. זיַינען געקומען גזלנים פֿון פֿאָרנט אים אַוועקצורויבן, האָט ער גענומען און אים געשטעלט הינטער זיך; איז געקומען אַ וואָלף פֿון הינטן, האָט ער אים גענומען פֿון פֿאָרנט; זיַינען געקומען רויבער פֿון פֿאָרנט און וועלף פֿון הינטן, — האָט ער אים גענומען און געהאַלטן אויף די הענט; האָט דער זון גענומען ליַידן פֿון דער זון, — האָט ער איבער אים פֿאַרשפּרייט זיַין בגד.

אַזוי האָט גאָט געטאָן מיט די ייִדן: דער ים פֿון פֿאָרנט און מצריִים פֿון הינטן, — "האָט ער זיי גענומען אויף די הענט"; האָבן זיי גענומען ליַידן, האָט ער פֿאַרשפּרייט איבער זיי זיַין בגד, ווי עס איז געזאָגט: "ער האָט פֿאַרשפּרייט אַ וואָלקן ווי אַ פֿאָרהאַנג".

פּ

## דער וואָלקן־זיַיל

"און עס איז געקומען דער וואָלקן־זיַיל צווישן דער מחנה פֿון מצרים און דער מחנה פֿון די ייִדן און עס איז געווען אַ וואָלקן און פֿינצטערניש". — דער וואָלקן איבער די ייִדן און די פֿינצטערניש איבער די מצריִים. זיַינען די מצריִים געווען אין דער פֿינצטער און זיי זעען די ייִדן עסן און טרינקען און פֿרייען זיך אין ליכט. האָב זיי אויף זיי געשליַידערט פֿיַילן און שטיינער און דער וואָלקן האָט זיי אַריַינגענומען.

און אַזוי זאָגט עס דאָרטן: "און איך האָב איַיך געטראָגן אויף די אָדלער־פֿליגלען". — מיט וואָס איז אַן אָדלער אַנדערש פֿון אַנדערע פֿייגל, — וויַיל אַלע פֿייגל האַלטן זייערע קינדער אונטער די פֿיס, וויַיל זיי האָבן מורא פֿאַר אַן אַנדער פֿויגל וואָס פֿליט איבער זיי. דער אָדלער אָבער האָט מורא נאָר פֿאַר דעם מענטשן ער זאָל אין אים ניט שיסן קיין פֿיַיל, דערפֿאַר האַלט ער זיַינע קינדער אויף די פֿליגלען. ער זאָגט: בעסער זאָל אַריַין דער פֿיַיל אין מיר און ניט אין מיַינע קינדער.

# עַל שְׂפַת הַיָּם.

תַּנְיָא, הָיָה ר' מֵאִיר אוֹמֵר: בְּשָׁעָה שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל עוֹמְדִים עַל שְׂפַת הַיָּם הָיוּ שְׁבָטִים מְנַצְּחִים זֶה עִם זֶה. זֶה אוֹמֵר: אֲנִי יוֹרֵד תְּחִלָּה לַיָּם, וְזֶה אוֹמֵר: אֲנִי יוֹרֵד תְּחִלָּה לַיָּם. קָפַץ שִׁבְטוֹ שֶׁל בִּנְיָמִין וְיָרַד לַיָּם תְּחִלָּה, וְהָיוּ שָׂרֵי יְהוּדָה רוֹגְמִים אוֹתָם. לְפִיכָךְ זָכָה בִּנְיָמִין הַצַּדִּיק וְנַעֲשָׂה אֻשְׁפִּיזְכָן לַגְּבוּרָה, שֶׁנֶּאֱמַר: „וּבֵין כְּתֵפָיו שָׁכֵן". אָמַר לוֹ רַבִּי יְהוּדָה: לֹא כָּךְ הָיָה מַעֲשֶׂה, אֶלָּא זֶה אוֹמֵר: אֵין אֲנִי יוֹרֵד תְּחִלָּה לַיָּם, וְזֶה אוֹמֵר: אֵין אֲנִי יוֹרֵד תְּחִלָּה לַיָּם. קָפַץ נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב וְיָרַד לַיָּם תְּחִלָּה. בְּאוֹתָהּ שָׁעָה הָיָה משֶׁה מַאֲרִיךְ בִּתְפִלָּה, אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: יְדִידַי טוֹבְעִים בַּיָּם וְאַתָּה עוֹמֵד וּמַאֲרִיךְ בִּתְפִלָּה לְפָנַי! אָמַר לְפָנָיו: רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, מַה בְּיָדִי לַעֲשׂוֹת? אָמַר לוֹ: „דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ. וְאַתָּה הָרֵם אֶת מַטְּךָ"...

---

בְּשָׁעָה שֶׁבִּקֵּשׁ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְהַטְבִּיעַ אֶת מִצְרַיִם בַּיָּם עָמַד עֻזָּא שַׂר שֶׁל מִצְרַיִם וְנִשְׁתַּטַּח לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא וְאָמַר לְפָנָיו: רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, בְּמִדַּת הָרַחֲמִים בָּרָאתָ עוֹלָמְךָ, לָמָּה אַתָּה רוֹצֶה לְהַטְבִּיעַ אֶת בָּנַי? מִיָּד כִּנֵּס הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא כָּל פַּמַּלְיָא שֶׁל מַעְלָה וְאָמַר לָהֶם: הֱיוּ דָנִים בֵּינִי וּבֵין עֻזָּא שַׂר שֶׁל מִצְרַיִם. הִתְחִילוּ שָׂרֵי הָאֻמּוֹת מְלַמְּדִים סַנֵּגוֹרְיָא עַל מִצְרַיִם. כֵּיוָן שֶׁרָאָה מִיכָאֵל כָּךְ, רָמַז לְגַבְרִיאֵל וְטָס לְמִצְרַיִם טִיסָה אַחַת וְשָׁמַט לְבֵנָה עִם טִיטָהּ וְתִינוֹק אֶחָד עִמָּהּ שֶׁשִּׁקְּעוּהוּ בַּבִּנְיָן, וּבָא וְעָמַד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא וְאָמַר: רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, כָּךְ שִׁעְבְּדוּ אֶת בָּנֶיךָ! מִיָּד יָשַׁב עֲלֵיהֶם הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בְּמִדַּת־הַדִּין וְטִבְּעָם בַּיָּם.

פא

# בײַם ברעג ים

עס ווערט געלערנט, רבֿ מאיר פֿלעגט זאָגן: — ווען די ייִדן זײַנען געשטאַנען בײַם ברעג ים, האָבן די שבֿטים זיך געקריגט צווישן זיך. דער זאָגט: איך וויל פֿריער אַרײַנגיין, און יענער זאָגט: איך וויל פֿריער אַרײַנגיין אין ים. האָט שבֿט בנימין אַ שפּרונג געטאָן אין ים אַרײַן. האָבן די האַרן פֿון יהודה זיי פֿאַרשטײנט. דערפֿאַר האָט בנימין הצדיק זוכה געווען און ער איז געוואָרן דער גאַסט־אויפֿנעמער פֿון גאָט, ווי עס איז געזאָגט: — „און צווישן זײַנע אַקסלען רוט ער" (דער בית־המקדש איז געווען אין לאַנד פֿון בנימין).

האָט אים געזאָגט רבי יהודה: — די מעשה איז געווען ניט אַזוי, נאָר דער זאָגט: איך וויל ניט אַרײַנגיין אין ים פֿריער, און יענער זאָגט: איך וויל ניט אַרײַנגיין אין ים פֿריער. האָט נחשון בן עמינדבֿ אַ שפּרונג געטאָן און זיך געלאָזט אין ים דער ערשטער. און משה האָט אין יענער צײַט געהאַלטן אין דאַווענען. זאָגט אים הקדוש ברוך הוא:

— מײַנע פֿרײַנט זינקען אין ים און דו שטייסט און האַלטסט אין דאַווענען פֿאַר מיר!

זאָגט ער צו אים: — ריבונו של עולם, וואָס קען איך טאָן?

זאָגט ער אים: — רייד צו די ייִדן און זאָלן זיי זיך לאָזן, און דו הויב אויף דײַן שטעקן *).

ווען גאָט האָט געוואָלט דערטרינקען מצרים אין ים, האָט זיך עוזא דער מלאך פֿון מצרים אויסגעצויגן פֿאַר גאָט און געזאָגט פֿאַר אים: — ריבונו של עולם! דו האָסט דאָך באַשאַפֿן די וועלט מיט רחמנות, וואָס־זשע ווילסטו איצט דערטרינקען מײַנע קינדער?

האָט גאָט באַלד צונויפֿגעקליבן דעם גאַנצן אויבערשטן בית־דין (די פֿמליא של מעלה) און זיי געזאָגט: — משפּט צווישן מיר און עוזא דעם מלאך פֿון מצרים.

האָבן די מלאכים פֿון אַלע פֿעלקער גענומען לערנען פֿאַרטיידיקונג פֿאַר מצרים. ווי מיכאל האָט עס דערזען, האָט ער אַ ווונק געטאָן צו גבֿריאל דעם מלאך און ער איז געפֿלויגן ביז מצרים אין פֿלי, האָט אַרויסגערוקט אַ ציגל מיט ליים און אַ קינד אין דעם וואָס מען האָט אַרײַנגעטאָן אין דער געבײַדע. איז ער געקומען מיט דעם און זיך געשטעלט פֿאַר גאָט און געזאָגט:

— ריבונו של עולם, אַזוי האָבן זיי פֿאַרשקלאַפֿט דײַנע קינדער!

באַלד האָט זיך גאָט איבערגעזעצט אויף דעם מידת הדין (ניט פֿון רחמנות וועגן, נאָר ווי עס קומט) און זיי דערטרונקען אין ים.

---

*) א שפּרונג פון א נחשון אין א ים פון שווערקייטן פאר זיין גלויבן אין גליק פון זיין פאלק קען נאכציען דאס גאנץ פאלק און איז וויכטיקער פון ריידן, בעטן און אפילו פון משהס תפילות.

בְּאוֹתָהּ שָׁעָה בִּקְשׁוּ מַלְאֲכֵי־הַשָּׁרֵת לוֹמַר שִׁירָה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא. אָמַר לָהֶם הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: מַעֲשֵׂי יָדַי טוֹבְעִים בַּיָּם וְאַתֶּם אוֹמְרִים שִׁירָה לְפָנַי!

## בִּזַּת הַיָּם.

„וַיַּסַּע מֹשֶׁה אֶת יִשְׂרָאֵל מִיַּם סוּף" — כְּשֶׁרָדַף פַּרְעֹה אַחֲרֵי יִשְׂרָאֵל בְּרֶכֶב וּפָרָשִׁים—עָמַד וְקִשֵּׁט כָּל אוֹתָם הַסּוּסִים בַּאֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת וְהָיוּ מֻשְׁלָכוֹת עַל שְׂפַת הַיָּם. הָיוּ יִשְׂרָאֵל יוֹרְדִים בְּכָל יוֹם וְנוֹטְלִים מֵהֶן וְלֹא הָיוּ מְבַקְשִׁים לָזוּז מִשָּׁם. כֵּיוָן שֶׁרָאָה מֹשֶׁה כָּךְ, אָמַר לָהֶם: מָה אַתֶּם סְבוּרִים, שֶׁבְּכָל יוֹם הַיָּם מַעֲלֶה לָכֶם אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת? עָמַד וְהִסִּיעָם בְּעַל־כָּרְחָם.



אין יענער צייט האבן די מלאכים פון גאט געוואלט זאגן שירה פאר הקדוש ברוך הוא. האט זיי גאט געזאגט :

— די שאפונגען פון מיינע הענט זינקען אין ים און איר זינגט פאר מיר געזאנגען !

פב

## די רויב ביים ים

"און משה האט אוועקגעפירט די יידן פון ים סוף" — ווען פרעה האט זיך געלאזט יאגן די יידן מיט רייטוועגענער און רייטערס, האט ער אויסגעפוצט אלע פערד מיט טייערע שטיינער און מיט פערל און זיי האבן זיך געוואלגערט ביים ברעג פון ים. פלעגן די יידן זיך ארפלאזן אלע טאג און זיי נעמען און זיך ניט געוואלט רירן פון דארטן.

אז משה האט דערזען אז עס איז אזוי, האט ער געזאגט צו זיי : — וואס מיינט איר, אלע טאג וועט אייך דער ים ארויסברענגען טייערע שטיינער און פערל ? — און ער האט זיי מיט געוואלד פון דארטן אוועקגעפירט *).

*) די יידן האבן זיך צוגעפאסט צו גאלד און פערל און פארגעסן דעם גלויבן אין פרייהייט. משה האט זיי מיט געוואלט געלערנט, אז פרייהייט און פארזיכיקייט איז וויכטיקער פון רייכקייט.